די אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק

THE WORKS OF MORRIS ROSENFELD VOL. III.

שריפטען

פון

מאררים ראזענפעלד

דריטער באַנד

(פראָזא)

ארויסגעגעבען פון

די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק פערלאג קאמפ.

ניו־יארק.

TAYLOR INSTITUTION
UNIVERSITY
31 OCT 1986
OF OXFORD
LIBRARY

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

פאָרוואָרט

„בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל ניט“, מוז איך זאָגען ביי די ערשיינונג פון מיין פּראָזא אין בוכפאָרם. דאָס ווערק וואָלט שוין לאַנג געדרוקט געווען, דער זאַץ איז געשטאַנען כמעט אין גאַנצען פאַרטיג נאָך מיט צוויי יאהר צוריק, נאָר צוליעב מיין שווערער קראַנקהייט איז די אַרבייט אונטערבראָכען געוואָרען ביז יעצט.

איינינע זאַכען אין דעם בוך, ווי די פּאָגראָם־בילדער, וואָלטען אפשר געמאַכט אַ שטאַרקערען רושם, ווען זיי וואָלטען ערשיענען אין אַ זאַמלונג צו דער צייט פון די רוסישע רציחות אויף אידען, איך גלויב אבער ניט, אַז זיי האָבען זיך צופיעל פערשפּעטיגט...

די טראַגעדיע פון מיינע ברידער אין רוסלאַנד איז נאָך ניט געענדיגט און דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין קישינעוו, מאָהילעוו, אָדעס, ביאַליסטאָק א. ז. וו. וועט קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערען פון אידישען פּנקס.

איך קום נאָך אַלזאָ אין דער רעכטער צייט...

די אבטיילונג פון „רויטען תהום“ איז פריהער געדרוקט געוואָרען בעזונדער אין פערשיעדענע צייטשריפטען און בלעטער, דאָך זיינען דאָס ניט געווען קיין געוועהנליכע צייטונגס אויפזעצע, זאָנדערן שטיקער נשמה. איך וועל ניט מגזם זיין ווען איך וועל זאָגען, דאָס איך האָב גייסטיג דורכגעלעבט דאָ אין אַמעריקאַ דעם גאַנצען חורבן פון די היסטאָרישע הריגות.

אָט דער חורבן האָט מיך אַזוי שוואַך און קראַנק געמאַכט, אַז

ער איז פּאָזיטיוו געווען איינער פון די הויפּט סיבות פון מיין יעצטיגער נערוועזיטעט.

אַלץ, וואָס איך האָב דעמאָלט דורכגעלעבט, האָב איך אין אָט דעם בוך איינגעשלאָסען אַלס בייטראַג צו די ליידענסגעשיכטע פון מיין פאָלק. מעגליך, אַז איך וואָלט אַליין געזעהן יענע גהינום־מאָמענטען מיט'ן נאַקעטען אויג און וואָלט געפיהלט דעם פּחד פון טויט שוועבען איבער מיין קאָפּ, וואָלטען מיינע זאַכען פיעל הייסער און מעכטיגער אַרויסגעקומען. צווישען רוסלאַנד און מיר ליעגט אָבער אַ ים און איך האָב נאָר איבערגעגעבען די צובראָכענע אידישע קרעכצען, וואָס די דעפּעשען האָבען דאָ אַריבערגעבראַכט.

צום שלום וויל איך נאָך בעמערקען, אַז דאָס בילד „דער רויטער זונטאַג", וואו איך זוך זיך אַריינצולעבען אין דעם כאַראַקטער פון גלח גאַפּאָן — האָב איך געשריעבען באַלד נאָך דער בלוטיגער פּאַסירונג. איך בין (אַזוי ווייט ווי איך וויים) געווען דער ערשטער, וואָס האָט געוואַגט צו צווייפלען אין גאַפּאָן'ס אויפריכטיגקייט אַלס פרייהייטס־קעמפּפער און וועלכער האָט איהם גאַנץ גענוי אָבגעשאַצט. נישט קיין קליינעם קאַמפף האָב איך מיטגעמאַכט מיין „רויטען זונטאַג" אָבצודרוקען, ווייל עס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין שום פערדאַכט אויף דעם אויפטוער פון דער בלוט־באָד אין פּעטערסבורג, אַז ער איז אַ שפּיאָן.

וועגען די אַנדערע זאַכען אין דעם בוך וויל איך גאָר ניט זאָגען, איך האָף, אַז יעדער זאַך וועט קריעגען איהר פערדיענטען ווערטה.

מאָררים ראָזענפעלד.

יאָנקערס, נ. י., 7־טען מאַי, 1908.

אינהאלטס-פערצייכניס

ליעדער אין פראזא

וויעג, קבר און מענש 5
נאיאגארא פאללס 9
גראז 14
נביאות פון גלות 18
די גערעכטיגקייט 24
א מעשה פון מזרח-לאנד 28
נאפאלעאן און הערצעל 33
אויף הערצעל'ס טויט 37
דאס פאלק 38
די קראפט פון שענקיים 43
אחדות 46

דער רויטער אבגרונט

דער בלוטיגער יריד 51
די בלוטענדע נאכטיגאל 58
א רויטער פעליטאן 64
דער רויטער זונטאג 102
ווער ווייס? 108
רוסלאנד'ס צוקונפטס ליעד 111

ארטיקלען און פעליטאנען

פסח מצרים און פסח לעתיד 117
דער סוד פון מתן תורה 122

חשבון הנפש 126
חתן תורה 130
דער בעל תשובה 134
טיפען און פרעטענזיעס 140
חאצקעלע משורר 151
נסיעות אין אידישען קוואַרטאַל 156
ביבעל און באַבעל 208
שמחת תורה'דיג 214
דער רעגענבויגען 223

פערשיעדענעס

צאַצקעס 245
מוטער־ליעבע 248
בעריהמטהיוט 252
מאַרטירער 255
חוצפה און מוט 259
פריינד און פריינדשאַפט 262
שטילע מענשען 267
אונגעבעטענע געסט 270
זי האָט געוויינט 274
הלל צו דער לבנה 279

לידער אין פּראָזאַ

וויעג, קבר און מענש

די וויעג.

און די וויעג האָט געזאָגט:

„קום, מענש, לויב מיך! הויב אויף דיין שטימע הויך; בעזינג מיך מיט די שענסטע ליעדער. איך פערלאַנג דאָס פון דיר; איך האָב אַ טייל אין דיר; דו ביזט מיר אַן אַלטער בעל חוב. אין מיין שוים האָבען דיך געקושט די יונגסטע שטראַהלען פון לעבען. אין מיר זיינען געפאַלען דיינע ערשטע טרערען, און איך, די ערשטע, האָב זיי דיר געשטילט.

„זיס האָסטו אָבגעטרוימט דיינע קינדער־יאָהרען אויף מיין פרייליכען בוזים. אין מיין הארצען האָסטו זיך געוויעגט און געטרוימט פון מלאכים. ניין, ביזט דאַן אַליין געווען אַ מלאך... דיין מוטער האָט דיר געגעבען איהר מילך, און איך — אַ זיסען שמייכעל און דרימעל. איך בין געווען דיין גן עדן אויף דער וועלט. זייט דו ביזט פון מיר אַוועק, האָט דיך דאָס לעבען אָנגעהויבען צו פערפאָלגען.

„בעזינג מיך, מענש! דו טאָרסט מיך ניט פערגעסען. דען איך האָב פערגעטערט דיינע קאַפּריזען און דיין וואונש פלעגט געשעהן. ווי שען איז געווען די קלאָר ווייסע ציעגעלע, וואָס איך האָב דיר געגעבען! איך בין געווען דיין ערשטע הויז, און דיין קליינער שאָטען האָט געשוועבט אויף מיינע ווענט. בעזינג מיך, דען ותען ניט דיין זיסע עראינערונג אַן מיר, וואָס וואָלט דיך בעגלייט אויף דיין וויטער נסיעה?

„מיט מיר איז פערבונדען דיין אונשולד, דיין גליק, דיין שענסטע צייט, וואס קומט ניט מעהר צוריק.“

דער קבר.

און דער קבר האט גערעדט:

„בעזיינג מיך, שטערבליכער, ווייל שפעטער וועסטו דאס ניט קענען. בעצאהל מיר, כל זמן דו ביסט נאך דא. ווידמע מיר דיינע טיעפסטע געפיהלען, דען איך בין דיין אמת'ער פריינד, דיין מלאך הגואל. איך וועל דיר אבווישען דיינע לעצטע טרערען און ברינגען אייביגע צופרידענהיים. אין מיין שוים וועסטו רוהען מיט אן אמת, פריי פון זארג און ינעת נפש.

„שווער איז דער קאמפף פון דיין לעבען, ביי מיר איז פריעדען. גרוים איז די צאהל פון דיינע פערפאלגער, ביי מיר ביזטו זיכער. איך בין דיין שטארקסטע פעסטונג; איך בעשיץ דיך. ביי מיר וועט דיך קיינער ניט בעריהרען; דו ביזט רוהיג. וואס דו רופסט יעצט ד י י נ ע, וועסטו פערליערען, האך מ י י נ ע בלומען רייסט מען ניט...

„בעזינג מיך, שטערבליכער! ביי מיר ענדיגט זיך דיין פאלשער חלום. איך בין הייליגער ווי דיין וויעג. זי האט דיך אבגענארט, און ביי מיר איז דער אמת. דאס לעבען האט דיך טמא געמאכט, איך בין דיך מטהר. רעיונות פלאגען דיך, דו קלערסט און ציטערסט; ביי מיר איז שמחה. ביי מיר קלינגט ניט דער קום פון פאלשע ליעבע, און דער שאטען פון חנוף שוועבט ניט אויף מיינע בריטער. איך בין דיין לעצטע חיים, דיין לעצטע דירה, פון מיר ציהסטו ניט מעהר; דו פערבלייבסט דארט. דער עירוב פון דער צייט פיהרט דיך נאר ביז מיר; ביי מיין שוועל ענדיגט זיך לעבענ'ס תחום שבת...

„בעזינג מיך, שטערבליכער! איך וועל דיר פערטרויען יענעם סוד, וואס איז פערהוילען פון די לעבעדיגע. ביי מיר וועסטו דערגעהן דעם צוועק פון דער וועלט, דעם ציעל פון ווילדען טומעל...
„וועסט דערגעהן, וואס דו ביזט ניט דערגאנגען; ווידמע מיר דיינע געזאנגען!“

דער מענש.

און דער מענש האט א קוק געטאן אין מזרח און אין מערב און האט געזאגט:

„גרויסארטיג און פול מיט צויבער זייט איהר ביידע. הייליג איז דער טרוים פון קינדהייט, וואס שמייכעלט אויף דער וויעג, און ערנסט די פארב פון די געדאנקען, וואס ציטערט אויף דער גרוב.

„וויעג און קבר! איך בין דער שטראם, אין וועלכען איהר ביידע שפיעגעלט זיך אב.

„איך האב פאר דיר א ליעד, מיין וויעג, דאך קורץ און קינדיש איז עס, ווי די צייט פון אונזער קענטשאפט. איך בין צו גרויס פאר דיר אצינד און דו פאר מיר — צו קליין. מיין שאטען איז אריבערגעוואקסען דיינע ווענט, און מיין פאנטאזיע — דיינע הימלען... צו שווער איז יעצט מיין הארץ אריינצוטאן פאר דיר אין א געזאנג. צו שווער; וועסט ברעכען אונטער מיינע טענער...

„און וואס פאר א בעל חוב בין איך דיר סיי ווי סיי? כ'האב אלע דיינע גליקען אבגעשטעלט ביי דיר, און וואנדעל עלענד דורך די טיעפסטע ווילדענים פון לעבען.

„און דו, א, גרוב, שווארצע וואוינונג פון מיין צוקונפט! אויף ד ו קומסט פארדערן א געזאנג? פאראוים פערלאנגסטו זאל איך דיר בעצאהלען? פארוואס? דו וועסט מיר געבען ר ו ה. וועל איך פ י ה ל ע ן, אז איך רוה? איך וועל פ ע ר ג ע ס ע ן,

זאָגסטו. ווע̇ל איך אויך גערדיינקען? דיינע ב ל ו מ ע ן ד ר י י ס ט מ ע ן נ י ט, פערזיכערסטו מיר. ווע̇ל איך אָבער פ י ה ל ע ן, ווי זיי שמעקען?

„ניין, ניין! מיין ת ח ו ם ש ב ת ענדיגט זיך ניט נעבען דיר, איין ברעג פון ע י ר ו ב איז אָנגעבונדען אן דער אייביגקייט... אָן הימעל... אָן דער זונן... אָן גאָט! אָן אלץ, וואָס לעבט, שטרעבט, בעוועגט זיך, רייסט זיך, שטופּט זיך פאַראוים צו דער ליכט, צו דער אייביג, אייביג ריינער ליכט... צום אייביגען „זיין"...

„אויך דו, אָ, גרוב, ביזט נישט דאָס, וואָס דו ביזט, פּונקט ווי איך בין נישט דאָס, וואָס איך שיין צו זיין...

„דו ו ו ע ס ט פערטרויען מיר אַ ס ו ד, האָסטו געזאָגט. פערטרוי עס יעצט! אָט דאָ וויל איך דאָס וויסען! דו שווייגסט, אָ, עלענדע בעריהמערין! אומזיסט איז, וואָס דו פּראַהלסט זיך. דו ווייסט עס פונקט ווי איך. ניין, איך וויים דאָס בעסער... דען איך בין דאָ אַ טהייל פון יענער קראַפט, וואָס ברעכט און שאַפט."

נאַיאַגאַראַ פאַללס

מקולות מים רבים אדירים
משברי ים אדיר במרום.
(תהלים.)

א שטיק „מעשי בראשית“ אין מיטען פון דער ציוויליזאציאָן; א רעשטעל „תהו ובהו“ בעלויכטען מיט עלעקטריציטעט; א סקראַיציק ניט געענדיגטע וועלט; די חורבה פון גאָט'ס ערשטע דירה, —

די נאַיאַגאַראַ פאַלס!

אַן אייביגער וואסער ווארפט זיך פון אַן אייביגען בארג, פונקט ווי א ים וואָלט וועלען בעגעהן זעלבסטמאָרד; ווי די נאַטור וואָלט געוואָרען אַ מעבד עצמה לדעת; ווי דער אשמדאי וואָלט זיך נעלעהרענט שווימען; ווי דער וועלט ארכיטעקט וואָלט דאָ געהאַלטען דעם אונרוה פון די צייטען, —

די נאַיאַגאַראַ פאַלס!

איז דאָס די נאָכוועהענים פון דער „יצירה“, אָדער א פּראָבע פון דער נסיסה פון דער וועלט? האָט זי אַזוי אויסגעזעהן אין מוטער־לייב? וועט זי אַזוי אויסזעהן אין אונטערגאַנג? איז דאָס א שטיק איינגע'עקשן'טע אור־שטאָף, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט בעמייסטערן? איז דאָ אריינגעפאַלען דער שם המפורש?

די נאַיאַגאַראַ פאַלס!

ניין, דאָס מוזען זיין די טרעהרען פון די ליידענדע, וואָס קענען ניט רוהען און שליידערען זיך אין טהאָל, אין יאָמער־טהאָל

מיט קולות... יאָ, דאָס איז דער טרערען־מבול פון די אונגליקליכע, און אָט איז דער רעגנבויגען איבערן אָבגרונד... אָט איז דער בויגען, אין וועמעס בונטע פאַרבען עס שפּיגלען זיך די פיעל קאָלירטע האָפנונגען אויף אַ שפּעטער... און די טרערען רוישען; מיליאָנען־שטימיג צוטראָגט זיך זייער געוואַלד, פערטומלענדיג די אייגעפונדעוועטע, פעסטע בערג ארום...

די נאַיאַגאַרא פאַלס!

און אפשר איז דאָס נאָר מיין אייגען הארץ, וואָס צאַפּעלט, זידט, קאָכט, טומעלט און צוגיסט זיך ימים'דיג אין טהורם־כוואַליעס, וועמעס וויעדער־קול עס וועקט אי גאָט, אי מענש, אי וועלט — די שלאָפענדע דריי־אייניגקייט, וואָס דאַרף וואַכען?... ווארפט זיך דאָס מיין אָרעמע נשמה פון דער הויך? דער „חלק אלוה ממעל", אַ הימלישער וואסער־פאַל אויף דער ערד — אַ נאַיאַגאַרא פאַלס?

די נאַיאַגאַרא פאַלס!

פיעללייכט איז דאָס דער פלוך פון אַן אינדיאַנער מכשפה, פון אַ בלינדע, אַלטע „סקוואַ", פאַר די גערויבטע פרייהייט פון איהר שטאַם, וואָס פלעגט טאַנצען פאַר די גייסטער ביי די פּילע ברעגעס פון דעם טייך אָנטאַריאָ, — די גרויסע, שטאַרקע טייך, וואָס איז משוגע געוואָרען זייט די לאַנד־קאַרט האָט געמאַכט איהר פאַר אַ שענדליכע מחיצה צווישען צוויי נאַציאָנען מיט איין שפּראַכע? און אפשר איז דאָס די מכשפה אליין, דער שפוק פון די פערלאָרענע שבטים, וועמעס פייערדיגע פערד עס האָבען זיך פער־קעהרט אין כוואַליעס, און בריקענען, און הירזשען, און פּאַטשען מיט זייערע וואסער־קאָפּיטעס אין פרעגעלדיגען ווירבעל־שטראָם, וואָס גיט אָב קאָנצערט אין ווילדקייט פאַר די בערגער, פאַרביי דעם „גרויסען גאָרגעל־זועג", וואָס אָטהעמט וואונדער?

די נאַיאַגאַרא פאַלס!

יא, דאָס זיינען גייסטער, אור־אַלטע געשפּענסטער פון אַן אויסגעלאָשענע מענשהייט, פון אַן אַנדער „אמאָל“, אָהן קייטען, אָהן דקדוק, אָהן עטהיק, אָהן וויסענשאַפט, אָהן מאָראַל, אָהן געזעץ... אויס יעדער קעסעל־גרוב פון אָט דעם מורא׳דיגען „קאַטאַראַקט“ ווינקען זיי צו מיר, די גייסטער, אוןריידען אַ לאַנג פערגעסענעם לשון, וואָס מיר דוכט איך פערשטעה... פון דעם זילבערנעם שוים פון די צושטויבטע וואַסער־בערג ערשיינען זיי גרויס און ערהאַבען ווי געדאַנקען, און זינגען, און טאַנצען, און פלאַטערען מיט זייערע נאַסע פליגעל, וואָס טריפען פערל ווי אַ נביא׳ס ליפּען מיט נביאות. אָט קאָנקאַנירען זיי אוועק אין די צוקאָכטקייט פון ווירבעל־שטראָם פאַרביי די פעלזען־וואַנד, און אָט שווימען זיי צוריק ווי פערשלייערטע נימפען און בלייבען רייטען אויפ׳ן רעגענבויגען איבער נאַיאַגאַראַ פאָלס.

די נאַיאַגאַראַ פאָלס!

און אויבען פייפען די אייזענבאַהנען, און עס הוזשען די פאַבריקען, און עס שפּאַנען די בריקען, און בינדען כלומר׳שט צונויף צוויי לענדער... און עס טומלען די עלעקטרישע וואַגאָנעס, און דער ליאַרם פון די לאָקאָמאָטיוועס מישט זיך צונויף מיט דעם גערויש פון די צושמעטערטע וואַסער־וועלטען, און איינס וויל פערטומלען דאָס צווייטע: ציוויליזאַציאָן וויל איבערשרעקען נאַטור און נאַטור — איבערשרייען די טעכניק. אַ מלחמה צווישען אור־גייסט און צייט־גייסט. און די שטערען קוקען אַרונטער פערטראַכט, און פינטלענדיג זייערע ליכטיגע, הימעלשע אויגען פאַר מורא בעהאַלטען זיי זיך אונטער די וואָלקען. און די בערג גליווערען צושראָקען און צוקען זייערע מעכטיגע שולטערן און זייערע לאַנגע, ריעזיגע שאָטענס ווערען פערשלונגען אין נעבעל.

די נאַיאַגאַראַ פאָלס!

איך שטעה צומישט און פערוואונדערט, און פרעג: ווער וועט מנצח זיין?

— איך! שרייט דער צייט־גייסט— שוין שפאן איך איין דעם ווילדען כח אין מיינע פאבריקען. אט זיינען די לייצעס, און אט איז מיין בייטש!

— וואס גאט האט ניט געקענט צושטייער קומען, האב איך בעזיעגט. דען דער „איצט“ איז שטארקער פאר׳ן „געוועזן“ און „וועט זיין“...

און דער סוויסטש פון א שנעל־צוג איז אוועקגעפלויגען אויף א זילבערנעם רויך, וואס האט אויסגעזעהן ווי א ווייסע טויב געבאדען אין מילך.

און דער וואסער פאלט און פאלט, ווי ניט איהם מיינט מען דאס. און ער ברעכט זיך אראב פון בארג אין טהאל, און יעדער טראפען איז געשטעמפעלט מיט׳ן זיעגעל פון אייביגקייט, טראגענדיג אין זיך דעם סוד פון די סודות: די וויעג אדער דעם קבר פון דער וועלט.

א, די נאיאגארא פאלס!

ווי לאנג וועט זי אלץ אזוי פאלען און פאלען, די שרייענדע חידה אהן א פתרון? און מיין פראגע ווערט פערקלונגען אין דעם דונער פון די צוקראכטע פלוטען.

דער „תהו ובהו“ און דער „יהי אור“, זיך ראנגלענדיג, טובל׳ען זיי ביידע אויף פון תהום ווי צוויי שטרייטענדע קלאפער־שלאנגען. און אריינגעפלאכטען איינער אין דעם אנדערען, פלאנ־טערען זיי זיך אריין אין דער רוישענדער וואסערשלעפע, וואס צורייסט זיך אן די שפיצ׳יגע פעלזען, וועלכע גלאצען ארויס פון דער טיעפענים.

און גייסטער און מכשפות, און געדאנקען, און רעטעניסען, און

אפונות, און שפראכען, און שטאמען, און געטער, און „רויטע אי־עלאף“ דרעהען זיך אין סמבטיון פון די כוואליעס, און אין מיטען פון אָט דעם ווירבעל־ווינטער דרעהען זיך מיין הארץ און מיין פאנטאזיע, און דער פערטויבענדער, משונה׳דיגער כאָאָס שטייגט צום רעגענבויגען און העכער, און מיין פראגענדע נשמה שטייגט נאָך איהם.

גראָז

א פירוש אויף תחית המתים.

גראָז! מיר דערזעהען יונגעס גראָז, און דאָס הארץ פאַנגט זיך אָן צו פרעהען. עס ווערט גרין אויף די פעלדער; עס ווערען גרין די געפיהלען. א פריהלינג אינעווענינ און א פריהלינג אין דרויסען; א לוסטגאָרטען אויף דער ערד און א גן עדן אין דער נשמה. און טיעף אין דער ברוסט לאָזט זיך הערען א געהיימע קוקאַווקע:

„קוקו! איהר וועט אייביג לעבען... קוקו! עס איז ניטאָ קיין טויט... קוקו! די גרעזער זיינען א פירוש אויף תחית המתים... קוקו, קוקו, קוקו!..."

ווי אומעטיג, ווי פערניכטעט זעהט אויס די וועלט, ווען עס איז נישטאָ קיין גראָז, די דראָבנע בלעטלאך, דער חן פון די בערג און די ציערונג פון די טהאָלען!

ווי שען זיינען די לאָנקעס, ווען זיי זיינען גרין!

די בלומען זיינען קאָקעטיש און זיי כשופ'ען, אבער די גראָזען זיינען פראָסט און א מחיה...

ווי פרעכטיג איז דער גרינער טאַפּעט, מיט וועלכען די נאַטור האָט פערשפרייט גאָט'ס פוסבענקעלע!

דאָרט, וואו עס איז פאַראַן גראָז, איז פאַראַן לעבען.

וואָלט וויטמאַן, דו שטאַרקער זינגער-פויגעל פון פרייהייטס-לאַנד, אמעריקאַ'ס שטאָלץ, חאַריז און נשמה!

ווי שען איז דיין חלל אנדול צו די גריטע עצאַקעס, מיט וועלכע דער יונגער פריהלינג שפּיעלט זיך!

הערט ווי ער זינגט, דער דיכטער־פּרינץ פון דער נייער וועלט:

„אַ קינד איז געקומען צו מיר מיט פולע הענטלעך אַנגעריסענע גראָז און האָט מיך געפרעגט: „וואָס איז דאָס?“

„האָב איך געקענט ענטפערן דעם קינד? איך ווייס אַזוי וואָס דאָס איז, פונקט ווי ער.

„איך גלויב, אַז דאָס מוז זיין די פאָהן פון מיינע געדאַנקען, געוועבט פון האָפנונגס־גרינע זיידענס.“

פיעלייכט איז דאָס גאָט'ס טאַשענטוך אַראָבגעפאַלען דאָ, פאַר אונז אַ פאַרפומירטע מתנה, וועלכע טראָגט די ערשטע בוכשטאַבען פון דעם איינענטהימער'ס נאָמען ערגעץ אין די ברעגען, כדי מיר זאָלען דאָס איבערלעזען און פרעגען:

„וועמעס?“

און אפשר איז דאָס גראָז אַליין אַ קינד, דאָס חנ'עוודיגע עופ'עלע פון די קרייטעכער?

אפשר איז דאָס אַ מין כתב החרטומים, אין וועלכע עס זיינען פערשריעבען די ווערטער: „זעהט ווי איך שפּראָץ אומעטום, צווישען די ווייסע, שווארצע, רויטע און געלע פעלקער... איך גיעב זיי אַלעמען גלייך, וואָס איך פערמאָג, און איך ערקוויק זיי אַלע גלייך“...

„דאָך, שאַ! מיר שיינט, אַז דאָס זיינען די אונגעשאָרענע האָר פון די קברים!

„צערטליך וועל איך אייך בעזיינגען, איהר אונגעקרויזטע לאָקען פון בית עולם.

„איך ווייס, איך ווייס! איהר וואַקסט אַרויס פון די ברוסטען פון יונגע און אַלטע לייט, וואָס ווען איך וואָלט זיי געקענט וואָלט איך זיי אפשר געליעבט... איהר זייט דער פערקערפּערטער שמייכעל פון די שענע פרויען, וואָס זיינען שוין מעהר ניטאָ. איהר קומט אַרויס פון די הערצער פון זקנים; פון זויגעדיגע קינדער,

וואָס זיינען אוועק פון שוים פון זייערע מוטערס; איהר זייט די צונגען, וואָס קומען ארוים פון די מיילער, וואָס האָבען זיך פערמאכט און זיינען דאָך געבליעבען אָפען...

„אָ, ווען איך וואָלט געקענט איבערזעצען די בשמים'דיגע שפּראכע, וואָס זיי אָטהעמען ארוים!

„רעדט, איהר אייביגע צונגען! וואָס איז געוואָרען מיט די אַלטע און יונגע לייט? וואָס איז געוואָרען מיט די מוטערס און קליינע קינדער?

„איך פיהל, וואָס איהר ענטפערט, איך פערשטעה אייך: — זיי לעבען, זיי לעבען אַלע! קיינער פון זיי איז ניט געשטאָרבען. דאָס קלענסטע גרעזעלע ווייזט, אז עס איז ניטאָ קיין טויט. אַלעס געהט פאָראויס, עס איז אַן אייביגער מארש פאָרוועטס; אַ גאַלאָפּ צום עץ החיים...“

אָ, זיי געגריסט, דו אונגעבאָרענער, געבאָרענער סימבאָל פון מיין אייגענעם „איך“; וואָס דיין זיסער „זיין“ שפּינט זיך אונטער די ווייסע תכריכים פון דעם ווינטער. נאָך קרעכצט דער שנעע אונטער די מידע טריט פון דעם וואנדערער... נאָך מאָלט דער פראָסט זיינע טויטע בלומען אויף די שויבען און פערשטעלט די ליכט פון טאָג... דאָך אונטער אייז און שנעע געהט די ערד צו קינד... שוין הער איך איהרע טיעפע וועהען דורך די אָבגעשטאָרבענע וויעזען... באלד זינגט די שוואלב, באלד שלוקערצט די קוקאווקע: „קוקו“... מזל טוב דיר, וועלט, מיט דיינע ערשט־געבאָרענע גראָז! „קוקו“, עס איז ניטאָ קיין טויט!...

גאַנץ און אייביג איז דאָס לעבען.
אין די שטילע קברים וועבען
אונבעקאַנטע כוחות אונזער „זיין“,
וואָס מיר זעהען פריש זיך צאַפּלען

האָט געקלעטערט אַלע שטאַפּלען
ביז עס האָט דערגרייכט די זונענשיין.

שטענדיג אַרבייט דאָס, כסדר,
לעבען בייט נאָר אום די קליידער,
פערמאַסקירט איז איהם צו קענען שווער.
וואָס עס שיינט אונז אַלס פערלאָרען
איז גאָר ניי און ערשט געבאָרען,
מיר בעגרייפען גאָר ניט וואָס און ווער.

וואָס איז פרייד און וואָס איז טרויער
אין דעם וועקסעלס לאַנגען דויער?
אַך, ווער קען דאָס וויסען און פערשטעהן?
זאָל מען וויינען? זאָל מען שפּאַסען?
זאָל מען ליעבען? זאָל מען האַסען?
ענטפערט! וואָס איז יא און וואָס איז ניין?

נביאות פון גלות

בן אדם! שים פניך אל ירושלים ותטף אל מקדשים והנבא אל אדמת ישראל.

(יחזקאל, כ"א, ז')

דאָס איז געווען אין דער צייט פון די ביטערסטע צרות אויף אידען אין מיטען פון גלות, און איך בין געשטאַנען ביי'ם ברעג פון דעם פרעכטיגסטען טייך פון דעם פרעכטיגסטען לאַנד — ביי דעם „האָדסאָן" און האָב דאָרט גע'חלום'ט מיין חלום.

און אַ שטורם־ווינד איז געקומען, און האָט מיך אָנגענומען, און אַוועקגעטראָגען אויפ'ן מיטען פון דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, און האָט מיך אַוועקגעשטעלט מיט די הוילע פיס אויף דעם רוקען פון אַ ווילדע כוואַליע.

און דאָס וואַסער אונטער מיינע טריט איז געוואָרען האַרט ווי שטאָל, און איך בין געשטאַנען אויף דער שוואַרצער ברוסט פון ים און האָב געקוקט אויף זיינע וועלען. און זיי זיינען געשפּרונגען און געלאָפען איינע צו די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע, און איינע אין די אַנדערע... און לויפענדיג האָבען זיי זיך צובראָכען און זיינען צורונען, און האָבען זיך פערלאָרען אין דער צורייצטער סטעפּע פון די פלוטען. און זיי זיינען באַלד ווידער געוואָרען מיט דאָפּעלטען כח, און זיינען געשפּרונגען אין דער הויך איינ־צושלינגען די הימלען, און האָבען זיך צושמעטערט איינע אָן די אַנדערע, און דער גערויש פון די צובראָכענע וואַסערען האָט אָב־

געקלונגען ביי מיר אין הארצען, און איך בין געוואָרען אונרוהיג ווי דער ים און האָב געפרעגט:

— מיין גאָט, וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

און אַ שטימע האָט מיר געענטפערט:

— דאָס טרוימסטו דעם טרוים פון דיין פאָלק.

איך האָב אַ ציטער געטאָן מיט אַלע גליעדער:

— און ווי אזוי טרוים איך דאָס? — האָב איך געפרעגט.

און די שטימע האָט געענטפערט:

— אָט די דאָזיגע כוואַליעס זיינען דיינע ברידער, וואָס לויפען און יאָגען, און טומלען און שרייען, און זוכען אָהן אַ ציעל און אָהן אַ סוף, און צוברעכען זיך איינע אָן די אנדערע... און ווערען ניט און ווערען ווי ע ד ע ר; אָט ערהויבען זיי זיך ביז די שטערען, און אָט זינקען זיי אין תהום...

און די כוואַליע, אויף וועלכע איך בין געשטאַנען, האָט פלוצלונג גענומען ציטערן אונטער מיינע באָרוועסע פיס, און אַלע ווינדען פון ים האָבען אָנגעהויבען צו פייפען און צו ליאַרמען און צו הוזשען, און די וואָלקען איבער מיין קאָפּ זיינען געוואָרען שוואַרץ ווי נאַכט, און לאַנגע בליצען האָבען געשפּאָלטען די כמאַרעס, און שווערע דונערען האָבען זיך נעקייקעלט מיט אַ טומעל איבער די בלייערנע געוועלבען פון די פערצויגענע הימלען.

און איך האָב איינגעגראָבען מיינע צומישטע בליקען אין דעם פלאַטערנדען שוים פון דעם צופרענעלטען מדבר פון די וואַסערען. און דער ים האָט זיך געעפענט ביז צום גרונד און די עפנונג איז געוואָרען נעבען מיינע טרים, און איך בין געבליעבען שווידערען אויפ׳ן רעכטען ברעג, און האָב מיט אַ „ותּה איז מיר“ אויינד׳ געשטאַרט אין שוואַרצען שלונד...

און פון די טיעפענים האָט זיך ערהויבען אַ ריעזיגע פיגור, אין דער געשטאַלט פון אַ מאַן, און ער איז געבליעבען שטעהן מיט די

פים אויפ'ן דעק פון אבגרונד און מיט זיינע וועלטען־שטארקע שולטערן איבער דעם וואסער. און ער האט געהאלטען אין זיינע ריעזיגע הענד א וואלקען־גרויסען בעקען פון קאראלענשטיין, און דער בעקען איז געווען פול, און די שטימע האט געזאגט:

— יעצט קוק זיך איין!

און איך האב געזעהן, ווי דער ריעז פון תהום האט א גאס געטאן פון דעם בעקען אויף די צושוימטע פלוטען, און דער ים האט אנגעהויבען דאפעלט צו פיעבערען — און האט זיך פערוואנדעלט אין בלוט...

און דער פחד פון טויט האט ארומגעשפונען מיין צוטומעלטע נשמה, און אין מיין הארץ האט זיך אריינגעכאפט די שרעקעניס פון קבר, און איך האב געזעהן: די כוואליע אונטער מיינע אונזיכערע טריט איז געווען א שטיק פערגליווערטע בלוט, און די בלוטיגע וועלען ארום מיר האבען זיך געטורעמט, און עס זיינען געווארען בערג, און עס זיינען געווארען טהאלען, און אין די בלוטיגע וועלען האט זיך אבגעשלאגען א בלוטיגער הימעל... און איך האב נעפרעגט מיט א פחד:

— וואס זאל דאס בעדייטען?

און די שטימע האט געענטפערט:

— דאס האט זיך דער ים פערוואנדעלט אין בלוט.

— און ווי אזוי איז דאס געשעהן? — האב איך קוים אויס־געשטאמעלט. און דער הויך פון מיין מויל איז געווען רויט.

און די שטימע האט געענטפערט, און מיר דאכט, אז איך האב געזעהן רויטע ווערטער:

— דו זעהסט דעם גייסט פון די וואסערען.

— און וואס האט ער געטהאן? — האב איך געפרעגט.

— ער האט צומישט דעם ים מיט אידישע טרערען, — האט די שטימע געענטפערט.

— און וואו האָט ער זיי גענומען? — האָב איך נעקרעכצט פערוואונדערט.

— ער האָט זיי געזאַמעלט ביי דיינע פערוואַגעלטע ברידער, וואָס האָבען געוויינט פאַהרענדיג איבער דיזע טיעפעניששען, — האָט די שטימע געזאָגט.

— און פאַרוואָס איז דאָס וואסער געוואָרען רויט? — האָב איך געפרעגט.

— ווייל אידישע טרערען זיינען בלוטיגע טרערען. — האָט די שטימע געענטפערט.

— טהוט ער דאָס שטענדיג אזוי? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, — האָט די שטימע געענטפערט, — נאָר ווען ער ווערט אין כעס.

און דער גייסט פון די וואסערען האָט א טרייסעל געטאָן זיינע לאַנגע, נאַסע האָר, וואָס האָבען געטריפט מיט בלוט, און דעם בעקען, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיינע מעכטיגע הענד, האָט ער מיט צאָרן א שליידער געטאָן צום גרונד און האָט זיך מיט ביידע פויסטען פערמאָסטען אויף איירָאָפּאַ... און איז פערשוואונדען אין דעם רויטען תהום. און דער אָקעאַן האָט איבער איהם צו־געמאַכט זיין בלוטיג מויל.

און מיר איז דורכגעגאַנגען א רויטער פראָסט דורך די געהירען, און די ווילדע וועל, אויף וועלכער איך האָב געשווינדערט, האָט מיט מיר גענומען לויפען איבער דעם צובלוטיגטען ים. און איך האָב פון דערווייטענס דערזעהן א שיף, וואָס האָט מיט איהר רודער געשניטען דאָס בלוטיגע הארץ פון דער וואסער־וועלט, און איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע אויערן און פערנומען א געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגען מיט א מעלאַנכאָליע אין דער לופטען:

מיר לויפען, עס יאָגען אונז קללות,
עס טרייבען אונז עלענד און פיין,

מיר זיינען די קינדער פון גלות
און פרעגען מיט וועה און יללות:
„אַ, וואָס וועט דער סוף פון אונז זיין?"

מיר לויפען פון טויזענד סכנות,
פון שונא'ס געפעהרליכער האַנד—
אַ, גאָט, קוק אַראָב מיט רחמנות
אויף אונז, אונבעשיצטע קרבנות,
און גיעב אונז אַ היימאַטה אַהן שאַנד!

מיר ווייגען און ווייבען זיינט יאָהרען,
מיר קלאָגען אויף וואַסער און לאַנד...
מיר לויפען בעשעמט און פערלאָרען
און ווייסען ניט, וואוהין מיר פאָהרען,
מיר זוכען אַ היימאַטה אַהן שאַנד.

און די טענער פון דעם טרויעריגען געזאַנג האָבען זיך צוקלונגען אין דער לופטען, און דער שטורם איז געלאָפען ווי אַ פער'סם'טער איבער די רויטע פוסטאַ פון די וואַסערען און האָט געוואָיעט: „אַ היימאַט אָהן שאַנד!" און די מיליאָנען שטורמישע פאַליעס האָבען געררוישט: „אַ היימאַט אָהן שאַנד! און פון דער טיעפענים האָט דאָס ארויפגעליארמט: „אַ היימאַט אָהן שאַנד!"— „אַ היימאַט אָהן שאַנד!" האָבען געמורמעלט מיינע צוקענדע ליפען. און אַ שטימע, וואָס האָט זיך געטראָגען פון מזרח-זייט, האָט געדונערט:

— דאָ האָט איהר אַ היימאַט און מאַכט עס ניט צו שאַנד!...

— און מאַכט דאָס ניט צו שאַנד! האָט דאָס געשטורמט איבער'ן גאַנצען ים.

און דער גייסט פון די וואַסערען האָט ארויסגעשטעקט זיין נאַסען קאָפּ פון אַ רויטע כוואַליע און האָט געשריען מיט כח:

„מאכט עס ניט צו שאנד!“ און דער הימעל איבער מיין קאָפּ האָט זיך פונאנדערגעריסען, און אַ פייערדיגע שטימע האָט געשאַלט ווי אַ שופר: „מאכט עס ניט צו שאנד!“

און אַ מחנה לצים האָבען זיך בעוויעזען אין דער לופטען און האָבען זיך געדרעהט ווי אַ ווינדמיהל און האָבען ארויסגעשטעקט זייערע שווארצע, לאנגע צינגער, און קרימענדיג זיך האָבען זיי געקיכערט: „מאכט עס ניט צו שאנד, שאנד... שאנד... שאנד!“...

— שאנד! שאנד! — האָט עס געהוזשעט און געקיכערט ארום און ארום, און איך האָב אַ שווערען זיפץ געטאָן און — האָב ערוואכט...

די גירעכטיגקייט

פון דעם דומפּפען און פערלאָרענעם קווארטאל פון יאָמער שיינט א ליכט; פון די חושך־נעסטער, וואו דאָס עלענד רעדט מיט בלאסע ליפּען צו די פערלאכטע, קלינגט א וואָרט. דאָס האָט דער שוואכער פולס פון פאָלק ערוואכט. א פרישע קראַפט בעוועגט דעם אידענס הארץ, גירעכטיגקייט ערפרישט ווי טהוי די שלאַפּע ברוסט פון שקלאוו. און עס ערקלינגט א רוף:

„וועה צו זיי, צו די פערפיהרער, וואָס פערקרימען וואהרהייט, לענקען אָב דאָס פאָלק פון גראדען וועג; וואָס שפּיעלען מיט דעם בראָך פון קרעכצער, מיט דעם וועה פון זאָרגער, מיט דעם זיפץ פון שוואכען; וואָס ציהען נוצען פון אונוויסענהייט, און גליק פון דלות.“

„צו די פערזאָרגער וועה!“ דונערט עס ארונטער פון די הימלען. „צו די פאלשע פרעדיגער, וואָס לאָקען אָן די מאסען צו די ליגנערישע פלאָנטעריי פון זייערע דרשות. וועה צו זיי, די פאלשע ליפּען, בעוועגט פון חניפה און פון שוחד; צו די גלאטע צינגער, וועלכע ווארפען לעערע, אָבגעדראָשענע און קרומע פראזען אין פּנים פון פערראָרעמטען, פערדומטען פאָלק.“

ליארמט דאָס: „אָ, ניין! איך וועל עס זיי נישט שענקען. איך וועל מיך נוקם זיין אָן זיי אים נאמען פון אונוויסענדען און פון בערויבטען. איך וועל אריינלאָזען אין זיי דעם גיפט פון אייביגע פערדאמנים און פערניכטונג. איך וועל זיי איינהילען אין חרפּה און פעראכטונג. איך וועל אראָברייסען פון זיי די מאסקע און זיי צונעגלען צום שאנד־קלאָץ מיט די אָבגעדעקטע שווארצקייט פאר דער גאנצער וועלט. און אויף די קהל'שע טעמפּלען און אויף די

אינסטיטוטען, וואו זיי שווינדלען אין מיין נאָמען, וועל איך ארויפ־ווארפען מיין כעס, און אָבקעהרען וועט זיך פון זיי די מאסע מיט א שוידער."

„ווערה," צוטראָגט זיך עס א שטימע דורך די וועלטען. „וועה צו די, וואָס רעדען נאָר פון ציון מיט די מיילער, וואָס גנב'ענען ארויס דאָס צוטרויען פון דעם פער'יתום'טען; וואָס קרוינען זיך מיט כבוד און מיט גדולה דורך דעם גלות פון דעם נע־ונד'ן, טראָגענדיג אין הארץ דעם אבשוים פון דער וועלט. וועה צו זיי, די שארלאטאנעס, וואָס בעטריגען דעם לבנון, וואָס מאכען רויט די ווייסע ליליען פון דעם שרון מיט זייער אונפערשעהמטע האנדלונג; וואָס מאכען בלייך די רויזען פון דעם כרמל פאר אויפרעגונג און כעס; וואָס טשעפּען אָן אָן זייערע שווארצע לאצען די הייליגע קאָקארדע פון די אייביגע נביאים, און פרעדיגען דעם אלטען וואנדערער א נייע גאולה, ניט גלויבענדיג אליין אין זייערע נביאות."

זאָגט די שטימע, וועלכע טראָגט זיך דורך די שטערען: „איך וועל מיך רעכענען מיט זיי אויף גיך, און שארף וועט זיין, און דויער־האפט די ראכע, וועלכע איך וועל אויסאיבען. איך וועל בע־גייסטערן די גרעסטע דיכטער פון דער צייט מיט דעם דורשט פון אמת און גערעכטיגקייט, און צוטראָגען וועלען זיך די ווערטער זייערע ווי בליצען דורך א כמארנעם הימעל; ווי דונערן, וואָס קייקלען זיך מיט טומעל אויף דעם רוקען פון די בערג; ווי א האָגעל איבער וועלדער; ווי א פייער דורך די סטעפּעס און א מבול איבער דר'ערד. איך וועל זיי קרוינען אלס נביאים פון דעם פאָלק, וואָס איז בערויבט אין אלע עקען פון דער וועלט, און זייערע נביאות וועלען ווי די צונגען פון א שרפה, גערייצט פון שטורם, אָבראמען די ביעדערטרעכטיגע און די פערפיהרער."

„דאָך מיט די פאלשע פרעדיגער, פאלשע ציון־לייט וועט זיך נאָך ניט ענדיגען מיין קאמפף! אָ, ניין! איך וועל אויסשטרעקען מיין

פייערדיגען זעבעל געגען יעדען שווינדעל, יעדען אונזין, וועלכער זוכט א באַזיען אין דער מחנה פון די אידען, וועלכער רוקט זיין שווארצע פוס זיך איינצונעסטען אין דעם בוזים פון די מאסען. ניט שוינען וועל איך קיינעם, קיינעם; אלע, אלע, אלע פונקט ווי איינעם וועל איך זיי א נעהם טאָן צום פערהער.“

„וועה וועט זיין די ארבייטער־פערפיהרער, וואָס שלינגען איין דעם לעצטען גראָשען פון בערויבטען קנעכט; וואָס נעהמען צו די שווער־פערהאָרעוועטע לוין פון דעם פערשקלאַפטען, פער־שפּרעכענדיג איהם פאלשע הילף און פוסטען גליק. וועה, יאַ, דאָפּעל וועה וועט זיין צו די ארויסגעבער פון די צבוע׳יאַקישע פובליקאַציאָנען, וואָס ווידמען נאָר די שפּאַלטען פון די בלעטער זייערע צו ליגען און כאַבאַר, וואָס רעדען פון אמונה טראַגענדיג לולבים אין די הענד און צלמים טיעף אין הארצען, וואָס רוקען זיך צום אָרון קודש מיט פערפלעקטע פינגער, וואָס שטופען זיך צום מזרח, און צו יעדען אויבען־אָן אי דאָ, אי דאָרט, אי אומעטום, ווייזענדיג די שווארצע יארמולקע, וואָס קרוינט א לעערען קאָפּ, וואָס זיצט אויף א פערפוילטען גוף, וואָס מאַכט טמא יעדען מענש, וואָס ריהרט איהם אָן. אָ, דאָפּעל וועה צו די ארויסגעבער, וואָס זיינען ווי א נעסט פון שרצים מטמא יעדען רעיון וואָס איז הייליג, וואָס שלעפּען יעדע ווירדיגע בעוועגונג נאָר צוריק, און האלטען אָב דעם פאָרטשריט וועלכער שפּאַנט פאָראויס.

„אויף אָט די ארויסגעבער וועל איך ארויפוואַרפען די גאַנצע ביטערקייט פון דער געוואלדיגסטער סאַטירע פון דער שפּראַך דער ביטערקייט. און מיט דער גאַנצער געוואלט פון גלות וועט זי ארויפפאלען אויף זיי, וואָס האלטען אויף דעם גלות און פערשלעפּען די ערלייזונג פון דעם מידען, וועלכער לעכצט נאָך רוה. פערשטומען וועלען די פערקויפטע קנעכט, וואָס שמירען זייערע בלעטער. דער שקר וועט פערטריקענט ווערען אויף דעם שפּיץ פון זייער פעדער

און וועט קיין קראפט נישט האָבען מעהר צו געהן אויף דעם פאפיער. זיי וועלען ענטפערן, דאָך לאכען וועט די מאסע מיט א צאָרן און דער ווידער־קול פון פאָלק׳ס געלעכטער וועט צוברעכען, ווי א גליהענדע גראנאט, דעם מוט פון דעם פערקויפטען שרייבער און זיין שווארצען בעל הבית.

„געשעהן וועט יעדעם וואָרט ; קיין זילבע דערפון פערקלינגט אין ווינד. דער עלענד־פערטעל פון דער וועלט־שטאדט האָט דער־פיהלט ; זיין שמערץ בעוועגט דעם צונג. עס רעדט, עס רופט, עס װארנט און פערקינדיגט קריעג די שלעכטע. איך פערזיכער דאָס אין נאָמען פון דעם קרעכצער.

די גערעכטיגקייט !“

א מעשה פון מזרח-לאנד

... „צו דער זעלבער צייט האָבען זיך פערזאַמעלט 200 מיטגליעדער פון דער „אַמעריקאַן קאָלאָרד פראָטעקטיוו ליעג“ אין 152 וועסט 53-טע שטראַסע, וואו די נעגערס האָבען אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע צו די בעליידיגטע אידען פון דעם ניו יאָרקער גהעטטאָ, וועלכע ליידען אויך אונרעכט און פערפאָלגונג פונקט ווי זיי, די נעגערס, ליידען עס זינט יאָהרען-לאַנג אין דער וועסט זייטע פון ניו יאָרק פון פערשיעדענע אַמעריקאַנער בויאַנעס“...

א ידיעה אין אַ אידישער ציימונג.

האָט איהר שוין ווען עס איז געהערט די מעשה מיט דעם פערוואָגעלטען פּרינץ? אויב ניט, וועל איך דאָס אייך דערצעהלען.

מיט לאַנגע, לאַנגע יאָהרען צוריק האָט אין איינעם פון די רייכע מזרח-לענדער געהערשט אַ גרויסער קעניג, וואָס האָט געהאַט אַ צולאַזענעם בן יחיד. דער קעניג האָט אָבער זיין זוהן זעהר געליעבט און האָט געזוכט תחבולות איהם אויסצומענשלען און מאַכען פאַר דעם ווירדיגען מאַן, וואָס זאָל בעשטייגען דעם גרויסען טהראָן און ירש'ענען די רייכע מלוכה...

ער האָט געשיקט נאָך די גרעסטע פילאָזאָפען, און די בעסטע לעהרער פון זיין מדינה, זיי זאָלען איהם אַן עצה געבען, וואָס צו טהאָן מיט זיין פּרינץ, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. דער יונגער מאַן האָט נעהאַט אַ זעלטענעם קאָפּ, האָט אַלעס געוואוסט און פערשטאַנען, ער האָט אָבער ניט געפאָלגט און נאָך אויפגעטהאָן זאַכען, וואָס האָבען ניט געפּאַסט פאַר אַ פּרינץ.

TAYLOR INST. OXFORD

ער פלעגט אריינגעהן אין קייזערליכען גארטען און צוטרעטען די שענסטע בלומען מיט זיינע פיס. ער פלעגט ארויסנעהמען די טייערסטע עדעל־שטיינער פון זיין מאטענס קרוין און ווארפען אין בלאטע. ער איז אריין אין קעניגליכען פאלאץ און האט דארט איינעם פון זיין פאטערס טרייע דיענער גע'הרג'עט און האט נאכדעם געמאכט א בונט געגען זיין פאטער אליין...

ווען דער קעניג האט געזעהן, אז עס העלפט ניט קיין מיטעל, האט ער זיך בעשלאסען זיין זוהן צו פעריאגען ביז ער וועט זיך בעסערען.

די האפלייט האבען דאס דערהערט און זיינען געקומען. די פירסטען האבען זיך דערוואוסט און פערזאמעלט. די שענע דאמען האבען געבראכען די צארטע הענד, זיי זיינען אלע געפאלען דעם הערשער צו די פיס און געבעטען און ביטער געוויינט.

„האב מיטלייד, הארר און געביעטער“, האבען זיי געיאמערט, „ווארף ניט ארויף אזא חרפה אויף דיין לאנד און פערשטויס ניט אזוי גרויזאם דיין אייגען בלוט און פלייש!“

אבער דאס האט דעם קעניג נאך מעהר אריינגעבראכט אין כעס, און ער האט גוזר געווען — זיין זוהן זאל געהן.

און ער איז געגאנגען...

דער גאנצער הויף איז געשטאנען ווי פערגליווערט, די מיניס־טארען האבען געשאקעלט זייערע גרויע קעפ און האבען מורא געהאט צו ריידען: די דאמען האבען געוויינט אין זייערע פעכערס און די פאזשען האבען געביסען זייערע פינגער... דער קעניג אבער איז ארויף אויף דעם הויכען טהורם פון זיין שלאס ביין ברעג פון ים און האט אראבגעקוקט פון אויבען ווי זיין איינציג קינד געהט אוועק ליידען גלות.

לאנג האט ער געקוקט און לאנג האט ער געוויינט אין דער שטיל, און די גרויסע טראפען טרערען האבען זיך געקייקעלט

איבער זיינע אלטע, איינגעצויגענע באקען און זיינען אריינגעפאלען אין ים, און דער ים האט אנגעהויבען צו קאכען...

יאהרען זיינען פערגאנגען און דער פערוואגעלטער פרינץ האט געוואנדערט אין פרעמדע לענדער, וואו ער האט די מענשען ניט געקענט און זייער שפראך ניט פערשטאנען. דאס איז שוין ניט מעהר געווען דער שטיפער פון אמאל, ניט מעהר דער לוסטיגער, פערשייטער בן יחיד. די צרות האבען איהם אויסגעלערענט זיפצען, און אפט פלעגט ער זיך פערטראכטען און וויינען. דאך ווי שלעכט איהם איז געווען, האט ער זיך פארט ניט אונטערגעגעבען און האט צום טאטען ניט געשריעבען...

„נישקשה", פלעגט ער שטענדיג זאגען צו זיך אליין. „נישקשה, איך וועל אזוי לאנג געהן ביז איך וועל קומען אויף אנ'ארט. מען דערקענט דאך, אז איך בין ניט קיין פראסטער וואנדערער".

און מען האט טאקע דערקענט אויף דעם אבגעריסענעם ארע־מאן, אז ער איז ניט ארעם געבארען. זיין מאנטעל, וועלכער איז שוין געווען צופוילט און צופיצעלט, האט נאך געטראגען אויף זיך די סמנים פון גאלדענע טרעסען.... צוקאדערט איז געווען דער פירסטליכער מונדיר, אבער פון אונטער די צודריבעלטע לאטעס פלעגט נאך ארויסהייגען א גאלדענער פאדים... דער שווערד, וואס איז געהאנגען ביי זיין זייט, איז שוין לאנג געווען פערראסט און האט אויסגעזעהן ווי א שטיק פערזשאווערטע אייזען; ער האט איהם צובראכען און אוועקגעווארפען... נאר דער ליידיגער שייד האט זיך נאך געהאלטען אויף די אבגעבלאקירטע גאלונען. זיין העמד, וואס ער האט צוריסען איבער דער ברוסט פאר פערצוויי־פלונג, איז געווען שווארץ און שמוציג, אבער מען האט דערקענט, אז זי איז זיידענס...

יא, ער איז געווען אן ארעמאן, א בלוטיגער ארעמאן, אבער א בכבוד'ער. די אלטע קעניגליכע שמאטעס, וואס האבען האלב בע־

דעקט זיין מיעדען גוף, האָבען איהם צייטענווייז געגעבען א צוטרעט צו איידעלע מענשען און צו א פיינער געזעלשאפט. ווען עמיצער פלעגט איהם וועה טהאָן, פלעגען זיי זיך מאנכעס מאָל אָננעהמען פאר איהם און ער האָט געוואנדערט ווייטער.

דאָך קיין זאך דויערט ניט אייביג און דיזעלבע שמאטעס, וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיך, זיינען איהם אראָבגעפאלען פון לייב; ניין, ער האָט זיי אליין אראָבגעווארפען פון זיך, זיי זיינען איהם געוואָרען צו לאסט און ער האָט זיי ניט געקענט לענגער דולדען...

דאן האָט ער צוריסען א זאק און האָט זיך איינגעוויקעלט, האָט ארומגעבונדען די צוּאוואונדעטע פיס מיט אָניצעס, האָט צונויפגעלעגט די קעניגליכע שמאטעס אין א פעקעל און איז מיט זיי ווייטער געגאנגען.

איצט האָבען איהם די איידעלע ניט מעהר דערקענט. אלע האָבען איהם בעטראכט פאר א משוגע'נעם, א ווילדען מענשען... איבערהויפט פלעגט מען לאכען פון זיין פעקעל... און זעהענדיג, אז ער האלט עס אזוי טהייער, פלעגט מען איהם שלאָגען און וועלען אוועקנעהמען. אָבער ער האָט זיך געלאָזען שניידען זיין לייב און האָט זיין פעקעל פערטהיידיגט.

„רעספעקט פאר מיין טהייערען פעקעל!..." פלעגט ער שריי־ען צו די יונגאטשעס: „דרך ארץ פאר די שמאטעס, פאר וועלכע איהר זייט ניט אימשטאנד צו בעצאָהלען."

דאָך ווענען אומקעהרען זיך צוריק אהיים, האָט דער אונגליק־ליכער קיינמאָל ניט געטראכט... די צרות, וואָס האָבען פערענדערט זיין געשטאלט און זיינע קליידער, האָבען ניט געקענט איבערמאכען זיין הארץ; ער איז געבליבען דער זעלבער עקשן, דער זעלבער פערביסענער ווי פריהער.

איין מאָל — דאָס איז גראָד געווען אין אָן אָרט וואו מען האָט רחמנות געהאַט אויף איהם — זיינען איהם פלוצלונג בעפאלען

יונגאטשעס און האבען איהם דוקא געוואלט דער׳הרג׳ענען אויף טויט. און זיי וואלטען איהם טאקע אפשר דער׳הרג׳עט, ווען עס וואלטען זיך ניט בעוויזען א באנדע בעטלער און זיך אנגענומען פאר איהם.

„לאזט איהם געהן, קונדסים“, האבען זיי געשריען: „לאזט איהם געהן, שקצים, ער איז אונזערער....“

די יונגאטשעס האבען זיך צולאכט, אבער די בעטלער האבען זיך געשטעלט מיט זייערע וואנדער־שטעקענס...

„א רחמנות, א ביטערער רחמנות“, האבען זיי געזאגט און געשאקעלט מיט די קעפ.

אט דאס האט געהאלפען! אט דא האט דער פערוואגעלטער פרינץ צום ערשטען מאל געוויינט מיט טרערען פון אמת׳ער חרטה.

. . . .

. . . .

און דער פערטריבענער האט אנגעהויבען צו דיינקען וועגען אומקעהרען זיך צוריק אהיים...

נאפאָלעאָן און הערצעל

(פערזענליכע איינדריקע אויף דעם פיערטען ציון-קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין דעם יאָהר 1900.)

צווישען די ערהאבענע, גייסטרייכע בילדער אין די גאַלעריען פון דעם ניו יאָרקער מעטראָפּאָליטען קונסט-מוזעאום געפינט זיך אן אונשטערבליכע געמעלדע פון דעם פראַנצויזישען מייסטער מעסאָניע. דיזער זשעניאַלער מאהלער שטעלט פאָר, ווי נאפּאָלעאָן דער ערשטער ערשיינט פאר זיין ארמעע און ווי די גאנצע ריעזיגע מחנה ווערט פון דיזער ערשיינונג פּלוצלונג עלעקטריזירט. איהר זעהט, ווי די טויזענדער רויע שלעגער ווערען מיט איינמאָל לויטער גייסט. זייערע נשמות דריקען זיך דורך דורך זייערע שטארקע געזיכטער, דורך זייערע מעכטיגע פויסטען, וועלכע האלטען די צוימען פון זייערע ברענענדע פערד. אלע מיילער זיינען אָפען, אלע אויגען בליצען, אלע ליפּען צוקען פאר ענטציקונג, און פון די אויס-געשטרעקטע העלזער רייסט זיך ארויס א דונערנדער הורראַ, וועל-כער בלייבט הייגגען אין דער לופטען ווי א וואָלקען.

נאפּאָלעאָן זיצט אויף זיין ווייסען שימעל, דעם קאָפּ געבויגען. זיין שטערען איז גלאט, זיינע באקען בעוועגען זיך ניט, זיינע ליפּען זיינען פערמאכט. ער זיצט ווי א גאָט אויף א וואָלקען פייער און בויגט זיין קאָפּ פאר זיינע אייגענע שעפּפונגען.

די ארמעע איז גרייט. ווען ער הייסט איהר איינצעהמען די אלפּען-בערג, ווערען זיי איינגענומען. ווען ער הייסט בעזיעגען די פּיראמידען פון אלט-עגיפּטען, ווערען זיי בעזיעגט. די העלדען קעמפּ-

פען מיט דעם שם המפורש פון זיין מעכטיגען קוק. ער גיט אין זיי אריין זיין העלדישען גייסט, און ווי די אונבעזיעגבארע עלעמענטען פון דער נאטור טראצען זיי הימעל און ערד.

* * *

אט אזא געמעלדע שטעלט פאר דער ציון־קאנגרעס ביי די ערשיינונג פון דעם נאפאלעאן פון אידישען גייסט, דעם אונגעקרוינ־טען געקרוינטען הערשער פון אן אונגעקרוינטע געקרוינטע נאציאן, פון דעם ארכיטעקט פון דער נייער אידישער היסטאריע — דר. טהעאדאר הערצל!

ער פאנגט אן צו בעטרעטען די פלאטפארמע, און זיין מעכטי־גער גייסט טרעט איהם פאראוים. איידער הערצל'ם מאיעסטעטישע פיגור ערשיינט נאך פאר דער ארמעע פון ציון'ם דעלעגאטען, איז שוין דער גאנצער זאל פול מיט זיין כבוד, און דער אונבעזיעגבא־רער איינפלוס פון זיין גרויסער זעעלע פילט אן יעדע ווינקעלע פון די אידישע נשמות. ער טרעט אויף, און אלע הערצער קלאפען מיט עהרפורכט, אלע אויגען בליצען, אלע ליפען צוקען, אלע הענד הויבען זיך אליין צו א שטירמישען אפלאוז, און אלע, אלע קעהלען זיינען פול מיט הורראַ־געשרייען, וועלכע רייסען זיך ארוים ווי דונערן פון מעכטיגע וואלקענס.

אבער וואס פאר א אונטערשייד —צווישען הערצל און נאפא־לעאן! ווען נאפאלעאן איז ערשיענען פאר זיין מחנה, האט ער איהר בעגייסטערט צו פערגיסען בלוט און צו זעטיגען איהרע שווערדען מיט מענשען־פלייש. און ווען הערצל ערשיינט אין דער מחנה ישראל, שוועבט איבער זיין שטאלצען קאפ ציון'ס ווייסע פאהן פון תכלת, די שענע פאהן פון שלום, דער הייליגער באנער פון אייביגען פריעדען, פון אמת'ע ליעבע — פון אידישע ליעבע.

* * *

הערצל איז ישעיה׳ס פערקערפערטע נבואה, וואס האט גערעדט פון דעם איבער־מענש, וועלכער וועט צושמעלצען זיין שווערד אין אן אקעראייזען, און זיינע שלעכטע מחשבות וועלען ווייכען פאר דער געטליכער ליכט פון ריינעם פערנונפט. נאפאלעאן האט ערא־בערט קרוינען און זיי פערטהיילט צווישען זיין משפחה. און הערצל איז פיעל מאל געפאלען אין אונגנאדע ביי זיין לעבענסבעגלייטערין דערפאר, וואס ער ליעבט איהר ניט אזוי שטארק ווי זיין געליעבטע ציון, און אפפערט אפילו זיין ברויט אויף דעם הייליגען אלטאר פון ליעבע צו זיין פאלק.

* * *

הערצל זוכט א קרוין, אבער ניט פאר זיך. ער וויל ווידער קרוינען דעם אלטען פערשאלטענעם קעניג פון מענשליכעם וויסען און מענשליכע מאראל, וועמעס טהראן עס האט אמאל געגלענצט אין זוניגען מזרח. ער זוכט צוריק פאר דעם הערשער פון די גייסטיגע וועלטען זיין דרייפאכיגע קרוין: כתר תורה, כתר מלכות און כתר שם טוב, וועלכע דער גלות האט בעדעקט מיט דעם שטויב פון דורות און מיט דעם בלוט פון אונשולדיגע אידישע קרבנות.

* * *

מען מוז בייוואהנען א ציון־קאנגרעס אונטער דעם פארזיץ פון דעם אונשטערבליכען פיהרער אום צו בעגרייפען זיין גרויסע קראפט, וועלכע האט היפנאטיזירט א נאציאן. עס איז א געטומעל, א רויש, א הו־הא צווישען די הונדערטע דעלעגאטען אונטען און צווישען די טויזענדע בעזוכער אין די גאלעריען. מאנכע דעלעגא־טען האבען פרעטענזיעס צו דר. הערצל, מאנכע קלייבען זיך צו נעהמען איהם אויפ׳ן פערהער און ארויספאהרען מיט הארבע קשיות. זיי ווילען מאכע וויסען איינמאל פאר אלע מאל, וואס עס וועט זיין די ענדע פון די אלע קאנגרעסען.... ווען וועט עפעס קומען א

שטיקעל אמת'ע ישועה אויף אידען.... אגב האבען זיי טענות צו די אקציאנס־קאמיטעע. זיי וועלען ניט שווייגען, זיי וועלען ריידען, זיי מוזען ריידען.... פלוצלינג דערזעהט זיך די שלאנקע פאלמענ־מעסיגע שטאטור פון דר. הערצל. זי בעצויבערט מיט איינמאל די טויזענדע געסט און פערטרעטער. ער פאנגט אן ריידען, און! אלעס איז בעזיעגט. זיין קוק האט מנצח געווען יעדע פערדרוס, יעדע ערגערניס, יעדע אונצופריעדענהייט. אלעס איז בערייט צו טהאן זיין ווילען. אלע ציטערן פאר איהם, אלע ליעבען איהם, אלע זיינען זיינע פרייוויליגע קנעכט, זיינע שקלאפען, זייגע קינדער!

אויף הערצל׳ס טויט

א, עמוד אש אין גלות׳ דונקלע וועגען !
אָ, הימעל׳ס פאַקעל צו בעלייכטען אונזער גאַנג !
דו האָסט געשפּאַנט דעם יונגען טאָג אַנטקעגען,
ערוועקענדיג אי פרייד, אי האָפנונג, אי געזאַנג.
יעצט ביסטו, גרויסער פייער, אויסגעגאַנגען,
פערלאָשען ! לאַנג און שוואַרץ, און שרעקליך איז די נאַכט.
עס צישען אין דער דונקעלהייט די שלאַנגען,
די חיות ברומען און דער דונער קראַכט.
אָ, וועגווייזער געטרייער !
אָ, שדי׳ס ריינער פייער !
ווי האָסטו אונז געלאָזען יעצט אַליין ?
ווי פינסטער, צו פעראירען !
ווער וועט אונז איצטער פיהרען ?
ווי וועלען מיר אין טיעפען גלות געהן ?
אָ, גאָטס-געזאַלבטער נביא, איד און גבור !
דו ביסט ניטאָ, וואָס בלייבט אונז איצטער איבער ?

דאָס פאָלק

עס וויינען די פרעהליכסטע פעדערס און עס קלאָגען די וויציגסטע פעליעטאָנען. דער גרעסטער פעליעטאָניסט איז טויט... דר. טהעאָדאָר הערצל איז געשטאָרבען!

„א פערהייראטער מאַן געוועזן אָט דער הערצל? האָט עפּעס איבערגעלאָזען א ווייב מיט קינדער?" פרעגט מיך די פרוי פון ערשטען שטאָק, א פרומע פּראָסטע אידענע, הערענדיג ווי איך לעז די צייטונג און בעדויער דעם טויטען.

יא, פרוי־לעבען, א פערהייראטהער מאַן געוועזן, א פאָטער פון קינדער... א געטרייער, א הייסער טאטע, האָט זיך פשוט מקריב געוועזן פאר זיי.

אונגעזאַמט האָט געזאָלט זיין חתונה ביי זיין בכור ישראליק מיט דער מיוחסת ארץ ישראל. פאָר דער חתונה איז ער, דער טאטע, דער געטרייער, גוטער טאטע, געשטאָרבען... פאָר דער חופה איז ער אוועק. ניט דערלעבט די שמחה!

א וועלט מיט יתומים האָט ער איבערגעלאָזען. בלודנע, אונ־גליקליבע. וועה, וועה, וואו װעלען זיי זיך אהינטהאָן? וואו וועלען זיי געפינען אַן אָרט פאר זייערע מידע קעפּ? וואו וועלען זיי געהן? ווער וועט זיי אריינלאָזען?... ווער וועט זיך אננעהמען פאר זיי? ווער וועט קריענען זייער קריגע, מאַהנען זייער רעכט? א, ווער וועט זיי טראָגען ביי זיך אין הארצען? עלטערע וואַנלער, פערשטויסענע, פערלוירענע נעדזנד'ניקעס!

„האָט ער גאָר ניט איבערגעלאָזען קיין ירושה, קיין ביסעל אייגענס, קיין אייגענעם דאך?" האָט מיך די אידענע ווייטער

נעפּרעגט מיט מעהר אינטערעסע. „זיינען גאָר ניט געבליעבען קיין אָפּעקונעס, קיין משפּחה, וואָס זאָל אכטונג געבען אויף די קינדער?"

א שווערע שאלה, פּרוי־לעבען, זעהר א שווערע. ער האָט יא איבערגעלאָזען און ניט איבערגעלאָזען... עס זיינען דאָ אָפּעקונעס און נישטאָ... עס איז פאַראַן א משפּחה, א גרויסע משפּחה, הלואי וואָלט זי ניט געווען... וואָלט זיין גלייכער פאַר די יתומים...

ער איז געווען א בריה א מענש, א זעלטענער אויפּטהוער. א האַרעפּאַסניק און א חכם. לאַנד און לייט האָבען איהם געקענט און בעוואונדערט. קיין גרויס עשירות האָט ער ניט איינגעשאַפּט... ער האָט געהאַט א רייכע נשמה, אפשר די רייכסטע, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם אוצר פון די נשמות זייט לאַנגע דורות. דאָס איז געווען א צו־גרויסע, א צו־טהייערע נשמה פאַר דער זינדיגער ערד. מען האָט איהר דאָ ניט פערשטאַנען, ניט געווען אויף איהר קיין מבינים. ווי א זעלטענער, אונשעצבאַרער דיאַמאַנט צווישען קינדער און ווילדע האָט זי זיך דאָ אַרומגעשליידערט. מען האָט געוואָרפען אויף איהר בלאָטע, געטרעטען מיט אונריינע פיס. מען האָט איהר געוואָלט צוברעכען, און גאָט איז אין כעס געוואָרען אויף די מענשען און האָט די גרויסע נשמה צוגענומען צו זיך פאַר דער צייט... וועה, פאַר דער צייט!

עס איז געבליעבען א גרויסע ירושה פון זיין זיידען. זי איז איבערגעבליעבען אין פרעמדע הענד, האָט ער זי געוואָלט אוועקנעהמען, אויסלייזען, אויסקויפען, איבערלאָזען פאַר זיינע קינדער, די אמת'ע, די ריכטיגע, די איינציגע יורשים. בערג האָט ער געריסען, וועלטען איינגעלעגט זיינס צו דערלאַנגען. ער האָט געהאַט א טהייערע פעדער, האָט ער געשריעבען טאָג און נאַכט צו בעווייזען, אַז די ירושה איז זיינע, לכל הדעות...

„ניט פאר מיר," האָט ער געזאָגט, „דאַרף איך איהר. ניט פון מיינעטוועגען. איך וועל שוין מיין שטעדטיל בעשטעהן. וועל סיי־ווי־סיי ניט לאַנג לעבען. דער שטרייט וועט מיך צוברעכען... איך וויל מיין זיידענ'ס אייגענס פאר די קינדער. די אָרעמע, אָרעמע קינדער!"

אין קייזערליכען פאַלאַסט האָט ער אָנגעקלאַפּט פאר הילף. מיט קעניגע האָט ער גערעדט, מיט די גרעסטע הערשער. זיי האָבען איהם צוגעזאָגט צו העלפען... און ער וואָלט אפשר איינ־געמאָהנט זיין אַלטען חוב, אזוי־צי־אזוי, ער וואָלט עס אפשר נעקריגען. אבער דער טויט איז שנעלער ווי די הילף פון די געקרוינטע, און הערצל איז געשטאָרבען!

עס זיינען געבליבען אַפּעקונעס, אַפּטרופּסים. זיי וואָלטען געקענט א סך אויפטהאָן, אָבער זיי זיינען פערטהאָן מיט זיך אַליין. זיי איז גוט, פערגעסען זיי דעם עלענדען... זיי זיינען רייך, קענען זיי ניט פיהלען די אָרעמע. זיי קענען, קענען העלפען, ווילען זיי ניט. שטעהט זיי ניט אָן מחמת כמה טעמים. זיי זיינען גליקליך— זיינען זיי קאַפּריזנע, האָבען זיי קרומע פּלענער, משונה'דיגע דעות. וועה איז די יתומים, וואָס האָבען ניט קיין טאַטען! וועה איבער דעם קבר, וואָס האָט פערשלונגען א הארץ!

„נו, און וואָס איז מיט ישראליק'ן אליין?" האָט מיך ווייטער געפּרעגט די אידענע פון אויבען, געריהרט ביז אין איהר טיעפסטען הארצען. „וואָס איז מיט ישראליק'ן אליין? ער האָט דאָך עפּעס געזאָלט טהאָן א יחוס־שידוך? איז ער דאָך מסתמא רייך, קען ער דאָך נעהמען די יתומים צו זיך — זיינע ברידער און שוועסטער. פאר וואָס זאָרגט ניט ישראליק פאר זיין בלוט און פלייש?"

אוי, פרוי־לעבען! זאָגט, ווי רופט מען אייך?

„רחל".

רחל קרוין! איך זעה, אז איהר זייט אָן אמת'ע אידישע

טאַכטער מיט אַ אידיש האַרץ. אייערע אויגען זיינען פול, זיי געהען אַריבער. איהר וויינט, רחל, איהר וויינט אויף דעם עלענד פון די אונגליקליכע יתומים. איהר מעגט וויינען, קיין אחריות, שענקט זיי עטליכע הייסע טרערען, דאָס איז די הייליגסטע מתנה פאַר קינדער, וואָס פערליערען זייער טאַטען; פאַר יתומים, וואָס האָבען ניט קיין היים; פאַר אַ בלודנע סטאַדע, וואָס האָט פער־לאָרען איהר פּאַסטוך.

די אידענע האָט געוויינט, און איך האָב פאָרטגעזעצט:

ישראליק'ס יחוס־שידוך איז צוגאַנגען, גאָר ניט געוואָרען. אַ יחסן איז ער געווען, כל זמן דער טאַטע האָט געלעבט. יעצט איז ער אַן אָרעמער יתום... אַן אונגליקליכער בעטלער. ניטאָ, ווער זאָל פאַר איהם רעדען אַ וואָרט, ער איז צומישט און דערשלאָגען. ישראליק זעהט זיינע עלענדע און קען זיי ניט העלפען!

„נו," האָט די פרוי פון אויבען געזאָגט געערגערט. „עס זיינען דאָך דאָ „טשאַריטיס", צדקה־הייזער, עס איז דאָך דאָ אַ וואַיזען־הויז, וואו מען נעהמט צו אָרעמע יתומים... אַ וועלט איז דאָך ניט הפקר."

וואָס רעדט איהר פון „טשאַריטיס", רחל? ניט וויסען זאָל מען פון זיי; קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קענען. צדקה האָט נאָך קיינעם ניט גליקליך געמאַכט. די מאָדערנע צדקה געוויס ניט. וועה דעם, וואָס דאַרף דאָס נעהמען. ניט צדקה, ניט דאָס פער־שאָלטענע בעטעל־ברויט איז געווען הערצל'ס קוק אין לעבען. זעלבסטשטענדיג האָט ער געוואָלט מאַכען דאָס גרויסע הויז־געזינד, וואָס האָט געהאַלטען צו איהם זיינע אויגען.

„דו זאָלסט ניט בעטלען!" איז געווען דער ערשטער „לאו" פון זיינע עשרת הדברות.

„אַ רעכטליך געזיכערטע היים", אָהן חרפּות און אָהן ביושים, האָט ער געשטרעבט צו געווינען. אַ „היימאַט אָהן שאַנד", איז

געוועז דער שלום־פונקט פון אלע זיינע חזיונות.

איהר רעדט פון א ווייזענהויז, רחל, א יתומים־הויז פאר די ארעמע קינדער. דאך וואו נעהמט מען אזא גרויסע יתומים־הויז פאר אזוי פיעל יתומים? וועלכע אנשטאלט אין דער וועלט וויל דאס האדעוועז אזוי פיעל פרעמדע קינדער? א וועלט מיט יתומים, ווער קען זיי פערזארגען?

„וואס רעדט איהר, מיסטער?" האט מיך די אידענע געפרעגט פערוואונדערט, מיט אויסגעשטעלטע אויגען. „וואס הייסט א וועלט מיט קינדער? וויפיעל קינדער האט ער דאס געהאט?"

פערצעהן מיליאן, פרוי־לעבען, פערצעהן מיליאן בלודנע יתומים צוזעעט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט. וואו נאר עס פאלט א שטיין, טרעפט הערצל'ס א יתום; וואו נאר מען שלאגט א אידען, איז עס זיינס א קינד; וואו נאר מען טרייבט איינעם, איז עס איינער פון זיינע. אין קישינעוו האט מען פערגאסען ז י י ן בלוט, אין רומעניען בלאנדזשען ז י י נ ע קינדער, אין מאראקא קרעכצען ז י י נ ע געליעבטע, אין אלע עקען וועלט זיינען די ארעמסטע און די אונגליקליכסטע זיינע קינדער, פאר וועלכע ער איז געשטארבען...

„איך פערשטעה נים, וואס איהר רעדט דא," האט די אידענע געשטאמעלט, ווי א צודולטע, גלויבענדיג, אז איך בין אראב פון זינען, „וועגען וועמען רעדט איהר דאס? ווער איז ער דאס געווען אט דער הערצל?"

אונזער טאטע, אונזער פאטער אין גלות, און מיר ביידע, רחל, איהר און איך, זיינען צוויי פון זיינע יתומים...

די פרוי האט מעהר נישט געפרעגט. ווישענדיג די אויגען מיט'ן פארטוך איז זי ארויף בליפענדיג אויף די טרעפ...

„דר. הערצל איז געשטארבען!" האב איך געהערט ווי זי האט געזאגט מיט טרערען צו א שכנה אויבען.

זי האט מיך ענדליך פערשטאנען.

די קראפט פון שענקייט

אכפרה אַלע מעשה־ביכלעך און טהעאַטער־שטיקער פאַר איין קורצע מעשה'לע פון אַלטע צייטען. און אַט דאָס מעשה'לע איז קיין פערפאַסונג פון אַ דיכטער. דער מחבר פון „ראָמעאָ און יוליאַ" איז נאָך דעמאָלט ניט געװעזען. אַט אַזעלכע מעשה'לעך פלעגט מען זיך אַ מאָל, גאָר אַ מאָל, דערצעהלען בין מנחה למעריב אין די װײנגערטנער פון עין גדי. שפּעטער האָט זיי אויפגענומען דער מדרש תנחומא.

„און עס האָט פּאַסירט —דערצעהלט דער מדרש— האָט זליכה פּוטיפר'ס לוסטיגע, שענע װײב האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר איהרע חבר'טעס און פריינדינען, די „סאָסייעטי־ליידיס" פון עגיפּטען, און זי האָט גערופען איהר טהייערסטען און הארציגסטען קנעכט.

— יוסף! יוסף! האָט זי גערופען מיט אַ קלאַפּעדיג הארץ. זיא האָט ניט נעקענט דערמאָהנען יוסף'ס נאָמען גלייכגילטיג. יוסף איז געקומען. זליכה'ס אויגען האָבען אַ פינקעל געטהאָן...

— הער צו, מיין גוטער קנעכט, —האָט די הייס־בלוטיגע עגיפּטערקע געזאָגט מיט אַ פייער צו דעם יונגען העברעער, — איך וויל איבערראַשען די פרויען פון מצרים מיט אַ גרויסאַרטיגע סעודה. דו זאָלסט די סעודה צוגרייטען... פילל אָן די קרוגען מיט דעם בעסטען װיין, און די זילבערנע טאַצען מיט ניס, מאַנדלען, טײטלען, באָקסאָר און אתרוגים... נעה, מהו װאָס איך האָב דיר געהייסען, װאָס איך האָב דיר געבעטען.

יוסף האָט זיך טיעף פערנייגט און איז ארויס. זליכה האָט איהם נאָכגעקוקט...

* * *

דער גרויסער זאַל ווערט פול מיט די שענע דאַמען פון פּרעה'ס הויף. די שווערע זיידענע שלעפּעס פון זייערע פירסטליכע קליידער רוישען דורך די מאַרמאָרנע טרעפּ און ציהען זיך דורך די קריסטאַלענע זיילען, די גאָלדענע טרעפּען גלימצערן אין העלען שיין פון די ברענענדיגע שטורקאַצען, זעלטענע בריליאַנטען בליצען, בליאַסקען אין די אויגען, און די געטער זיינען פערפּוצט מיט וויינ־טרויבען און בלומען.

— יוסף! —האָט זליכה אַ רוף געטהאָן מיט אַ שטימע וואָס האָט מעהר געגלעט ווי בעפוילען— יוסף!...

אַ דיקער עגיפּטישער פּאַרהאַנג, געשטיקט מיט גין־גאָלד און בעלעגט מיט זילבערנע טרעסען, האָט זיך האַסטיג פאַנאַנדער־גערוקט און עס האָט צוויי מאָל אַ בליץ געטהאָן, דאָס האָבען זיך בעוויזען יוסף'ס אויגען.

— יוסף, מיין גוטער קנעכט, —האָט זליכה געזאָגט,— דו זאָלסט פערבלייבען דאָ אין זאַל בעדיענען מיינע געסט, דאָס איז אַ גרויסער טאָג.

יוסף האָט זיך פערנייגט.

דער פּאַרהאַנג האָט זיך פערצויגען און דער קנעכט האָט צו־געטרעטען צום טיש...

וואָס מיינט איהר איז געווען דער סוף פון דער סעודה? פרעגט דעם מדרש! ער וועט אייך ערצעהלען, דער מדרש, ער האָט אַ זעלטענע גבורה אין דערצעהלען מעשיות. און דער סוף איז נאָך שענער פון דעם אָנפאַנג.

הערט זיך איין!

עס גיסט זיך בלוט פון די שענע פרויען־הענד, פערפלעקט די קאָסטבאַרע שטיקערייען. די אימפּאָרטירטע ראַצע־מאָרע פון צור און צידון, די טהייערע קליידער זיינען רויט פון דעם זודיגען זאַפט

פון די שענע עגיפּטערקעס... זיי האָבען מיט די מעסערס ניט געשניטען די אתרוגים. זיי האָבען זיך געשניטען די פינגער... זיי האָבען דאָס גאָר ניט געפיהלט און געשניטען, און געשניטען אַלץ טיעפער און טיעפער, און דאָס בלוט איז גערונען, גערונען און גערונען...

— מיינע טהייערע פריינדינען —האָט זליכה אויסגעשריען דערשראָקען, בעמערקענדיג וואָס זיי טהוען— מיינע טהייערע פריינדינען, זעהט ווי אייערע פינגער בלוטען... איהר האָט פערפלעקט אייערע פירסטליכע קליידער, פערפלעקט אייערע ווייסע זיידענע סאַנדעל־שיך. איהר בלוטיגט, בלוטיגט, מיינע פריינדינען.

— דאָס איז די שולד פון דיין קנעכט, —האָבען זיי געענט־פערט דערשראָקען און פערשעהמט.— דאָס איז די שולד פון דיין דיענער. מיר האָבען אין אונזער גאַנצען לעבען אַזאַ פּאַרשוין ניט געזעהן. מיר האָבען זיך פערטיעפט אין זיין שיינענדיגען פנים און פערגעסען אָן די מעסערס...

— קיין וואונדער, —האָט זליכה געזאָגט,— איך בלוטיג אויך...

אחדות

„פראָלעטאריער אַללער לענדער, פעראייניגט אייך!“

שאַט! מיינט נים, אז דאָס איז דער אויפטהו פון די „אחרונים“. האָט קיין טעות. דער רעיון פון אחדות איז עלטער פון קארל מארקס און פון באקונין...

בעט, זייט מוחל, דעם אַלטען בטלן אין בית המדרש ביי'ם אויוועז, וועט ער אייך אויפמישען דעם מדרש תהלים. איהר וועט זיך מחיה זיין.

וואָס א מדרש פערגינט זיך צו דערצעהלען!

...און די וואַסערען האָבען זיך געשטארקט און זיינען געקומען ביז דעם כסא הכבוד... און גאָט האָט אַרויפגעשוועבט אויף זיי און האָט געזאָגט:

— עס זאָלען זיך פערזאַמלען די וואַסערן!

ווען די ערד האָט דאָס דערהערט, האָט זי ארויסגעגעבען בערג און טהאָלען. עס זיינען געוואָרען גריבער, און עס זיינען געקומען די וואַסערן און האָבען זיי אָנגעפילט... נאכדעם האָבען זיך די וואַסערן וויעדער נע'כח'ט און גע'חכם'ט מיט א גדלות: „מיר זיינען די שטאַרקסטע פון גאַנצען בעשאַף. קומט, ברידער־כוואַליעס, לאָמיר צודעקען דעם גאַנצען פנים פון דר'ערד. עס איז צו ענג. מיר דאַרפען די גאַנצע ערד... די גאַנצע!...“

— שטיל, יונגאַטשעס! האָט דער בעשעפער א דונער געטהאָן אויף די פלוטען. — שטיל זאָל זיין, אייער גאַנצע גבורה איז אַט ד אָ ס ווערטה!

א ווינד האָט זיך א טראָג געטהאָן אין דער לופטען...

— איך ייעל שיקען דעם זאמד און איהם מאכען פאו א גרעניץ, איהר זאָלט איהם ניט קענען אריבער! — האָט נאָט ווייטער געליארעמט איבער די קריעגערישע טיעפניסען.

ווען די עזות פנים'דיגע ווע‌לען האָבען דערזעהן די קערנער זאמד, ווי קליין און דין זיי זיינען, האָבען זיי זיך ווידער גע'לץ'עוועט.

— וואָס קענען אונז אזעלכע קליינוואַרג טהאָן? קאי־און־שפאי!... דער קלענסטער פון אונזער חברה וועט זיך א לאָז טהאָן, וועט ער מאכען פון זיי א תל.

ווען דער גרעסטער פון די קערנער זאמד האָט דערזעהן זיינע ברידער, ווי דערשראָקען זיי זיינען, האָט ער זיך אָבגערופען צו זיי און האָט געזאָגט:

— אמת, אמת טאקע, ברידערלאך, מיר זיינען זעהר קליין, און ווען יעדער איינער וועט ליעגען בעזונדער, איז ער גאָר ניט נחשב. לאָמיר זיך נאָר צוזאמעננעהמען אלע ווי איינער און קיינ־מאָל אין לעבען ניט צושיידען. דאַן וועלען די כוואליעס, די בעריהמער, זעהן אונזער כח און וועלען מעהר ניט שפאָטען...

ווען די זאמד־קערנער האָבען געהערט אָט די דאָזיגע טענה, זיינען זיי צוזאמענגעפלויגען פון אלע עקען וועלט. זיי האָבען זיך פערזאמעלט אין גרויסע מחנות אָהן א שיעור און אָהן אַן ערך, און האָבען בעלאגערט די אָפענע ברעגען פון די מעכטיגע, ווילדע פלוטען.

די כוואליעס האָבען זיך געוואָרפען און געשליידערט אנטקעגען זאמדיגען ברעג, און זיך אומגעקעהרט מיט א ברומעריי צוריק...

און א שטימע האָט זיך געטראָגען איבער די וואַסערן:

— בעטראַכט מיט שכל דעם פלאַן פון די זאמד און ווייסט,

אז אפילו די קלענסטע קרעפטען ווערן א שטארקע מאכט, ווען זיי זיינען פעראייניגט.

— אמת, האָבען געענטפערט די קערנער זאמד, און דער רוקען פון א מעכטיגע כוואליע האט זיך אָנגעשלאָגען אָן ברעג און איז צובראָכען געוואָרען אין שטיקער...

דער רויטער אפגרונד

דער בלוטיגער יריד

ג יסט זיך, גיסט זיך, טרעהרען־ליעדער,
גיסט זיך אָהן אַ סוף!
מיינע שוועסטער, מיינע ברידער
קוילעט מען ווי שאָף.
קינד און גרייז צוגלייך פערבלוטען
פון דעם שונא'ס האַנד,
אין דעם לאַנד פון דעם „גיט־גוטען“,
אין דעם רוסען־לאַנד.

אַלע גאַסען פול מיט מתים,
מיט הרוגים פול.
איינגעבלוטיגט די טלתים,
און פערוויסט די שול.
טויטע גלידער אויפ'ן עמוד,
אַלע סטענדערס שטום,
אויסגעלאָשען דער נר תמיד,
פינסטער אומעטום...

די חדרים שטעהען לעער:
נאָר די פוסטע וועגד, —
אונזער יוגענד, אונזער עהרע
האָט דער פייער פערלענד'ט.
טויט דער רבי, די תלמידים,
אַלע פעהלען דאָרט,

די עלוים, די מתמידים
אויפ'ן גוטען אָרט.

זאַן און ווייב צושטיקערט ליגען
פאַר די הינד אין גאַס,
פאַר דעם פייער אַ פערגעניגען,
פאר דעם תליון שפּאַס.
וואו די טענצער און די שפּיעלער
האָבען אָפּט פערבראַכט,
טראָגט זיך אום דער טויט דער שטילער,
הערשט די שוואַרצע נאַכט.

אָט דאָס איז דער הלל הגדול, וואָס מיר, אידען, זינגען אויף רוסלאַנד'ס קאָנסטיטוציע. דאָס איז אונזער נייעסטער געזאַנג אין דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

אָ, ווער האָט דאָס גערעכענט מיר זאָלען האַרפען אַ נייע „איכה“, ווען עס האָט שוין געהאַלטען ביי „אָז ישיר“?

מיר האָבען געשלאָגען דעם בייזען ים מיט אונזער „שטעקען“ און געמיינט, אַז ער איז שוין געשפּאָלטען.

פריי, מיט מוזיק און טענץ האָבען מיר גערעכענט אריבערצו־געהן די אַלטע, קאַפּריזנע כוואַלעס...

מיר האָבען געמיינט, אַז „פּרעה“ איז בעזיעגט, אַז ציטערענדיג פאַר דער לעצטער מכה האָט ער ענדליך געהייסען זיינע קנעכט געהן דיענען גאָט לויט וואונש און ווילען מיט אַן אמת.

אָבער פּרעה האָט חרטה געהאַט און האָט אונז אָנגעיאָגט מיט זיין גאַנצע אַרמעע באָסיאַקעס, שפּיאָנען און קאַזאַקען, און ער האָט אונז געכאַפּט.

דער „רויטער ים" האָט זיך ניט אַ וואָרף געטאָן אויף די נוגשים, די שקלאַפּען־טרייבער און פייניגער, נאָר אויף די געקנעכטעטע און זייערע בעפרייער.

ניין, דאָ איז קיין גאולה ניט געווען. רוסלאַנד'ס בעפרייאונג איז נאָך ניט געקומען, דעם אידען'ס געוויס ניט.

דאָך וועהרענד אנדערע געווינען דאָרטען כאָטש עפּעס, האָבען מיר, אידען, פערלאָרען אַלעס... מיט אויסגע'שחט'ענע קהלות טרעטען מיר אַריין אין רוסלאַנד'ס אַבגענאַרטען גליק, נעבען אויסגעקוילעטע שטעדט, פערברענטע חדרים און בתי מדרשים לעזען מיר דעם געשענדעטען „פּריוויליגים־מאַניפעסט" פון אַ פערצווייפעלטע בעשעפענעס.

וואָס פאַר אַ גרויליגדע איבערקעהרעניס, וואָס פאַר אַ שווידערליכע ענטוישונג!

אמאָל — דערצעהלט מען — איז אַזאַ חתונה געווען....

אַ בעריהמטע חתונה. די וועלט האָט מיט איהר געקלונגען, די גרעסטע הכנות האָט מען געמאַכט. קוכערס און בעקערס זיינען פון אויסלאַנד געקומען. אין ווייטע מקומות האָבען זיך משפחה געריכט. אָרעמע לייט האָבען געצעהלט די טעג, און דער גאַנצער געגענד האָט געקאָכט.

כלי־זמרים האָבען נייע נגונים פערפאַסט, דער מאַרשעלאַק האָט פרישע „מי שברך'ס" געגרייזעלט, שניידער האָבען אַראָבגעבראַכט נייע מאָדעס פון פּאַריז... די יונגע האָבען געהאָפט צו טאַנצען און די אַלטע צו כאַפּען אַ ביסען.

און דער גרויסער מאָמענט איז געקומען.

אָבער אין מיטען לוסטיגען מאַרש פון דער חופה איז דער כלה'ס טאַטע געשטאָרבען.

די שמחה איז אַוועק, דער טרויער איז געקומען. די פידלען האָבען געביטען זייערע טענער, דער סמיק האָט ניט מעהר געטאַנצט

ווי א משוגענער אויף די סטרונעס. א ווײלע איז ער געקראָכען ווי אן אבל צווישען מצבות און א ווײלע האָט ער געשטורמט ווי א ים, געברומט ווי אן אָסיען־נאַכט, געריסען קברים, געזוכט א טרייסט...

ביי'ם מארשעלאָק האָבען זיך די גראַמען פערפּלאָנטערט, זיינע וויצען האָבען זיך דערשראָקען און זיינען אַנטלאָפען, און „גוסט" און „שטייגער" האָבען פערנומען דעם אויבען־אָן. אַנשטאָט לע־בעדיגע שטיקלעך האָט דער שטאָדט־חזן געמאַכט „אל מלא רחמים", און די גאַנצע חתונה האָט געוויינט.

די כלה איז געשטאַנען נעבען איהר טויטען און געריסען איהר ווייסע חופּה־קלייד פאַר ווערטאָג. די רויז האָט זי פון איהרע לאָקען ארויסגענומען און האָט דאָס אוועקגעלייגט אויף איהר הייליגען בר־מנן, איהר טהייערען מת, דעם טאַטען איהרען...

אָט אַן דער ראָזיגער חתונה דערמאָהן איך זיך לעזענדיג וועגען טויטען אידישען פאָלק, דעם מחותן פון רוסלאַנד'ס פרייהייט, וואָס איז אומגעקומען באַלד נאָך דער גרויסער היסטאָרישער חופּה אזוי שנעל ווי מען האָט איבערגעלייענט די כתובה...

געקוילעט האָט איהם דער מלאך־המות און די שמחה איז פער־שטערט.

אָרעמער כלי־זמר! אומזיסט האָסטו דיינע פריילִיכע טענץ גע־מאַכט, דער טויט האָט אָבגענאַרט דיין פיעדעל און דו מוזט יעצט אַנדעריש שפּיעלען...

וואָס'ר א אונטערשייד צווישען פאָרשפּיעל און רומפּעל! ווי האָט מען פריהער געלאַכט, ווי מוז מען איצטער יאָמערען!

איך זעה מיט שרעק דעם טייפעל'ס ראָלע,
און וואָס איך האָב איז נאָר א קללה.

מוטזיפט איז וואָס איך זוך
מיין פאָלקס־נקמה צודערשרייען,
מען וויל קיין אויער מיר נים לייען,
עס בלייבט מיר נאָר דער פלוך.

איך זוך אַ הילף, איך זוך אַ רעטער,
איך זוך אַ בליץ, איך זוך אַ שמעטער,
איך זוך אַ גאָט... איך זוך
אַן אויג, אַ פויסט, איך זוך אַ צאָרן
פאַר אַלע זינד פון אַלע יאָהרען.
אַלץ שווייגט, אַ חוץ מיין פלוך.

אַ, ערד, וואו איז מיין מחויל געבליעבען,
דאָס רעכט, וואָס מיר איז צוגעשריעבען
אין לעבענס גרויסען בוך?
פאַרוואָס מוז איך אַלץ געבען, געבען,
און קריעגען אַלס אַ לוין פון לעבען
דעם דורות־לאַנגען פלוך?

אַלטע שאלות, אַלטע קשיות אָהן אַ תירוץ, אַרויסגעוואָרפענע געשרייען. זיי העלפען נים, זיי נוצען נים, זיי געהען אין איין אייער אריין, דורכ'ן אַנדערען ארויס, זיי מאַכען קיין ווירקונג. די וועלט האָט זיי צופיעל געהערט און מיר...

אונזערע פראַצענטניקעס וועלען באַרגען רוסלאַנד געלד אויף נייע מעטערס און נייע געוועהר. קאַצאַפּ האָט געקוילעט אידען אָהן אַ קאָנסטיטוציע און וועט זיי יעצט קוילען קאָנסטיטוציאָנעל.

— וואָס זאָלען מיר טאָן? הערען זיך טוואַלדען.

— שמד זיך!

— א היים, נאך ציון!

— זוכט א טעריטאריע!

— אנארכיזמוס, נאציאנאליזמוס!

— אידען, אין... שוהל אריין!

שווייג, דו דור הפלגה! פערשטום א רגע, דו ווילדער בבל!

איך הער אייך, איך הער אייך און שווידער. אלע קענט איהר ניט גערעכט זיין און איינציגוויים זייט איהר שעדליך. און ווייל דאס לעבען קען אונז ניט פערביטערען, האט אונז צונויפגעבראכט דער טויט.

צו הונדערט אין א גרוב בעגראבט מען אונזערע קדושים. דער קבר האט אונז פעראייניגט, אויסגעגלייכט אונזערע סכסוכים, דעם מערדער'ס האק — געבראכט צו א פשרה. לעבעדיגע אידען קענען ניט קומען צו קיין בעשלום, טויטע אידען זיינען איינשטימיג...

שטיל ליעגען זיי אונזערע דעבאטאנטען און עקשנים. יונג אין אלט,ביידע זייגען צופריעדען. ניט דער שפייט אויפ'ן ארון קודש, און ניט יענער פער'חרם'ט ספינאזא'ן. ניט דער שילט דר. הערצעל, און ניט יענער שימפפט אויף קארל מארקס. דער שלעפט זיך ניט נאך זאנגוויל'ען, און יענער קריכט ניט נאך „אחד העם“....

בונדיסטען און ארטאדאקסען, צוזאמען שלאפען זיי יעצט אין איין בלוטיגע בעט און זיינען רוהיג. דער פייערדיגער רעוואלוציאנער און דער פערגליווערטער בטלן, דער „שקל“ צאהלער און דער אסימילאטאר, דער רב און דער יום כפור טענצער — זיי האבען אלע שלום געמאכט, עס איז אחדות ביי אידען, די העכסטע שטופע פון טאלעראנץ, די שענסטע מדה פון די מענשען. משיח צייט... משיח צייט...

א, הייליגע פאגראמען! א, געבענשטע האק!

וואָס קיין נביא האָט ניט גע׳פועל׳ט ביי אידען, האָט דורכגע־ פיהרט דער פּאָגראָמשטשיק. און ניט נאָר די טויטע אידען פון רוסלאנד האָט ער פעראייניגט, נאָר אויך די לעבעדיגע אידען פון אמעריקא און ענגלאנד.

וואָס פאַר א ליעבע דאָס איז יעצט געוואָרען, וואָס פאַר א הייסע פערברידערונג! די אלטע היסטאָרישע שייכות פון אבות־ אבותינו איז פלוצלונג יונג געוואָרען. די „איסט סייד“ און די „וועסט סייד“, ווינדזאָר און ווייט־טשעפּעל... וואָס פאַר א זעל־ טענע חבר׳שאפט ביז — איבער די פּאָגראָמען! וואָס פאַר א בלוט־ פערוואנדשאפט ביז — איבער די לויות!

יא, דערוויילע זיינען מיר ערנסט. די שחיטה־בילדער סקרוכען אונז אויף, דער גרוך פון די מתים פערשלאָגט אונזער ציניזם, אונ־ זערע פערזענליכע קריוודעס. דער מפונק אויף עליות קלייבט יעצט ניט איבער. בעסער „איינס פאַר אחרון“, איידער טשוועקעס אין מח. אלע זיינען ערנסט. דער איצטיגער פעליעטאָניסט איז א קלאָג־מוטער געוואָרען.

די בלוטענדע נאכטיגאַל

„אים אנפאַנג וואַר די נאַכטיגאַל.

זי ביס זיך אין די ברוסט, דאַ פלאַס
איהר ראָטהעס בלוט און אוים דעם בלוט
איין שענער ראָזענבאום ענטשפּראַס
דעם זינגט זי איהר ליעבעס גלוט.“

(הײנריך הײנע.)

אבאַרג אידישע צייטונגען ליגען פאר מיר, אָבער איך קען זיי ניט לעזען.

רוסיש־אידישע צייטונגען זייגען דאָס, פון אונזערע אי־דישע פריינד און ברידער אין רוסלאנד׳ס רעזידענץ־שטאָדט — אין פעטערבורג.

טעלעגראמען! טעלעגראמען, און טעלעגראמען!

און יעדע טעלעגראמע איז א פאָגראָם, א שחיטה, א בלוט־באָד. אידיש בלוט פליסט ווי וואסער, און אידיש האָב און גוטס איז א רויב פון „הוליגאנעס“ און באנדיטען.

איך גיב א קוק אין די צייטונגען און וואַרף זיי אוועק און כאַפּ זיי ווידער און וואַרף זיי ווידער אוועק.

רויט ווערט מיר פאר די אויגען. בלוט און פייער פילען אָן די לופט ארום מיר. בלוט שפּארט מיר פון הארץ און פון קאָפּ. איך זעה, די העלע געגעצט און די גאנצע וועלט שטירצט צוזאמען אין אַ רויטע, ווילדע מאסע, און איך אליין נאָר בלייב צו קוקען אויף לע־בענס גסיסה.

עס ברענט און בלוטיגט די ערד, עס בלוטיגען די בערג און די טהאָלען. עס ברענען און בלוטיגען די פעלדער, בלוט גיסט זיך פון די וואָלקען, עס בלוטיגען און ברענען די שטערען אין הימעל.

די פויגלאך ברענען אין דער לופטען.

דורך בלוט און פייער פלאטערן זייערע רויטע פליגעל. די גאַנצע וועלט איז חרוב, דער סוף פון דער גאַנצער בריאה איז געקומען.

„עס איז נים געווען קיין ערד ציטערניש!

„דאָס האָט נים געטראָפען אויפ׳ן שלאַכטפעלד אין מאַנדזשוריען! קיין מלחמה איז נים ערקלערט געוואָרען — און דער טעלעגראַף ברייננט אונז די טרויעריגע ידיעה: 1000 מענשען זיינען פערוואונדעט און 500 גע׳הרג׳עט."

— צו וואָס האָט דאָס אונז געלוינט? פרעגען די עלטערע מענשען — צו וואָס האָבען מיר זיך געדאַרפט אריינמישען אין דעם יעצטיגען אויפשטאַנד אין רוסלאַנד? ווען מיר וואָלטען געשטאַנען פון דער וויימען, וואָלט מען אונז נים געטשעפעט.

„אַ טעות, ברידער! אַ גרויסער טעות," שרייבען די בלעטער, „ווען מיר וואָלטען שטעהען גאָר בעזונדער, איז די געפאַהר נאָך גרעסער. מיר וואָלטען האָבען פייער פון ביידע זייטען; אַ די רעוואָלוציאָנערען, אַ יהי כלומר׳שע פאַטריאָטען. די ערשטע וואָלטען נים זאָרגען פאַר אונזער פרייהייט, און די צווייטע וואָלטען אונז סיי ווי סיי געשלאָגען, ווייל אידען מעג מען שלאָגען."

אָרעמער, אונגליקליכער הפקר־פאָלק!

מען צווינגט דיך צו שטאַרבען סיי ווי סיי. איידער ווער עס פאַלט, ליעגסטו ש ו י ן.

מיט דיין בלוט בעשפריצט מען אַ פרעמדען מזבח. מען איז דיך מקריב, אַ כשר׳ן קרבן, אויף אַ טריפה במה אויפגעשטעלט פאַר דער עבודה זרה פון אַ גייע צייט...

וער וועט דאס זארגען פאר דיין פרייהייט?

אַ, דו פערשאַלטענער ווילקאַלאַק פון די פעלקער, וועלכער טראַגט אויף זיך דעם פלוך פון לעבען און איז אליין זיין אייגענער קבר; וועלכער איז טויט צווישען די לעבעדיגע, און לעבט צווישען טייטע, און איז בלויז דער שאטען פון זיין אייגענעם „איך“, און איז דאָך דער „איך“ אליין...

אלזא ליעגען זיי פאר מיר, די אידישע צייטונגען פון פעטער־בורג, אָהן אַ צענזור זייגען זיי שוין ערשיענען.

אָפען, אָפגעדעקט און פריי ליעגען זיי פאר מיר, די שרעקליכע אידישע וואונדען. וואונדען אָהן אַ צענזור, וואונדען ניט קיין בע־האלטענע, ניט קיין בעשמירטע און ניט קיין פערבונדענע.

ענטבלויזט, צואייטערט און צוטרובירט, שרייען זיי די אלטע, אייביג נייע צוריסענע אידישע בלאטערען, די וואונדען מיט מיילער, וואונדען מיט צונגען, וואונדען אָהן אַ היילונג.

אַ טויט חלשות בעפאלט מיך. אַ בייזע נישט־גוטקייט שלאָגט מיר צום הארצען. אַ כעס און אַ רחמנות נעהמען מיך ארום, אן אלטער כעס און אן אלטער רחמנות.

אַ, ווי גוט איז דעם הונד, וועלכער קען לעקען זיינע אייגענע וואונדען, ארונטערשלינגען זיין אייגענעם שמערץ; אוי האט ניט קיין שכל צו פערלאנגען אַ הילף פון אנדערע!

אַ הילף וואס איז נישטאָ.

ווי גליקליך איז די פערוואונדעטע חיה, וואס טראָגט איהר וועהטאָג דורך די שטילע וועלדער; וואס נאר איהר אייגענע נארע הערט ווי דער שמערץ קריצט מיט די ציין און די יסורים קרעכצען!

און וואויל איז דעם בלינדען קראט, אין דער פינסטערער לאָך פון דער שטומער ערד, וואס ווייזט ניט דער פאלשער זון זיין טרעהר און זיין שמייכעל, וואס האסט די ליכט ווי פעסט און די לופט ווי סם המות!

ווי געבענשט זיינען זיי, די פאר־זיך לעבענס, וואָס טראָגען די רעזולטאַטען פון זייער עקזיסטענץ אין זיך, און זוכען ניט קיין מיט־לייד, אַ פאַנטאַסטישען רעצעפּט פון אַן אויפגעקלערטען טייפעל.

דען וואָס העלפט דאָס סיי ווי סיי?

מיין אָרעמע אומה! דו ביסט אַ פערוואונדעטע חיה, וואָס טראָגט אין זיך אַלע גיפטיגע פיילען פון דער צייט.

האַלב פערטרונקען אין דיין וואַרעם בלוט און האַלב שטעקען זיי אַרויס, די פער׳סם׳טע שפּיצען, פריי געגען הימעל, געגען די מענשען, געגען דער ציוויליזאַציע.

דו שרייסט. די נאַטור האָט דיר פערליהען דעם פערפיהרע־רישען פערלאַנג נאָך רחמנות, דעם כח השכחה ווי אַ קאַטץ. און פערגעסענדיג, אַז דו ביזט צווישען חיות, שטרעקסטו אויס דיינע אינשולדיגע הענט נאָך ליעבע, — נאָך קריסטליכע „ליעבע".

אָבער די קריסטליכע ליעבע איז אַ גיהנום־פאַנטאַזיע. און דו ווענדעסט זיך צו דיינע אייגענע צוריסענע און צובלוטיגטע גלידער — צו דיינע אידען.

געלד פאָדערט מען צו העלפען די אידישע אַלמנות און די אייבינע קאַליקעס פון די העלישע פּאָגראָמען.

און געלד קומט פון אַלע זייטען. אויף די פליגלען פון טעלע־גראַף פליהען די אידישע טאָלערס נאָך די חורבן־שטעדט פון צוויר־שעטען רוסלאַנד.

די אידישע מטבעה האָט „קפיצת הדרך": אָט זאַמעלט מען עס אין דעם אידישען סוועט־שאָפּ, און אָט איז עס אין קישינעוו און אַדעס.

מתים העלפען מתים, אָבער די לעבעדיגע שווייגען!

פון צווישען די דומפּפּע קברים פון אידישען קוואַרטאַל, אין דער נייער, פרייער שקלאַפען־וועלט, טראָגט זיך דער אידישער

קרעבץ אייננגשוויקעלט אין ווערטה־פאפירען און צונויפגעשמאָלצען אין גאָלד און זילבער.

וועלען מיר אָבער דערמיט קענען פערלאַטען און פערלייטען די גוואַלד־ריסען און די לעבער אין דעם אידישען קערפער? און זייגען מיר שוין זיכער, אַז דאָס זיינען די לעצטע פּאָגראָמען?

ווער וועט גיכער מיעד ווערען: מיר געבענדיג אָדער רוסלאַנד כעהמענדיג?

ווי שען ציימונגען טרוימען!

„וועלען נאָר די אידען קריגען גלייכע רעכטע, וועלען זיי נאָר ווערען אמת'ע בירגער, וועלען דערמיט געגעבן ווערען ביי דער נייער רעכטליכער לאַגע פון רוסלאַנד די גאַראַנטיעס פאַר א גע־זיכערטען לעבען פאַר די רוסישע אידען."

וואָס פאַר א זיסער חלום דאָס איז!

האָט ניט רומעניען א קאָנסטיטוציע מיט געזיכערטע רעכטע פאַר אידען? האָבען ניט די „וואָלאָסאַיעס" און אידען־מערדער געגעבען א גאַראַנטיע צו די גרויסמעכטע פון דער וועלט צו בלייבען מענשליך צו די אידען?

האָבען מיר ניט געטרוימט אָט דעם טרוים ביי אַלע רעוואָלוציעס אין אַלע לענדער? האָבען מיר ניט געבלוטיגט ביי אַלע פרעמדע גאולות און בלוטיגען מיר יעצט אויך ניט פאַר פרעמדע?

וואָס פאַר א ביטערער יאוש עס ליגט אין דעם אידישען טרויסט, וואָס פאַר א פאַלשע נבואה אין די אמת'ע ליידען!

עס דערמאָנט מיך אָן דער לעגענדע פון דער פערליעבטער נאַכטיגאַל, וואָס בייסט איהר אייגענע ברוסט ביז בלוט, און פון דעם בלוט בליהט א שענער ראָזענבוים, און אָט דעם דאָזיגען ראָזענבוים זינגט זי איהר „ליעבעס גלוט".

מיין פאָלק, דו ביסט א פערליעבטע נאַכטיגאַל!

אַט שטעהסטו פאַר מיר מיט אַ צוריסענע בלוטיגע ברוסט, מיט ליפען רויט פון דיין אייגענעם בּיס אין דיין אייגענעם לעבען זינגסטו די מאַרסעליעזע פון ישעיה'ס „איבערמענש", וועלכער שפאַנט איבער דיר אריבער צו ווערן שפּעטער דאָס, וואָס דו ביסט איצט...

אָבער ניט נאָר איין וואונד זעה איך אין דיין ברוסט. פון טויזענד טיעפע וואונדען בּלוטיגסטו, מיין פערליעבטע נאַכטיגאַל, מיין פאָלק, און נאָך איז דיין לייב אין גאַנצען ניט צוריסען.

וויפיעל מאָל וועסטו נאָך צובייסען דיין ברוסט? וויפיעל מאָל וועסטו זיך נאָך פערליעבען? דו זיסער פרייהייטס־זינגער! זאָג, איז נאָך אַלץ דיין פייער ניט אויסגעלאָשען, דיין אמונה ניט אויסגערונען מיט דיין בלוט, דיין ריינע נשמה ניט דורכגעפאַלען דורך די אָפענע וואונדען אין דיין פלייש?

נאַכטיגאַל!... נאַכטיגאַל!...

וויפיעל שענע געדאַנקען האָט נאָך די וועלט? וויפיעל זיסע חלומות, וויפיעל הימלען און וויפיעל שטערן אין זיי, וואָס זאָלען געווינען דיין בלוט, וויפיעל זונען? זאָג, וויפיעל ליכט, וויפיעל אירליכט?...

נאַכטיגאַל!... נאַכטיגאַל!...

וויפיעל תורות האָבען נאָך די געטער? וויפיעל בּאַרג סיני'ס וועלען זיך נאָך רויכערען? וויפיעל לוחות וועסטו נאָך אַראָפּבּריינגען פון די הימלען? וויפיעל „עגל'ס" וועט נאָך מאַכען די מענשהייט, און וויפיעל מאָל וועסטו נאָך מתפלל זיין פאַר איהר? וויפיעל מאָל וועסטו זיך נאָך בעטען, מען זאָל דיך בעסער „אויסמעקען פון דעם לעבענס רייסטער" איידער פערניכטען אַ זינדיג פאָלק?... אָ, וויפיעל „נוגשים" האָסטו נאָך צו בעקעמפּפען, און וויפיעל „אז ישיר'ס", וויפיעל פרייהייטס הימנעס האָסטו נאָך צו זינגען?

נאַכטיגאַל!... נאַכטיגאַל!...

אַ רויטער פעליטאָן

בילדער, סצענקעס און געדאַנקען פון אידישען קוואַרטאַל.

I.

בילדער !...

דאַנטע, דו קענסט זיי ניט מאָלען. דיין „אינפערנאָ" איז ניט אזוי גוואַלד־שרייענד ווי קישינעוו און אדעס, דיינע מחבלים זיינען בלויז זומער־פויגלעך געגען די שלוחים פון שונא, און דו ביסט נאָר א מענש און ניט קיין אשמדאי צו ווערטערען די שוידערס פון די אידישע גאַסען.

אין דיין גיהנום, דאַנטע, פייניגט מען נאָר די זינדיגע, די פינסטערע, די ווידערשפעניגע פון ליכט און אמת, די קלעק־נשמות, אָנגעזאַפּט מיט נאַכט און אימה.

אין רוסלאַנד צופּיצעלט מען קליינע קינדער.

מורא'דיג איז דיין קריסטליכע פאַנטאַזיע, כמעט שרעקליך ווי די אינקוויזיציע, קרייץ־ציגיש, רוימיש־קאַטויליש, אָבער דאָך ניט רוסיש־פּאָגראָמיש.

אין דיין כח הדמיון האָט געשוועבט א העלע, אָבער ניט קיין פּאָגראָם.

בילדער !

אָט ליגט א ברוסט פון אַן ערשטלינג, פון אויבען שמייכלען דורך בלוט און אש די אויסגעהאַקטע ציינדלאך פון איהר קינד.

זיי לאַכען פון קריסטענטהום...

די קערפּערס פון מוטער און ליעבלינג זיינען צוטראַמפּעלט געוואָרען אונטער די קלאָוען פון די משחיתים.

אַט האָט זיך אַ קייקעל געטהאָן אַ קאָפּ. אַ שוואַרץ־געקרויזטער פרויען־קאָפּ, אייגעפלאָנטערט אין לאַנגע, זילבער־ווייסע פעדים.

די אַרויסגעריסענע באָרד פון אַ זקן.

אַ שכור האָט יעצט אוועקגעבריקעט דעם אייניקעל מיט׳ן זיידען...

אַט לויפט אַ בעסטיע, די רויטע צופרינעס צושויבערט היינ־גען אַראָב אויף דער פערשמירטער, צובושעוועטער פּאַרצע. זיין כּויל שוימט גיפט, און זיין אָטהעם איז טויט און בראַנפען. די אייגען פינקלען ווי ביי אַ וואָלף, און זיין גאַנצער קוק איז פּחד.

אין זייגע בלוטיגע לאַפּעס צאַפּעלט זיך אַ קינד אויף אַ מעסער.

ער לויפט דאָס אַריינוואַרפען אין פייער, וואו די עלטערען ברענען.

אַ קופּה אימה׳דיגע געשטאַלטען, ווילדע, מאוים׳דיג, האַרץ און לייב דורכבויערענד, שרעקליך ווי דער חלום פון אַן אַלטען גזלן.

די קופּע ראַיעט זיך, שפּאַרט זיך, שטויסט זיך, טאַנצט און ברומט משונה׳דיג.

דאָס פערגוואַלדעוועט מען אַ אידישע כּלה. זי איז שוין לאַנג טויט, אָבער די שדים לעבען נאָך...

זיי לאָזען דעם טויטען קערפּער ניט קאַלט ווערען.

פרויען שטעהען אָרום און פּאַטשען אין די הענד פאַר שמחה.

קריסטליכע פרויען!

אַט שלעפּט אַ שכור אַ זילבערנע מנורה, איהרע רעהרען זיינען אָנגעגאָסען מיט בלוט.

דעם חב״ם מנורה.

אַ באַנדע אויפגערייצטע פרויען מיט מעסערס אין די הענד בעפאַלען אַ יונגע פערפוצטע פּאַרשוין. רייסען אַרונטער איהרע

קליידער ביז דעם צאַרטען לייב. דער נאַקעטער קערפּער ציטערט אונטער דעם גוואַלד פון שאַנד און שווידער.

— צוטרעט איהר!

— צושניידט איהר!

— רופט די מענער!...

און זיי רופען זייערע אייגענע מענער...

און זיי האַלטען איהר אַליין צו פאַר די האָר...

אַנטקעגען ברענט אַ חדר און די פּאָליציי לאָזט זיך די קינדער ניט ראַטעווען.

פוך, פעדערען, צושמעטערטע שפּיגלען, אַרבייטער געצייג, ביי־כער, טלתים, חופּה'ס און חופּה קליידער שווימען אין בלוט נעבען בערג הרוגים, יונג און אַלט.

„אינפערנאָ“?

דאַנטע, די געשיכטע האָט דיך בעזיעגט, די צייט — אַריבער־געפלויגעלט, דאָס לעבען האָט דיך פערדונקעלט.

דו האָסט געצייכענט אַ גיהנום, וואָס וועט ניט זיין, דער פּאָרטשריט האָט געמאָלען דעם אמת.

דו האָסט געזעהען אַ פאַנטאַסטישע העלע, וואו מען מאַטערט טייטע קריסטען, אָבער ניט דעם ריכטיגען גיהנום, וואו מען שטראָפט לעבעדיגע אידען.

דו האָסט געזעהן די קרבנות פון זינד, אָבער ניט די אָפּפער פון פרייהייט. אין דיין „אינפערנאָ“ איז מען מקריב אויפ'ן מזבח פון בייזען גייסט, דאָ שטאַרבט מען אויפ'ן אַלטאַר פון ליכט.

מען קען די שדים ניט פערגלייכען, די קרבנות אודאי ניט.

אָ, ניין, ניט דיין גיהנום, דאַנטע,
ניט דיינע שדים, ניט דיין שטראָף,
דאָ קוילעט מען אומזיסט ווי שאָף
די אייביגע, די גאָט־בעקאַנטע,

וואָס צאָהלען לעבענס אָהן אַ סוף,
וואָס זעטיגען מיט זייער זאַפט
די מרוק'נע וועלט, וואָס לייהען קראַפט
דעם פאָרטשריט און די פרייע פאָהן
צו קומען דאָרט, וואו ציט ווייזט אָן.

אַ, ניט ווי אַלע ליידען אידען,
דען אַנדערש איז דעם אידען'ס חטא.
זיין גאַנצער חטא איז, וואָס ער זעהט,
און איז מיט עולות ניט צופריעדען, —
ער ווערט געקרייציגט אַלס פראָפעט.
אַ, וויל זיין אמת איז צו שאַרף,
אַ סך צו שאַרף, דרום קלאָגט זיין האַרף
ביי יעדען בבל'ס פרעמדען טייך,
דרום איז ער ניט מיט מענשען גלייך....

אין יעדען לאַנד אַן אַנדער בכיה,
אין יעדען דור — אַן אַנדער וועה,
אַן אַנדער וועה און אימער גוועה
און קעמפף, און שלאָג זיך פאַר אַ תחיה,
וואָס איז פאַר זיי, פאַר זיי, פאַר זיי.
אַ, גיב דיין לייב און דיין געביין
צו שאַרפע נעגעל, שאַרפע ציין,
בעשאַף אַ הימעל, אַ פראָגרעס,
פאַר קישינעוו און פאַר אדעס!...

עד כאן בילדער.

יעצט קומען די „סצענקעס" פון איחיישען קווארטאל.

זיינען דאָס אָבער בלויז סצענקעס, וואָס שפּיעלען זיך יעצט אָב

אין דעם לאנד פון דערשטיקטע טשערנישעווסקיס, געהאנגענע לע־קערטס, פערברענטע אידישע קהלות?

זיינען דאס סצענקעס, וואס קומען פאר אין די האספיטעלער פון קישינעוו און אדעס, אויף די בית עולם׳ס פון די פערוויסטע שטעדט?

זיינען דאס סצענקעס, ווען רוסלאנד האט ניט גענוג לייוונד צו פערביינדען אונזערע וואונדען, גענוג בעטען צו לייגען אונזערע געמערדערטע און גענוג קברים פאר אונזערע מתים?

זיינען דאס סצענקעס, ווען אידיש בלוט פליסט אין אלע רי־נעס, און דער רוסישער אדלער שפרייט זיך אויף אונזערע הרוגים, די הרוגים אויף קידוש השם?...

זיינען דאס סצענקעס, ווען עס בלאנדזשען ארום מחנות עלענדע יתומים ווי בלודנע שאף, און עס איז ניטא קיין דערבארע־מער און קיין היים?

זיינען דאס סצענקעס?

— יא! סצענקעס אין פערגלייך מיט די סצענעס פון דער אידישער געשיכטע.

סצענקעס שטעהענדיג געגען אונזער לאנגען גלות, אונזער האפ־נונג — אונזער האכע.

רוסלאנד האט ניט פערברענט אונזערע שטעדט, נאר איהרע!

רוסלאנד קוילעט רוסלאנד, איהר אייגענעם, פינסטערען, פער־פוילטען, אבגעלעבטען „איך“.

אונזערע שטעדט קען זי ניט פערברענען. זיי זיינען אונפער־ברענבאר, גייסטיגע שטעדט זיינען זיי, אונזערע; מדינות פון רוח הקודש, „רואה ואינו נראה“־וועלטען.

קיין שכור קען דארט ניט אריינדרינגען, קיין שפיאן — ניט קומען העצען און קיין קאנאנען זיך ניט אריינברעכען.

אַן אייביגער מויער שטעהט אַרום זיי, אַרום אונזערע שטעדט. רוסלאַנד קען דאָרט ניט קומען, רוים און שפּאַניען האָבען אויך ניט געקענט.

אַרויסטרייבען האָט זי אונז געוואָלט, רוסלאַנד, אָבער זי האָט אונז אָפּגעטרעטען דעם וועג. דער הונדערט יעהריגער פינסטערער, רוסישער גייסט איז פערשוואונדען פאַר די ליכטיגע זון, וואָס שיינט אייף אונזערע גייסטיגע וועלטען.

סצענקעס?

געווים, צאַצקעס, שערבלאַך, אַ קינדער־שפּיעל!

לאַכען מאַכען זיי מיך, ווען איך פערגלייך זיי מיט דעם געוויינס, מיט דעם טריאומף, וואָס מיר האָבען געוואונען.

קישינעוו און אַרעס!

ווי שוים צורינען זיי ביי מיר אין זכרון. ווי מיקראָסקאָפּישע פינטלאַך פערשווינדען זיי נעגען דעם מאָרגענשטערען פון אַ פאָלק, די „אוראָר“ פון אַנייער צייט.

אידישע הרוגים!...

אַ פעליעטאָן, אַ רויטער פעליעטאָן. די פרייהייט איז געוואָרען אַ פעליטאָניסט און האָט דיקטירט דעם טייוועל צו שרייבען...

און זי קען, זי קען, טישט קשה, זי האָט זיך נאָך ניט אויסגעוועבט.

די זעלבע מייסטערשטיק ווי אין פראַנקרייך, נאָר אַ ביסעלע אַנדערש, אַ ביסעל מעהר אַריינגעשטעקט די פען אין אידישען טינטער; אין דאָס אידישע האַרץ אָבער אויך אַ פעליעטאָן, צו וויינען און צו לאַכען... אַ מיש־מאַש פון זויץ און ערנסט, גאַל און רויזענהאָניג, שמעק־טאַבאַק מיט פאַטוקע, אַ אידישער פעליעטאָן...

איך וואָלט שווערען, אַז דער פרייהייטס־גייסט איז אַ איד!

ער איז אַ איד, דען וויפיעל מען ברענט און בראָט איהם, בלייבט ער דאָך לעבען.

אַט זעה איך איהם, דעם פריוהייטס־גייסט, דעם איד. אַט שטעהט ער פאַר מיר!

אַ באָרוועסער, אָהן אַ היטעל, דער שטורם האָט זי איהם אַראָבגעטראָגען... אין איין האַנד אַ שטורקאַץ, אין דער צווייטער אַ פאַלמע; די ערד וויעגט זיך אונטער זיינע טריט און פאַר זיין אָטהעם שטירצען טראָהנען; אויף זיין קלייד ליעגט דער שטויב פון אייביגקייט און זיינע אויגען זיינען פייער; ער שפּאַנט און יאָגט איבער די ערד, די וועלט בלייבט איהם פון הינטען... פאַר איהם בליאַסקען די דורות און איבער איהם שפּרייט זיך די אונענדליכקייט. די מענשען יאָגען איהם נאָך מיט שטיינער, העק און קאַסעס און אַלערליי כלי משחית. אַ רויטער שטראָם בעגלייט איהם, אָבער דאָס בלוטיגט זיין שאָטען. ער אַליין שפּרייזט פריי און זיכער איבער קישינעוו און אַדעס...

II.

מיין שאָטען און איך

אַיהר ווייסט וואָס דאָס הייסט אַזוינס זיך פיהלען וואָלוועל, זיין ביליג, געפאַלען ביי זיך אַליין און האָבען אין די אייגענע אויגען אַ פּנים פון חוזק?

דאָס קען נאָר וויסען און פערשטעהן אַ איד, וואָס בעגרייפט די קליינקייט פון זיין בעטרעף, די גרינגקייט פון זיין ווערטה צווישען די פעלקער אין דער צייט פון אידישע צרות.

איך בין אַ איד און איך וויים דאָס, און פיהל דאָס.

זינט די פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד בין איך געפאַלען ביי זיך אין אַמעריקאַ.

איך פיהל ווי איך בין נידעריג, שפל און איבעריג, און נאָך

מעהר: איך בין איבערציייגט, אז אלע פיהלען דאס, אז די גאנצע וועלט פיהלט דאס און יעדער איינער קוקט אויף מיר מיט פעראכטונג, אדער מען קוקט אויף מיר גאר נים.

וואס פאר א צורה האט א עקעלהאפטער ווארעם, וואס פויזעט אין מיסט, א מוראשקע, וואס בלאנדזשעט אין וואלד? ווער איהם דער לייב, דער וואלף, דער טיגער, דער פוקס, אדער אפילו די זיאווויארקע שיינקען די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט?...

איין טרעט — און דאס לעבט נים מעהר. מיט'ן קוק ווערט דאס נים, אבער קיינער קוקט גאר נים אויף דעם...

איך בין אן אמעריקאנער בירגער, בין שטענדיג שטאלץ געווען: סטייטש, איך! ווער וועט דאס מיר וואגען צו בעריהרען? ווער וועט זיך דאס אונטערשטעהען מיך צו טשעפען, ווען דאס געזעץ בעשיצט מיך, די גערעכטיגקייט נעהמט מיך אונטער איהר פליגעל?

מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ פלעג איך געהן דורך דעם אידישען קווארטאל, און אפילו אין דער 5טער עוועניו פלעג איך זיך איך נים פערשעהמען. מיינע בירגער־פאפיערען זיינען געווען מיין שמירה, מיין „שיר למעלות" און מיין מזוזה, וואס האבען מיך געהיט פון לצים און משחיתים.

איך בין א מענש, איך בין אן אמעריקאנער, האב איך געטראכט: אט איז מיין פאליסמאן, מיין סיטי מעיאר, מיין סענאטאר, מיין פרעזידענט, מיין אמבאסאדאר, מיין מיליטער, מיינע קריעגס־שיפען! מען וועט מיך היטען אין דערהיים און פערטהיידיגען אין דער פרעמד.

יעצט טראכט איך נים מעהר אזוי. איך בין נים מעהר דער איינענער. זינט אידיש בלוט איז געפאלען אין קורס, פיהל איך זיך בחצי חנם'דיג... אין אן אנדער לאנד קוילעט מען אידען און מיר ליעגט דא דער חלף אויפ'ן האלז. איך געה דורך דער אידי־

שער גאס, און מיין טרויעריגע פאנטאזיע בעגלייט מיך. איבער גאנצע דורות שפאגען אריבער מיינע געדאנקען אין א רגע. רויטע בריקען פערבינדען אין מיינע רעיונות קישינעוו מיט ניו־יארק און אדעס מיט שיקאגא. די געשיכטע מאכט „קפיצת הדרך“ אין מיין מחשבה, און איך זעה פלוצלונג פאגראמען אין איסט בראדוויי, אין קאנאל סטריט, אין וואקער סטריט, אין בליקער סטריט און אפילו אין וועסט ענד עוועניו...

איך קוק אויף די דאזיגע סצענעס, און א מורא נעהמט מיך אן. מיר דאכט, אז יעדער גוי איז א פאגראמשטשיק, יעדער פא־ליסמאן — א פערקליידעטער „הוליגאן“, א „גראמילא“, וואס קען מיך יעדען אויגענבליק הרג'ענען, אומברייננגען מיין ווייב און קינ־דער, און בערויבען מיין פערמעגען.

איך בין מעהר ניט שטאלץ ביי זיך, איך בייג איין מיין קאפ מיט הכנעה, מיט אונטערטהעניגקייט און טרעט אב דעם וועג פאר דעם קלענסטען שייגעציל. איך בין זיכער, אז ווען איינער זאל מיך יעצט שלאגען, וואלט איך שווייגען; ווען אימיצער זאל מיך בערויבען, וואלט איך ניט וואגען צו פראטעסטירען. איך וואלט זיך געשעהמט צו געהן פאדערן גערעכטיגקייט. איך ווייס, אז דער ריכטער וואלט געטראכט: „קוק נאר אן, ווער דא געהט זוכען רעכט! א נבזה'גער איד! אין אמעריקא איז ער געווארען א גאנצער יחסן. דא איז ער ציטעריג ביי זיך, מען טאר איהם צומאל ניט א קלאפ טהאן און ניט אבנארען. פערדאמטער שי...“

טיעף ביי מיר אין הארצען ווייס איך, אז איך בין פריי, אז פארלויפיג קען מען מיר דא קיין בייז ניט טהאן, און דאך וואג איך וועגען דעם אפילו ניט צו דיינקען, דען איך פיהל, אז איך בין הפקר, הפקר פעטרושקע!

מיר ווערט אזוי טרויעריג צו מוט, אזוי אונערטרעגליך ביטער, אזוי מורא'דיג שלעכט, אז איך האב מעהר צו קיינעם קיין צוטרוי

ניט, אפילו ניט צו זיך אליין. איך ציטער זאגאר פאר מיין אייגע־נעם שאטען און וואלט זיך וועלען אבורייסען און ערגעץ וואו אנט־לויפען פון איהם, ווארום אט, האכט זיך, הויבט ער אויף א פויסט מיך צו דער'הרג'ענען. און מיר דאכט, אז ער איז גערעכט אויך: א איד דארף ניט לעבען. איך פיהל ווי מיין גאנצער „איך" רעבע־לירט בעגען מיר, נעגען מיינע אידעאלען און איבערצייגונגען. און מיין שאטען ווערט שטארקער פון מיר, און איך הער ווי ער רעדט. איך הער ווי מיין איינענער שאטען טענה'ט און בייזערט זיך און שרייט:

— גוואלד, גזלן, וואס ווילסטו האבען פון מיר? ווילאנג איז דער שיעור, איך זאל זיך נאכשלעפען נאך דיר, דו אייביגער שלע־פער, ווילקאלאק, נע־ונד'ניק, טארכעניק, וואס דו ביסט?... וואו האב איך זיך שוין ניט אויסגעוואלגערט מיט דיר? אין וועלכע נאַ־רעכ, אין וועלכע לעבער און אין וועלכע בלאטעס בין איך דיר שוין ניט נאכגעקראכען, דו פערשאלטענער אומרוה? עס איז מיר שוין נמאס געווארען דאס וואגלען, דאס אלטע, וויסטע שלעפענים. גע־נוג! עס איז מיר א חרפה, איך וויל דיך מעהר ניט בעגלייטען, איך וויל ניט מעהר זיין דער שאטען פון א איד... זעה, ווי דין, ווי איינגעהארט, איינגעקווארט, איינגעטריקענט און איינגעהויקערט איך בין געווארען... וואו עס פאלט א שטיין, טרעפט מ י ך. אלע שפייען מ י ר אין געזיכט. וואס בין איך דאס מחויב צו ליידען? טשעפע זיך אב און לאז מיך פערשווינדען!...

גערעכטע טענות, ווי איך בין א איד, גערעכטע!

אין אמת'ן, ארעמער אידישער שאטען, וואס האט מען געבאך צו דיר? ווען טשעפעסטו און וועמען בעריהרסטו? אונשולדיגער חבר מיינער אין גלות, ווי קען איך פערוואונדערען דיין אונגעדולד, דיין גערעכטען כעס, דיין ביטערקייט? ביסט גערעכט. האסט מיר לאנג נענוג בעגלייט, און א סוף זאל דאס ווערען! צו־וואס זאלסטו

זיך אומזיסט נאכשלעפען נאך מיר און צו־וואס דארף איך היך סיי־וויי־סיי? דו ביסט מיר אויך געווארען א לאסט, א משא. איך קען ניט זעהן ווי דו העלפסט מיר ליידען, און אפט, ווען דו ברעכסט די הענד, דו רייסט זיך די האר פון קאפ, אדער דו שפרייטסט אויס דיינע ארעמס געגען הימעל, דאכט זיך מיר גאר, אז דו מישט מיך איבער...

דו אונגליקליכער שאטען פון א איד, דו וואלסט מעהר ניט זיין!...

און אט, דאכט זיך, מאך איך א סוף און משעפע זיך אב פון זיך אליין. אבער דער גלות לאזט מיר ניט דורכפיהרען מיין וואונש. איך וואג ניט זאגאר זיך אליין צו בעריהרען. דען חאטש איך בין קיינעם׳ס ניט, בין איך אלעמענס, אזוי ווי די שטויב פון דער ערד, ווי די שטיינער פון ברוק. איך בין דער „רשות הרבים" פון דער וועלט, אויף וועלכען אלע מעגען טרעטען, און מוז זיין שטיל און רוהיג און ניט ריידען קיין ווארט. איך געהער צו אלעמען, נאר ניט צו זיך אליין...

אנדערע מעגען מיט מיר טהאן וואס זיי ווילען, זיי מעגען מיך אומברייננגען מיט אלערליי מיתות משונות, אבער איך טאר ניט הויבען קיין האנד געגען זיך. איך טאר ניט מאכען קיין פאגראם אויף מיינע אייגענע צרות, אויף מיינע אייגענע ליידען. און איך בעט זיך ווידער איבער מיט מיין שאטען, און ווידער שלעפ איך זיך אוועק איבער גוואלד, און ער, מיעד און טרויעריג, שלעפט זיך נאך נאך מיר...

ביטערע געדאנקען! זיי צולעבערען מיך, זיי צורייסען מיך. און געהענדיג אזוי פערטיעפט אין די שווארצע מחשבות פון עלענד און יאוש, לויפט מיר פלוצלונג אן אנטקעגען א איינגעל מיט אן ענגלישער צייטונג, וואס מעלדעט א נייעם פאגראם אויף אידען.

איך כאפ די צייטונג, אבער איך שעהם זיך עס צו לעזען עפענט־

ליך אין גאס. איך שעהם זיך פאר'ן שייגעץ, וואס שטעהט אויפ'ן ראג, ער זאל היינטער ארום ניט כאפען א קוק אין צייטונג און זעהען, אז מען מעג נאך ואליץ הרג'ענען אידען. איך וויל איהם ניט ווייזען די טרויעריגע מינע, וואס איך מאך ביים לעזען.

א ווילדער בעס ברענט אין מיר אויף אויפ'ן קייבעל, וואס פער'מסר'ט דעם אידישען חורבן פאר דער וועלט. צו־וואס דארף מען דאס צוקלינגען אונזער אונבעהאלפענקייט צווישען די פעל־קער, וואס האבען אונז פיינד און זעהען א נקמה?

און איך פיהל ווי זיך ארונטערלאזען אין אטלאנטישען אקעאן און צורייסען אין שטיקער דעם קופערנעם רכילות־טרייבער, דעם ציוויליזירטען מסר פון דער נייער צייט, דעם בעהאלטענעם פלוט, וואס ליגט אין ים און פיהרט „פאטצטען" מיט מענשען...

ביז יעצט האבען נאר געוואוסט יחידי סגולה פון די אומות העולם, אז א איד איז א קהל'שע באק פאר אלעמען צו פאטשען. אונזער וואלוועלקייט איז נאר געווען בעקאנט צו די גרויסע, די בע־לעזענע, וואס האבען געזעהען אין דער וועלט־געשיכטע, אז אידען איז א מצוה צו שלאגען. פאר'ן חלאפ אבער, פאר דעם גראביאן האבען מיר נאך געקענט מאכען א מינע פון עפעס־רעכטס און „בטראיען א וואנצע", יעצט אבער וויסען שוין אפילו די קליינע שקצים, וואס לעזען דעם „דזשוירנאל", אז א איד איז קיין מענש ניט.

עס ווערט מיר א חרפה פאר דעם איטאליענער מיסט־פיהרער, וועלכער איז דא צו יעדער צייט מעהר יחסן פון דעם גרעסטען אי־דישען באנקיר. דען פרובט חלילה וחס פערטשעפען א איטאליע־נער באנאנא־פעדלער, וועט אייך קייזער עמנו־אל דערטרינקען אין זודיגע מאקאראני. און א אידישער מיליאנער מוז גלעטען זיין איי־גענעם געלד־זעקעל, ער זאל מגן זיין אויף איהם. און זעהר אפט

טרעפט דאס, אז מען ליידינגט אויס זיין זעקעל און מען לייגט דארט אריין זיינע צובראכענע ביינער.

דאס איז דער שכל, פאר וואס אידישע באנקירען און קאפיטאליסטען האבען אזא דרך־ארץ פאר א גוי'שען כאסיאק און קיין רעספעקט פאר א אידישען קענער. דערפאר האבען זיי אויסגעלאכט יעדע ווארנונג צו העלפען שאפען פאר אידען בעצייטענס א היים, און זיי רוקען זיך יעצט מיט צדקה און שתדלנות. דערפאר זיינען הערצעל און נארדוי געווען צוויי „שארלאטאנעס", פון וועלכע זיי האבען אבגעקעהרט די בייטעל און האבען בעוויעזען מיט צופער, אז אלץ איז ווי עס דארף זיין.

אט אזוי האלט איך די ענגלישע צייטונג און איך וויים ניט וואס צו טהאן מיט איהר. איך וואלט עס צוריסען, ווען איך וואלט דערמיט געקענט צורייסען די אידישע צרות, אדער אמוועניגסטענס מיין אייגענעם שמערץ. אבער דיינקענדיג און טראכטענדיג לייג איך עס צוזאמען און לייג עס אריין אין קעשענע.

א, אידישע קעשענע! דער גאנצער חורבן געהט ענדליך אויך צו דיר...

III.

דער שווארצער מארש

א שווארצער מארש אין דעם אידישען קווארטאל!
מען האט קיין ארון און קיין טוידטענוואגען ניט געזעהען, די טוידטע זיינען בעגראבען געווארען פון דער אנדער זייט ים און א סך פון זיי זיינען צו קבר ישראל ניט געקומען.

אין פייער זיינען זיי אומגעקומען אלע, אלט און יונג, און זייער חייליגע אש איז צוטרעטען געווארען מיט די אונריינע פים פון רוסישע הוליגאנעס.

א לויה האָבען מיר געהאַט, אָבער נאָר די כשרה נשמות פון אונזערע טויטע האָבען מיר בעגלייט, די ריינע, אונשולדיגע נשמות, וועלכע האָבען מיטגעמאַרשירט מיט דער ריעזיגער מתנה אבלים דורך די אידישע גאַסען.

ביי אַן אָפענעם פענסטער בין איך געשטאַנען און געקוקט אויף די טרויער־אַרמעע, וואָס האָט פאַרשפּרייט די אידישע שכינה ווי א ריעזיגער שוואַרצער וואָלקען.

א פינסטערער נעבעל, אָנגעטרונקען מיט אידישע טרעהרען און דונקעלע געדאַנקען, איז געהאַנגען אין דער לופטען, א טומאַן פון מרה שחורה, יאוש און פערצווייפלונג האָט זיך געוויעגט אין דער הויך און דער גאַנצער געוואַלד פון גלות איז געפאַלען אויף די אַראָבגעלאָזענע קעפּ פון די מאַרשירער.

וועה, וועלכע מאַרשען מיר האָבען דערלעבט אין צוואַנציגסטען יאהרהונדערט. וועה, וועלכע אַרמעען עס ציהען פאַרביי די אידישע הייזער, וועלכע מוזיק מיר הערען, און וועלכע בילדער עס מאַלען זיך פריי און אָפען פאַר די אויגען פון דער גאַנצער מענשהייט!

פון פענסטער האָב איך געקוקט אויף דער וואַקסענדער מאַסע, וועלכע שווימט אָן פון אַלע זייטען. מענער, און פרויען, און קינ־דער. אַרבייטער האָבען אָוועקגעלייגט זייער געצייג, פרויען האָ־בען זייערע הייזער פערלאָזען, קינדער זיינען פון די חדרים געקו־מען און אַלע, אַלע, אַלע האָבען זיי זיך צוזאַמענגעוועבט, צוזאַמענ־געשמאָלצען און צוזאַמענגעקייטעלט אין איין גרויסע, שוואַרצע מאַסע — אין א לויה.

אזא טרויער־מאַרש האָט נאָך ניו יאָרק ניט געזעהען. אזא יאמער־צוג האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געצויגען דורך די פרייע און אָפענע גאַסען פון דער גרויסער וועלט־שטאָדט.

אזא אַרמעע אבלים האָט נאָך די וועלט נים בייגעוואָהנט, האָט נאָך קיין אומה־ולשון נים געהאַט; אַזעלכע לויות קענען נאָר טרע־

פען ביי אידען, וועמעס קרבנות אויף קידוש השם עס פאלען אהן אויפהער, וועמעס מתים עס שרעקען איבער די ציפער.

און כמעט אלע מארשירער זיינען געווען ארבייטער, אידישע ארבייטער, אידישע ארעמע לייט, וואס האבען געטהיילט זייער לעצטען ביסען מיט די יתומים און אלמנות, און פערלארענע קריפעלס אין דעם לאנד פון פאנגראמען.

ארבייטער פאהנעס, דורכגעשלייפט מיט שווארצע בענדער און שווארצען טול, האבען געפלאטערט אין דער לופטען. הונדערטע טראנספעראנטען מיט פערדאמונגס-אויפשריפטען געגען די העלליגע אכזריות פון א בלוטיגע, מענשענפרעסענדע ביוראקראטי האבען דורכגעשטרייפט די שווארצע מאסע.

די קאלירען פון די פערשידענע פאהנעס פון ארבייט האבען צוזאמענגעשטעלט אלע קאלירען פון רעגענבויגען, אבער קיין רעגענבויגען איז דאס דאך ניט געווען... ניטא קיין רעגענבויגען פאר אונזער ארעם, אונגליקליך, עלענד פאלק, ניטא קיין טרויסט און קיין טרויסטער אויף דעם טויזענד-יעהריגען חורבן, וואס ציהט זיך אין פארטזעצונגען דורך אלע דורות אין אלע לענדער.

דורך אן אפענעם פענסטער האב איך געקוקט אויף דער אונגליקס-ארמעע, וועלכע איז געגאנגען שטיל מיט געזענקטע קעפ און אויסגעלאשענע הערצער.

דער ערנסט פון בית הקברות איז געלעגען אויף זייערע געזיכטער, וויבער האבען געוויינט אויף'ן קול און די פריינד פון די אומגעקומענע קרבנות אין פערשידענע רוסישע חורבן-שטעדט, האבען געבראכען די הענד פאר פערצווייפלונג.

איך האב געוויינט מיט בלוטיגע טרערען; אלע ביינער אין מיין גוף האבען געוויינט און אלע מיינע פריינד ארום מיר האבען געכליפעט אויפ'ן קול.

ווער קען דאס ניט וויינען ביי די לויה פון א פאלק, פון א

פאלק, וואס געהט נאך זיין אייגענע לויה, א פאלק, וואס לעבט נאר אום צו שטארבען, אז די וועלט זאל קענען לעבען. יא, אז די וועלט זאל קענען לעבען אויף דעם בלוטיגען סך־הכל פון זיינע טויטע...

פלוצלונג האט דער ארקעסטער אויסגעבראכען אין טרויער־טענער. א שטראם מיט וועהען האט זיך א גאס געטהאן איבער די אבלים. די שפיעלער זיינען אידישע געווען און יעדער מוזיקאנט האט אריינגעלאזען זיין טיעף־טרויעריגע אונרוהיג צו־וואונדעטע אידישע נשמה אין זיין אינסטרומענט. איך האב דערהערט אין דעם ווילדען שוידערהאפטען גלות־מארש אלע יללות פון דער קלאגענדער מענשהייט, אלע וועה־געשרייען פון די דורות, דער פלוך און דער טרויער פון דעם אייביג געטרעטענעם.

באלד האט א קרעכץ געטהאן דער כאר אן „הזכרות נשמות“. א בית עולם מיט שרעקען איז ארויפגעפאלען אויף מיר. איך האב דערפיהלט, ווי די ערד זינקט אונטער מיינע טריט, ווי איך פערשווינד אין זיך אליין, ווי איך פערליר זיך אין דעם שטורם פון דער קברים־מעלאדיע. אפילו די טרערען האבען זיך דערשראקען און זיינען געבליבען פערגליווערט אין די היילען פון מיין הארצען, און מיין אייגענער כליפען און שלוכצען נאר האבען מיר אויפגעוועקט פון דעם שרעקליכען היינער־פלעט.

ווען איך האב ערוואכט, האב איך דערזעהן ווי אלע מיינע חברים און דערביישטעהער זיינען פערוויינט, אלעמענס אויגען זיינען געווען רויט. שטום זיינען מיר אלע געשטאנען מיט איינגעהאלטענע אטהעמס און קלאפענדע הערצער און נאכגעקוקט די גרויסע לויה, וואס ציהט זיך אלץ לאנגזאם אוועק און פערשווינדעט פון אונזער בליק.

קיינער פון אונז האט ניט גערעדט. קיינער האט געוואגט צו עפענען א מויל שטעהענדיג פאר די ערנסטקייט פון דיזען היסטארישען טרויער־מאמענט.

וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען ווערטער ווען דאָס הארץ רעדט? וואָס איז איבערהויפּט צו ריידען און צו זאָגען ביי דעם אָפענעם קבר פון אַן אומה? ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז נאָר בין איך געקומען צו מיין גאַנצען בעוואוסטזיין און מיין הארץ האָט אָנגעהויבען צו וואקסען מיט אַ שטאָלץ: — וואָס פאַר אַ גרויסע לויה מיר האָבען נאָך!...

IV.

גלות מחברים

די יעצטיגע אידישע צרות אין רוסלאנד וועלען אונז, ווי עס שיינט, געבען אַן ארמעע נייע ליטעראַטען, סקיצען־מאַכער, דראַמען־פערפאַסער, לירישע און עפּישע דיכטער, פעליטאָניסטען און מחברים ס ת ם א י ן ד ע ר ו ו ע ל ט. אַזעלכע גרויסע היסטאָרישע ערשיינונגען מאַכען גרויסע רושם'ס אין מענשליכע קעפּ און הערצער, און וועקען אויף ימים נייע מחשבות און געפיהלען. מענשען פון אַ גאַנץ יאָהר ווערען פּלוצלונג "א ל ד ד ם ו מ ד ד ם" און הויבען אָן נביאות צו זאָגען אין דער „מחנה“.

מיט איינינע טעג צוריק עפענט זיך ביי מיר די טהיר און עס קומט אריין אַ בלייכער, בעבערדעלטער אידעל מיט אַ נאַאיוועד שאלה:

— וואָהנט דאָ דער מאַן, וואָס שטעלט זיך אריין אין די בלעטער?

— יאַ, וואָס ווילט איהר? — האָב איך איהם געענטפערט.

— איך האָב אַ שטיק אויף'ן קאָפּ, — האָט זיך דאָס אידעל אָבגערופען, — איך וויל דאָס איבערשרייבען און פערפאַסען אין ע ט ל י כ ע אַקטען, וואָלט איך פערלאַנגט אייער עצה.

— האָט איהר שוין אַ מאָל עפּעס געשריבען ? — האָב איך איהם אַ טאַפּ געטהאָן, קוקענדיג אויף זיין תמ'עוואַטען פּנים.

— מיין טאַטע איז אויך קיין שרייבער ניט געוועזען און איך בין אויך קיין שרייבער. איך האָב נאָר די שטיק אויפ'ן קאָפּ, וויל איך פרעגען, אויב דאָס איז אַ גוטע שטיק. איך האָב געזעהען דעם אידישען טהעאַטער, איז דאָס גאָר קיין קונץ, מיין איך, אז איך קען דאָס אויך.

— אין וואָס אייגענטליך בעשטעהט אייער שטיק ? — האָב איך דעם נייעם דראַמאַטורג געפרעגט מיט איראָניע.

— דאָס הייסט, בעשטעהן בעשטעהט עס: מען וועט מאַכען „אל מלא רחמים“ די טויטע אידען פון אדעס און מען וועט זינגען „יזכור“. אַ חזן וועט זאָגען „קדיש“ מיט משוררים. מען וועט זיך דאָרט פערליעבען אויך... און אדלער, דער אקטיאָר, וועט קומען אין האָספּיטאַל זעהן די פערוואונדעטע און שרייען און ברעכען די הענד....

— מיט אזא שטיק אויפ'ן קאָפּ זייט איהר אַ גרויסער קאָפּ־שמיק, — האָב איך דעם שפּאָגעל־נייעם פערפאַסער ערקלערט. — אָבער איידער אדלער וועט ברעכען די הענד אין האָספּיטאָל, וואָלט מען אייך בעדאַרפט צוברעכען די פינגער פאַר'ן וועלען נעה־מען אַ פען אין האַנד.

דער אידעל איז אַרויס, און אַ צווייטער איז אריין. דאָס איז געוועזען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג, גלאַט געראַזירט, אַ בלאַ־סער, דאַרער, קליינער מענשעל מיט אַ פּאָאַר טרוימערישע אויגען. איך האָב דעם יונגען מאַן געבעטען זיצען און געפרעגט, וואָס איך קען טהאָן פאַר איהם.

— גאָר ניט, — האָט ער געענטפערט, — איך וויל ניט קיין טובות פון קיינעם. איך האָב געמאַכט אַ ליעד פון רוסלאַנד און וויל איהר זאָלט דאָס אריינשטעלען אין אייער בוך...

— אין וועלכען בוך? — האָב איך איהם געפרעגט פער־וואונדערט.

— אין אייער בוך, וואָס איהר גיט ארויס, — האָט דער מאַן געזאָגט צוטראָגען. — מען האָט מיין טאַטען געקוילעט אין קיעוו. האָב איך געמאכט אַ ליעד, ווילען זיי דאָס ניט דרוקען...

— וואו איז אייער ליעד? — האָב איך איהם געפרעגט אונ־רוהיג.

— איך האָב דאָס אין געדאַנקען, — האָט דער מאַן געענט־פערט שמייכלענדיג. — יא, איך האָב דאָס אין געדאַנקען, אָבער עס איז גאַנץ, גאַנץ און שטאַרק, היהרעוודיג איז מיין ליעד, בין איך געווען אין די צייטונגען, ווילען זיי דאָס ניט דרוקען, בין איך גע־קומען צו איך...

— פאַרוואָס שרייבט איהר דאָס ניט אָן אויפ'ן פּאַפּיער? — האָב איך איהם געפרעגט מיט אַ גרויס בתמיה.

דער יונגער מאַן האָט זיך עפּעס ווי ניט געריכט אויף מיין פראַגע. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און געענטפערט נאַאיוו און פערשעהמט:

— ווייל איך קען אליין ניט שרייבען...

V.

דער אידישער העלד

אַט אזעלכע בילדער מאָלען זיך אין דער אידישער גאַס טאָג־טעגליך. די שחיטות אין רוסלאַנד האָבען צוטומעלט די קעפּ פון טויזענדע מענשען. שטומע נביאים זיינען אויפ־געשטאַנען, משוגעים האָבען זיך בעוויזען, צוריסענע געפיהלען און געדאַנקען פילען אָן די אידישע הייזער, אבער אויך אמת'ע טאַלענטען און אמת'ע גבורים האָט דער אידישער קווארטאַל.

איך זיץ אזוי אין קאפע־הויז און נודע זיך ביי א גלעזעל טהעע מיט לעמאן, די בראנפען פון דער אידישער אינטעליגענץ אויף דער איסט סייד, — ווען עס קומט פלוצלונג צו מיר א מאן און שטעקט מיר אריין א געזונדע קרעפטיגע האנד מיט א „זייט געזונד“.

— פאהרט געזונד! — האב איך זיך אבגערופען, אנקוקענדיג דעם מאן, וועלכער איז מיר פארגעקומען האלב בעקאנט. ער איז געוועזן פון די מענשען וואס כאפען זיך א מאל אריין אין דער ליטעראַרישער קאפע הויז, טהוען א שמעק און געהען ווייטער. קיין ספעציעלע פריינד און חברים האבען זיי ניט. זיי קענען אלעמען, אבער זעהר ווייניג מענשען קענען זיי. איך האב דעם מאן ניט געקענט.

— איהר קענט מיך ניט, — האט ער געזאגט אין געבראכענע אידיש, — אבער איך קען אייך, וויל איך זיך מיט אייך געזעגענען. ווער ווייס אויב איך וועל אייך שוין נאך א מאל זעהן.

— וואס איז געשעהן? — האב איך איהם האסטיג געפרעגט.

— עס איז גאר פיעל געשעהן, — האט ער געזאגט, — עס איז א „רעוואלושען“ אין רוסלאנד. דארט זיינען „מאססאקארס“ (פאגראמען) אויף אידען, און איך פאהר אהין נעהמען געוועהר אין האנד.

— זייט איהר א בונדיסט, א פועל ציון אדער א ציוניסטישער רעוואלוציאנער? — האב איך געזוכט צו טרעפען.

— איך ווייס ניט וואס איך בין, — האט ער מיר ערנסט געענטפערט, — איך ווייס נאר, אז איך בין א איד און בין „פולל אוו פייט“, פול מיט קאמפף, און איך וועל נעהמען „רעווענדזש“, נקמה וויל איך נעהמען פון די מערדער.

— האט איהר עפעס משפחה אין רוסלאנד?

— ניין.

— זיינט איהר שוין לאנג פון דארטען?

—איך בין דאָרט קיינמאָל אין לעבען ניט געווען, — האָט דער מאַן געמאַכט די איבערראשענדע בעמערקונג, — איך בין גאָר אַ געבאָרענער אַן ענגלענדער.

איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויערן וואָס איך הער.

— דאָס וועט זיין מיין דריטער פּיוט פאַר פרייהייט, — האָט דער מאַן מוטהיג פאָרטגעזעצט. — איינמאָל האָב איך זיך געשלאָגען פאַר די בעפרייאונג פון קובא, אַ צווייטען מאָל האָב איך געקעמפּפט פאַר די בורען אין סויטה אפריקא און יעצט פאָהר איך זיך אָנ־שליסען אַן די רעוואָלושאָניסטס אין רוסלאנד.

איך האָב געקוקט דעם מאַן גלייך אין די אויגען און האָב דער־זעהען אין איהם דעם העלד. איך האָב איהם געדריקט וואַרעם זיין האַנד און איהם געבענשט פון טיעפען הארצען.

— אָט דאָס הייסט אַ מענש, האָב איך געטראַכט, אזעלכער האָט אַ ציעל אין לעבען און אַ טרויסט אין טויט.

איך האָב געפיהלט ווי די ערד אונטער זיינע טריט איז הייליג, און טיעף אין מיין הארץ האָט אויפגעלעבט אַ בעגעהר נאָכצופאָל־גען זיין ביישפּיעל, נאָכלויפען נאָך איהם, זיך אָנטשעפּען אָן אַ ברעג פון זיין פּאָלע און זיך כאָטש נאָכשלעפּען, אָבער אויך דערצו האָב איך קיין כח ניט געהאַט...

איך האָב זיך פערטראַכט און אריינלאָזענדיג מיינע בליקען אין דער גלאָז טהעע, האָב איך דאָרט ד ע ר ז ע ה ן אַ קליינעם מענ־שעלע. . . .

VI.

אַ קאַצאַפּ

בעשערט געוועזן אבער, אַז די סצענע אין קאַפּע הויז זאָל זיין בעגלייט פון אַ בילד, וואָס האָט אויך אַ גרויסע שייכות מיט רוסלאנד.

ארויסגעהענדיג מיט אַ בעקאַנטען פון קאַפּע הויז איז אונז אָנ־

געקומען אנטקעגנען א הויכער, קרעפטיגער איד מיט א לאנגע בלאנדע בארד, שעהן פערקאמט, זיין ראק איז געוועזן אלט און אב־געניצט, אבער ריין און זויבער.

מיין בעקאנטער האט זיך מיט איהם ארומגעכאפט. זיי האבען ביידע גערעדט רוסיש, און איך האב קיינמאל ניט געהערט, אז א איד מיט א גרויסער בארד זאל אזוי שען ריידען רוסיש ווי ידער הויכער, בלאנדער מאן.

— שלעכטע צייטען אין רוסלאנד, — האט דער איד געזאגט צו מיר אין גוטע איהיש, אבער זיין אקצענט האט פער־מסר׳ט רוסיש.

— יא, זעהר שלעכטע צייטען, — האב איך איבערגערערט זיינע ווערטער, און האב איהם אנגעקוקט פער׳חידוש׳ט.

— דיזער איד איז א געבארענער רוס, און האט זיך דא מגיר געווען מיט זיין ווייב און קינדער, — האט מיין בעקאנטער געמאכט די אונערווארטעטע ערקלערונג.

— זייט איהר געווען ביי דעם גרויסען טרויער־מארש? האב איך איהם געפרעגט מיט א צומישטען געפיהל.

— בין איך דען קיין איד ניט? האט ער מיר געענטפערט.

— האט איהר געווייגט אויך? האב איך איהם ווידער גע־פרעגט עפעס ניט־וויסענדיג אליין פארוואס איך פרעג דאס?

דער מאן איז געבליבען איבערראשט פון מיין ניט־ערווארטעטער פראגע. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך און האט גע־זאגט.

— ניין! איך קען ניט וויינען... בין זעהר הארט אויף טרערען... כ׳האב נאך קיינמאל ניט געלאזען קיין טרער....

— א קאצאפ!...

VII.

שיילאָק דער איד

Thou callest me a dog
Before thou hadst a cause;
But, since I am a dog,
Beware my fangs.
(Shylock).

א צונג אָדער א פויסט; איינגעבויגענע קניע אָדער אן אויפגעהויבענעם קאָפּ; וואָס איז יעצט חשב'ער?

די געשיכטע האָט אונז אריינגעשפּארט א מעסער אין בוזים, זאָל ער האָרט ליעגען בעהאלטען? דער גלות האָט אונז געהאָדעוועט שלאנגען אין הארצען, זאָלען זיי ניט ווייזען, אז זיי זיינען גיפטיג?...

דער ראכע גייסט האָט אָנגעפילט אונזער געדולד מיט עקספּלאָדירענדע שטאָפען, זאָל מען זיי דערטרינקען אין רויזענוואסער?....

— יאָ! זאָגט די קריכיגקייט.

— ניין! זאָגט דער שטאָלץ.

די אָבגעהובעלטע יהודים פון ניו יאָרק האָבען געפּאסט א בעשלום, אז די אידישע צדקה אין אמעריקא פאר אונזערע קרבנות פון די פּאָגראָמען, זאָל צוטיילט ווערן אין רוסלאנד צווישען אידען און קריסטען צוגלייך.

זיינען נאָך יעצט אויף די דאָזיגע האלב־אידען אזעלכע פלאָקעפּ צו מיינען, אז מען מוז אויסנוצען יעדע געלעגענהייט א לעק צו טהאָן דעם קריסט?

מיינען זיי ווירקליך מיט חניפה און עקעלהאפטער אונטערטהעניגקייט זיך איינצושמייכלען ביי די אידישע שונאים, וועלכע שפּייען אויף דעם אידישען מיליאָנערסקען פּראָצענטניק פונקט ווי אויף דעם אידישען קארעבעלניק?

און לאכט ניט הי גאנצע קריסטליכע וועלט אין די הויפענס פון

דעם קריכערישען „מה־יפית"־איינפאל, דאס נאכדעם ווי מען האט געקוילעט, געברענט, געבראטען און גערויבט אידען אין רוסלאנד, זאלען אמעריקאנער אידען שיקען שטיצע פאר קאצאפעס?

דער טויטער פאביערדאנאסצעוו שטיקט זיך פאר געלעכטער.

איז שוין אונזער צדקה ווירקליך אזוי גרויס און אונזער הילפס־פאנד אזוי איבערפול, אז מיר קענען בעשטעהן צו פערזארגען די רוסישע מוזשיקעס?

האבען מיר שוין פערזיכערט פאר די עטליכע מיליאן אידישע קרבנות פון רוסלאנד א רוהיגע היים, א לאנד, א טעריטאריע, וואו זיי זאלען כאטש אמוועניגסטענס קענען רוהיג שטארבען?

א, עקעלהאפטער „מה־יפית"! פינסטערער גלות־איד!

וועה אייך, איהר „מה־יפית" זינגער!
פוסטע הערצער, גלאטע צינגער.
וועה צו אייך, איהר צרות ברינגער,
וואס פערשווארצען אונזער פנים,
וואס איהר בייגט זיך און איהר בוקט זיך
פאר'ן שונא, וואס איהר רוקט זיך
אונג'טרען קאנטשיק פון די שונאים!

כיין! ביט „עין תחת עין"
זוכט איהר, אנדערע כלי זין
ווילט איהר זאלען אייך בעפרייען:
קריכען ווילט איהר ווי די ווערים.
איי'רע ריטער, איי'רע בייטשען
זוכט איהר אנדעריש אויסצוטייטשען,
ווען עס דונערט דער „פערצעהר איהם!"

אָ, איהר הערצן גלאַט געהובעלט,
שען בעטאָלערט, פיין בערובעלט,
אייער תרפה איז געדובעלט,
זינד און שאַנד איז אייער זינען:
איהר צוטרעט מיט שפּאָט די עהרע
פון דער העכסטער מענשענלעהרע
אום צו לעבען כּאָטש ווי שפּיבען...

יאָ, לעבען ווי שפּינען, אבי לעבען!

רוף מיר פּארך, אבי גיב מיר א רובעל אויף שבת. די העס־ליכע, לאקייסקע גלות מדה פון דעם מאָדערנעם פראַצענטניק.

וואָס פאַר אַן אונטערשיעד צווישען דעם אמאָליגען שיילאָק און דעם היינטיגען!

יענער איז געווען א מענש, א כאראקטער, א ראכע־זיכטיגער, נקמה־נעהמענדער, עהרווירדיגער מענש, און דער יעצטיגער איז א הונד, א חונף, א שפּיאָן!

שעקספּיער'ס שיילאָק איז דער פערקערפּערטער אידישער פלוך פון „על נהרות בבל“, דער פערהארטעוועטער, פערגליווערטער אידישער שמערץ, די גאל פון גלות, אָנגעגאָסען מיט אויביגע ביי־טערנים, וואָס זוכט זיך אויסצולייזיגען אויף די קעפּ פון די פּייני־גער; דער יעצטיגער רעפאָרמירטער שיילאָק, פון צוואנציגסטען יאהר־הונדערט, איז די פערקערפּערטע חניפה, די קריכיגקייט, דער עקעל.

ניט מיט א מעסער און א וואָגשאָל טרעט אויף דער יעצטיגער „מה־יפית“־איד, נאָר מיט אַן ארויסגעשטעקטע צונג א לעק צו טהאָן און מיט אויסגעשטעלטע ליפּען צו קושען.

ווי געשמאַק דאָס איז אזעלכען א בריק צו טהאָן.

ווי בערוהיגען זיך דאָס די נערוועז, ווען מען קען אַזוינעם אויסהאַקען די ציינער, אָדער אַנשפּייען אין דער אונפערשעהמטער צורה?

מעגען מענשען אויסטייטשען שיילאָק'ן ווי זיי ווילען, ביי מיר איז ער א העלד, א גבור, א גלגול פון די מאַקאַבעער, א בר כוכבא. זיין וואוכעריי בעדויער איך ווי יעדער קראַנקהייט, אָבער זיין מוטה פערגעטער איך.

איך ווייס ניט, אויב שיילאָק איז געווען א בעל צדקה, דאָך, אויב ער וואָלט געלעבט און געגעבען, וואָלטען דאָס ניט געקראָגען קיין קאַצאַפּעס.

ביי יעדען פּאָגראָם, ביי יעדען בלוט־בלבול, ביי יעדען אומזיסטען אנגריף אויף אידען, ערשיינט פאַר מיר די ביטערע גלות־געשטאַלט פון דעם אידישען „מוירטשענט אָוו וועניס“, ווי ער שטעהט מיט דער וואָגשאָל און מיט'ן מעסער, פערלאַנגענדיג דעם פונט לעבעדיגע פלייש פון זיין קריסטליכען פערשפּאָטער און פּייניגער: —

„ביי אונזער הייליגען שבת שווער איך צו האָבען דאָס, וואָס עס קומט מיר לויט קאָנטראַקט... איהר וועט מיר פרעגען, פאַר וואָס איך וויל בעסער האָבען א פונט צאַפּעלדיגע מענשענפלייש, איידער פינף טויזענד דוקאַטען: איך וועל דאָס ניט ענטפערען. לאָמיך זאָגען, אז דאָס איז מיין פערגניגען, מיין הומאָר, איז פערענטפערט די פראַגע?

„ווען יעדער דוקאַט אין זעקס טויזענד דוקאַטען וואָלט געווען אין זעקס טהייל און יעדער טהייל א דוקאַט, וואָלט איך דאָס ניט גענומען, און וואָלט זיך געהאַלטען אָן מיין קאָנטראַקט.“

בראַוואָ, שיילאָק! ווען דו וואָלסט ניט געווען א פּראַצענטניק, וואָלט איך געזאָגט, אז דו ביסט שמואל הנביא....

VIII.

די בעדייטונג פון בליי און בוימעל.

אומזיסט איז קיין זאך ניט געשאפען:
מיר דארפען ליכט, מיר דארפען וואפען,
מיר דארפען בוימאייל, דארפען בליי.
דער מענש דארף אלץ, וואס קען איהם ניצען
אין שווערען קאמפף זיך צו בעשיצען,
צו לעבען און — צו לעבען פריי....

בוימאייל און בליי,ביידע צוזאמען מאכען חנוכה...

איך געדיינק, איך בין נאך דאן געווען א אינגעל:

מיין טאטע פלעגט זיך פארען ביי זיין חנוכה־לעמפעל מיט די בוימאייל, און איך פלעג זיין פערטהאן מיט מיין פורעם און מיינע בליי.

איהם האט ניט געקימערט מיינע דריידלאך און מיך האט ניט געארט זיינע ליכטלאך, נאר געפיהלט האב איך, אז דאס אלטע חנוכה לעמפעל וואלט נאר געווען א האלבע זאך אהן מיין נייע דריידעל...

ווען דער ריח פון דעם טאטענס בוימאייל פלעגט זיך צוזאמענמישען מיט דעם גערוך פון מיינע הייסע בליי, פלעגט דאס ערשט נעהמען שמעקען מיט יום טוב, מיט חנוכה. מען האט געפיהלט, אז עס איז עפעס נייעס אין שטעדטיל.

דער טאטע האט געגאסען זיין בוימאייל און איך האב געגאסען מיינע בליי און אזוי האבען זיך געגאסען די אלטע זכרונות און די נייע האפנונגען אין שטילער הארמאניע.

אונבעוואוסט האבען מיר ביידע געטהאן אונזער ארבייט, מיין טאטע און איך.

מיין פורעם איז אפילו געווען אלע יאָהר א נייע, נאָר פון דעסטוועגן פלעגט שטענדיג ארויסקומען דאָס זעלבע דריידעל....

א קינד האָט אָבער פיינד אייביג די זעלבע צאַצקע און ווען איך האָב אמאָל געזאָגט דעם טאַטען, אז איך וויל אין מיין פורעם אויסשניידען אנדערע אותיות, דאָס הייסט, איך וועל איבערמאַכען די פורעם, האָט ער מיר געזאָגט, „מען טאָר ניט"...

„אויף דעם דריידעל" — האָט געזאָגט דער טאַטע, — „מוזען שטענדיג שטעהן די בוכשטאַבען „נ", „ג", „ה", „ש". דאָס מיינט: נ ס ג ד ו ל ה י ה ש ם, א גרויסער נס איז דאָרטען געשעהן און מיט נסים שפּיעלט מען זיך ניט. א נס לאָזט זיך ניט איבערמאַכען, מען טאָר עס ניט איבערמאַכען...

די שטילע, הייליגע האַרמאָניע האָט זיך געענדיגט.

איך האָב געפרעגט דעם רבי'ן אויב מען מעג איבערמאַכען די פורעם מיט די אותיות, האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי משוגע. איך האָב געפרעגט דעם שכן, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ...

גענוג! האָב איך געקלעהרט, און בין געוואָרען אויס מחותן מיט מיין אַלטע דריידעל... וואָס טויג מיר אַלע יאָהר צו שניצען א נייע פורעם, אַז עס קומט אַרויס די אייגענע זאַך, וואָס פאַר אַ־יאָהרען און פאַר צעהן־יאָהרען?

איך האָב איבערגעלאָזט מיין טאַטען ביי זיין פערשימעלטען לעמפּעל, וואָס פלעגט נאָר שמינקלען אין א ווינקעל איין וואָך אין יאָהר און שטעהן די איבריגע צייט פערלייגט מיט שמאַטעס, פערשימעלט און פערלאָזען...

א סך, גאָר א סך חנוכה'ס זיינען פערביי און איך האָב אין גאַנצען פערגעסען אָן חנוכה לעמפּעל, אָן די הייליגע בוימאייל, און, דאַכט זיך, אָן טאַטען אויך... און איך וואָלט זיך אפשר מעהר אָן דעם אַלעם ניט דערמאָנט, ווען איך וואָלט פלוצלונג ניט דערזעהען

דעם אַלטען חנוכה לעמפעל אין קישינעוו אויפ'ן גאַס, שווימענדיג אין אַ טייך בלוט...

קוקענדיג ווי מיין טאַטענס היילינגטהום בלוטיגט, ווי זיין בוימ־אייל איז פערשוועכט, זיין חנוכה בעליידיגט, האָב איך זיך דער־מאָנט אָן מיינע הייסע, קאָכעדיגע בליי...

איך האָב ניט מעהר געדיינקט וועגען י ע נ ע פורעמס און י ע נ ע דריידלאך. איך ווייס שוין בעשטימט, אַז די אַלטע פורעמס און אַלטע דריידלאך טויגען ניט, קענען ניט און טאָרען ניט אייביג טויגען, איך ווייס יעצט זיכער, אַז „דאָרט“ איז קיין „נס“ אויך ניט געשעהן.

איך ווייס אָבער, אַז הייסע בליי איז אַ ניצליכע זאַך, ניט אויף צו גיסען כשרה פלאַמבעס אויף טרפה סחורה. איך ווייס, אַז ניט נאָר מען ק ע ן דערמיט מאַכען נייע דריידלאך מיט נייע, גאַנץ אַנ־דערע אותיות און אַנדערע בעדייטונגען, נאָר אַז דאָס איז אַ מ צ ו ה צו מאַכען...

איך ווייס, אַז דעם טאַטענס חנוכה־לעמפעל קען נאָר געראַטע־וועט ווערען דורך הייסע בליי, נעגאָסען אין קוגלען, ניט אין קוגעל־טעפ נאַטירליך, ווייל דאַן וואָלט מען דערביי געדאַרפט זינגען „מה־יפית“ און ביי בלייענע קוגלען דארף מען זינגען די מאַרסעליעזע.

וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשיעד דאָס איז צווישען די צוויי געזאַנגען!

דער „מה־יפית“ איז א י ד י ש און די מאַרסעליעזע איז מ ע נ ש י ש. דעם „מה־יפית“ זינגט דער איד אין מ ע נ ש ע ן און די מאַרסעליעזע זינגט דער מ ע נ ש אין א י ד ע ן; דעם „מה־יפית“ זינגט דער גלות און די מאַרסעליעזע זינגט די פ ר י י ה י י ט. דער „מה־יפית“ חלומ'ט פון „אהבה בתענוגים“ פון אַ צוקערדיגע ליעבע און די מאַרסעליעזע דונערט פון אַ גערעכטען צאָרען.

מיינט ניט חלילה, אַז איך בין דאָס אַזאַ מענשען־פרעסער, אַז

מיין נשמה איז דורכאויס אָנגעשאָטען מיט רויטע פעפער, גאָרצי־צען, ביטער־זאַלץ, קנאָבעל־יוך און ווערים־קרויט ; אז מיינע געפּיה־לען זיינען פימפּסען־האַלץ, מיין פאַנטאזיע א האַק און מיין האַרץ א מאַרמעל־שטיין.

איך בין א מענש ווי אַלע מענשען און ווען איך בין צייטענ־ווייז א איד אויך, איז דאָס בלויז א „שוואַכקייט", א פאַמיליען־פעהלער, נאָר אָהן אחריות... קיין סכנות ניט, מען קען מיט דעם דאָזיגען „פעהלער" אויסלעבען די יאָהרען, ווען מען זאָל נאָר ניט זיין אין קישינעוו, אדעס אָדער קיעוו...

איז אַלזאָ דערפאַר האָב איך היינט ליעב די מאַרסעליעזע און איך האָב עס טאַקע ליעב צו זינגען אַלס איד. די ווערטער מאַכען נים קיין אונטערשייד. די מאַקאַבעער האָבען דאָס געזונגען מיט אַנ־דערע ווערטער, די פראַנצויזען מיט אַנדערע און איך זינג דאָס ווידער מיט אַנדערע :

שטעה אויף, דו שקלאַף פון די נאַציאָנען !
די נייע צייט קומט ענדליך מאָהנען
דיין אויפשטאַנד אין דער וועלט.
צו לאַנג איז איבער דיר געהאַנגען
דאַמאָקלעס שווערד. נו, ברעך די צוואַנגען !
איין מאָל זיך פעסט געשטעלט !

שטעה אויף און לאָז זיך מעהר ניט וויעגען
פון שוואַרצען חונף'ס זיסען ליעגען,
וואָס צוקערט דיר דיין שטראָף.
עס העלפט קיין בעטען און קיין שרעקען,
ווערסט קיין זכות אבות ניט דערוועקען,
ניט אויפרייסען פון שלאָף.

שטעה אויף, דו אָרימער העברעער!
דען ביסטו ניט דער מאַקאַבעער?
אָ, זעה די שאַרפע צייחן!
די צייט פון נסים איז פערלאָפען,
דו האָסט אויף קיינעם מעהר צו האָפען
ווי נאָר אויף זיך אַליין.

אָ, ניט אומזיסט האָסטו געגאָסען
דיין בלוט אַלס קינד, דו האָסט געגאָסען
דיין אונטערדריקט, געשוויכד!
דאָס בלוט איז נויטיג פאַר דיין לעבען,
דו זאָלסט זיך ביליג ניט ערגעבען,
דו ביזט המכבי׳ס קינד!

המכבי׳ס קינד!

ווען ניט חנוכה, וואָלט איך אָט די ליעד ניט געזונגען. איך האָב פשוט מורא אידען זאָלען זיך ניט אַזוי שטאַרק פערטיעפען אין די לאַטקעס, אַז זיי זאָלען דעם רעכטען עיקר פון יום טוב ניט פאַר־געסען.

איך וויים, אַז עסען קענען מיר ב״הש ווי אמת׳ע מאַקאַבעער... אַז מאָגענס האָבען מיר ווי עכטע העלדען, נאָר ווען עס קומט צו גע־בען קלעפּ, האָבען מיר פּ י ס... און אין בעסטען אופן צינגער....

זייט לאַנגע דורות האָט דער איד געבענשט חנוכה־ליכט, זיך געפּאָרעט ביי זיין לעמפעל און האָט אַלץ ניט פערשטאַנען די בע־דייטונג דערפון, ביז דער פּאָגראָמשטשיק האָט איהם ענדליך פער־טייטשט: — מיט א דובינע איבער׳ן מח.

יעצט פערשטעהט ער די קאָמבינאַציע פון בוימאייל מיט בליי, יעצט וויים ער, וואָס ער האָט לאַנג ניט געוואוסט.

אָ, הלואי זאָל ער דאָס קיינמאָל ניט פערגעסען.

IX.

זעלבסט־שוץ

א, איהר קליינע ליכטעלאך!
איהר דערצעהלט געשיכטעלאך,
מעשה׳לאך אהן צאהל;
איהר דערצעהלט פון בלוטיגקייט,
בריה׳שאפט און מוטהיגקייט,
וואונדער פון אמאל.

ליכט! ליכט! ליכט!
עס איז ליכטיג אין דעם אידישען קווארטאל.
עס איז חנוכה!
חנוכה! וואס איז דאס אזוינס?
אט וואס דאס איז:

פאר׳ן הולטאי איז דאס א יום טוב פון קארטען שפיעלען, פאר׳ן זולל וסובה — א וואך פון לאטקעס, פאר׳ן פאנאטיק — א מעשה מיט נסים, פאר׳ן מוכר־ספרים — א קעשענע מיט קליין־געלד, פאר די כלי קודש — א פעטער יאהר־מארק, פאר דעם דיינקער אבער איז דאס דער „יאהרצייט“ נאך די העלדען פון דער „סאמאאבאראנא“, פון דער „זעלבסטשוץ־געזעלשאפט“ פון דעם אידישען פאלק.

פאר דעם דענקער זיינען די יעצטיגע אידישע גבורים אין רוס־לאנד ניט מעהר ווי א פארטזעצונג פון זייערע אמאליגע ברידער, די מאקאבעער, וואס האבען אויך געשטריטען געגען בלוטיגע יונים און שונאי ישראל.

ביידע, אי די אמאליגע, אי די איצטיגע העלדען זיינען ארויס־געטרעטען געגען דער שרעקליכער מלכות „יון הרשע“, וואס האט בעשלאסען צו מאכען א תל פון אידען.

די איראָניע פון דער געשיכטע!

מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק האָבען אידען אָנגעפאַנגען זייער קאַמפּף געגען יונים און ערשט יעצט ענדיגען זיי איהם. עס לעבען נאָך ביידע: דער יון און דער מאַקאַבעער. און דער צוואַנ־ציגסטער יאָהרהונדערט וועט ענטשיידען דעם זיעג.

„על הנסים ועל הנפלאות"!

כאָפּט ניט!

וואָס פאַר נסים זיינען דאָס דאַמאָלסט געווען? וועלכע וואונ־דער זיינען געשעהן, וועלכע איבערנאַטירליכקייטען?

זיינען אַראָבגעקומען מלאכים פון הימעל זיך אָננעהמען פאַר אידען? האָבען די שטערען געשאָסען מיט פייער? זיינען נשתנה געוואָרען די מעשי בראשית?

חלילה!

די יונים זיינען בעפאַלען ארץ ישראל ווי די היישעריקען. זיי האָבען איינגענומען ירושלים, פערוויסט דעם בית המקדש, פער־אונרייניגט דאָס לאַנד מיט געצען, אונטערדריקט די אידישע שפּראַכע, געמאַכט פּאָגראָמען אויף אידיש אייגענטהום, געפּייניגט אַלטע לייט, פערגוואַלטיגט פרויען און גע'הרג'עט קינדער.

עס זיינען קיין נסים ניט געשעהן.

און וואָס־מעהר דאָס פאָלק האָט געשוויגען, האָט די טיראַניי געהערשט, ביז עס האָט זיך פערוואָלט דעם הויפּט פון יענע יונים, אז אַ אידישער כהן זאָל מקריב זיין אַ חזיר אויפ'ן מזבח.

עס זיינען קיין נסים ניט געשעהן.

אָבער אַ פאָלק בעשטעהט ניט פון לויטער דינע ריטלאַך, וואָס לאָזען זיך בויגען. אין דעם וואַלד פון אַן אומה געפינט זיך אויך דער שטאַרקער דוב, דער מעכטיגער אייכענבוים, וואָס לאַכט פון שטורם און געוויטער.

די יונים האָבען געהייסען און דער כהן האָט געפאָלגט. א ריטעל איז ער געווען, האָט ער זיך געבויגען...

דאָס פאָלק האָט געשוויגען, דער טיראן האָט געקוואָלען, דער הימעל איז געווען צו הויך, די מאסע — צו נידעריג, דער מענש צו שוואך און דער שטן צו שטאַרק.

אָבער דער העלד האָט געוואַכט. דער קערען פון חנוכה האָט געשלומערט אין א הארץ און דאָס האַרץ האָט געוואַכט.

ניט די „בהמה טמאה“, וואָס איז געלעגען אויפ'ן מזבח, איז געווען דער קרבן, נאָר דער טמא'ר „נפש“, וואָס האָט עס געוואָלט מקריב זיין און דער „רשע“, וואָס האָט דאָס געפאָדערט.

די ברכה איבער זיין שמוציגען אָפּפער איז פערגליווערט געוואָרען ביים זינדיגען פּריסטער אויף די ליפּען. דער שווערד פון די מאקאבעער האָט דורכגעלעכערט זיין זינדיגע ברוסט.

דער ים־ראָהר האָט זיך געבויגען און האָט זיך שוין מעהר ניט אויסגעגלייכט....

דער שווערד האָט בעוויזען דעם „נס“. א טויט פאָלק איז פלוצלונג אויפגעשטאַנען תחית המתים. דער שם המפרש פון דעם העלדישען גייסט האָט פערקעהרט ריטלאך אין דעמבעס, שוואלבען זיינען אָדלערס געוואָרען און ציקעלאך — רייסענדע חיות.

אָבער פאַרפאַלען! עס איז דאָך געווען א „נס מן השמים“ און מען האָט אונז דאָך אריינגעשמוגעלט דעם „על הנסים“ אין סדור.

אפשר דערפאר רעכענט מען האָס ניט די געשיכטע מיט די מאקאבעער צווישען די „היילינע שריפטען“, וועלכע שוויבלען און גריבלען מיט איבערנאַטירליכע וואונדער. ווי קומט אין א היילינע שריפט א מעשה מיט קולאַקעס, מיט א י ד י ש ע קולאַקעס, וואָס האָבען זיך געהויבען אויף זייער אייגענעם חשבון, און האָבען פשוט בעזיעגט דעם שונא מיט מענשליכע כחות?

סטייטש, וואו איז גאָט געווען?

ביז די מאקאבעער האבען אידען געהאט זייער פערטיידיגונג אין הימעל, אלע נצחונות, ביז יענער צייט, זיינען פערשריבען אין תנ"ך. פון דעם אלטען יוחנן כהן גדול אבער, דעם העלדישען טאַטען פון יהודא המכבי, פאנגט זיך אָן די מאָדערנע געשיכטע פון אידישע זעלבסט־פערטהיידיגונג.

די געשיכטע פון די חשמנאים איז די געשיכטע פון פראָגרעס. די מאקאבעער זיינען געווען די ערשטע זאך־בעוואוסטע אידען, וואס האבען אויפגעטראַכטען מיט וואפען אין די הענד געגען אַן אויסגע־רעכענטען שונא.

יא, דאָס און ניט עפעס אנדערש איז די סיבה פארוואס מען האט אָט די העלדען־געשיכטע ניט אריינגענומען אין תנ"ך, זי איז ניט גענוג הייליג, אבוואהל מען שלאָגט זיך דאָרט פון גאָטס וועגען, און מען האט דאָס איבערגעלאָזט צווישען די „אפאקריפען", די נאכביבלישע שריפטען. אין יענע ניט־הייליגע זאכען, וואָס טאָרען ניט געבונדען ווערען צוזאמען מיט'ן תנך"ל, געפינט זיך אויך די געשיכטע פון יהודית און הפרנוש; דאָרט ווערט דאָס דערציילט די העלדישקייט פון דער אידישער „יונגפרוי פון אָרליאנס", די „זשאַן'אָוו ארק" פון ארץ ישראל.

* * *

טויזענדער יאָהרען נאכאנאנד האבען אידען געוואַרט אויף נסים און האבען פערלאַכט אין זיך דעם גייסט פון די מאקאבעער. דורות־לאנג האבען זיי פערביטען דעם שווערד אויף קריכערישע שתדלנות.

זיי האבען געפייערט דעם „נס חנוכה" און האבען אַלץ געהאט אין זינען, אַז „אַלע ימים טובים וועלען בטל ווערען. נאָר פורים וועט בלייבען". די נסים וועלען קיינמאָל ניט אונטערגעהן.

יעצט אָבער הויבען זיי אָן ביסלעכווייז צו פערשטעהן, אַז ניט פורים, נאָר חנוכה וועט בלייבען. ניט תעניתים, געוויין און

געבעט, ניט שתדלנות פון שעהנע נקבנת, ניט „מה־יפית“ נגונים פאר׳ן פריץ, ניט כאבר און מתנות וועלען ראטעווען דעם איד, נאר זיין אכטונג צו זיך אליין.

ניט די ספר תורה וועט ראטעווען דעם קולאק, נאר דער קולאק וועט ראטעווען די ספר תורה. דער שווערד און ניט די יארמולקע, וועט שיצען דעם איד אין די בלוטיגע לענדער פון זיינע שונאים.

* * *

ניט די יעצטיגע יונים, נאר זייערע פינסטערע אבות האבען אונז שוין ארויסגעטריבען פון געדולד און געצוואונגען צו נעהמען א שווערד אין האנד, אבער דער איד האט דאס שפעטער פער־געסען.

זיין אייגענע „שווארצע מאה“, זיינע טרוסען, זיינע פאלשע נביאים און זיינע שטענדיגע פערפיהרער האבען איהם געהייסען האפען אוןווארטען, מתפלל זיין און בעטען, אבער ער איז יעצט ענדליך ווידער ארויס פון זיין געדולד און געלאזען זיין כלי זין אויסגלייכען זיינע סכסוכים.

„על הנסים ועל הנפלאות!“

די פאעזיע פון דאס ביסעלע בוימאייל אין בית המקדש, וואס האט „דורך א נס געברענט פולע אכט טעג“, איז זעהר שען, אבער אט דער נס איז נאר געשעהן דעמאלט, ווען דער „בונד“ פון די מא־קאבעער האט פערטריבען דעם שונא, בעפרייט ירושלים, בעגייט דעם טעמפעל און ארויסגעווארפען די געצען.

ערשט דעמאלט האט דאס ביסעלע „בוימאייל“, וואס איז גע־ווען אין דעם פאלקס בית המקדש, זיך פאנאנדערגעפלאקערט, גע־ברענט און געברענט א לאנגע צייט און עס ברענט נאך און ברענט איצט אויך און וועט אייביג ברענען...

* * *

„הנרות הללו קודש הם!“

„די דאָזיגע חנוכה ליכטעלאך זיינען הייליג. מען טאָר זיך מיט זייער שיין ניט בעדיענען.“

נאַטירליך טאָר מען פאַר זייער שיין ניט לעזען קיין פינסטערע צייטונגען, וואָס שימפּפען אונזערע מאַקאַבעער... ניט שרייבען קיין הכשרים אויף טרפה זאַכען, ניט שפּיעלען אין קאָרטען און ניט צעהלען קיין גנבה'שע געלד.

עס איז אָבער א מצוה נעבען די חנוכה ליכטלאך אָנצולאָדען א רעוואָלווער, צו לייענען רעוואָלוציאָנערע שריפטען, צו רעכענען די נדבות אויף וואפען פאַר די רוסישע אידען און — צו שרייבען דיעזען פעליעטאָן.

„הנרות הללו“!

איך קוק אויף די חנוכה ליכטעלאך און א פרייד געהט מיר דורך'ן הארצען. ענדליך האָט מען זיי פערשטאַנען. זיינען לאַנגע דורות ווי זיי לייכטען און ווינקען, און ריידען און ערשט יעצט האָט מען קוים בעגריפען וואָס זיי זאָגען און ווילען.

און מען פאָלגט זיי.

חנוכה — וואָס פאַר א שענער יום־טוב דאָס איז! נעהמט מיר צו אלע ימים טובים און פורים דעם ערשטען, נאָר לאָזט מיר מיין חנוכה! נעהמט מיר צו דעם פורים! איך טרינק ניט קיין בראַנפען זיך אליין צו פערטומלען און איך האלט ניט פון „דרייען“ צו פערטויבען א צווייטען.

לאָזט מיר מיין חנוכה, דעם הייליגען אנדענקען נאָך מיינע מאַקאַבעער, נאָך מיינע טהייערע בעליעבטע העלדען פון אמאָל און איצט. לאָזט מיר מיין חנוכה, דעם „יאָהר־צייט“ נאָך אידישע גבורה, אידישען נצחון, אידישען זעלבסט־רעספּעקט און ערהאבענעם שטרעבען.

זאָלען זיי אייביג ברענען, די הייליגע חנופה ליכטעלאך, דער

סימבאָל פון מענשען־ווירדע און מענשליכקייט, זאָלען זיי אייביג ברענען און מיר דערמאָהנען אָן מיין יוחנן כהן גדול, מיין יהודא המכבי מיט זיינע ברידער, אָן מיין קישינעווער שמש, מיין לי־באַרסקי און נאָך און נאָך גרויסע שטאַרקע נשמות, וואָס זיינען געפאַלען אויף קידוש השם, געפאַלען פאר דער מענשהייט, געפאַלען אויף אייביג צו שטעהן !

אָ, נעהמט מיר צו מרדכי׳ס זאק מיט אש פון קאָפּ, די פּאַסטע־נים און טויט־שרעק פון אחשורוש׳ס אידען, און גיט מיר דעם מאַ־קאַבעער לאָרבער־קראַנץ, דעם אייביג גרינעם לאָרבער פון זעלבסט־ערקענטניס און העלדען־מוטה.

אָ, נעהמט מיר צו די „מגילה“ און גיט מיר דעם שווערד און דעם פּאַנציר. איך וועל בעסער פאַלען ווי אַ לייב איידער קריכען ווי אַ וואָרעם.

און איהר אידען, וואָס בענשען חנוכה־ליכט, האָט אין זינען די גבורות און ניט די „נסים“, דעם קאַמפּף און ניט דעם „מה יפית“. ווען איהר מאַכט די ברכה „להדליק נר של חנוכה“, טאָ האָט אין זינען אייערע מאַקאַבעער פון אַלע צייטען. די וואָס האָ־בען געקעמפּפט געגען דער „מלכות יון הרשע“ און געגען אַנדערע מלוכות און הערשאַפטען פון בלוטיגע רשעים געגען אַלע טיראַנען פון אַלע דורות.

דער רויטער זונטאג

„הלעיטני נא מן האדם האדם הזה“
(בראשית, תולדות.)

א רויטער טאָג, אַ רויטע שטאָדט!
עס שוועבט פאר מיר דער מלאך,
וואָס ווייזט מיר אָן אַ קייזער'ס גנאָד
אַ צלם און א גלח...

עס איז געפאַלען און געקניעט
דאָס פאָלק אין בלינדען גלויבען,
דאָך אויפגעשטאַנען איז עס ניט,
עס וועט זיך ערשט ערהויבען.

יא, נייע מענשען אין דער גאנצער וועלט פייערן דעם געבורטס־טאָג פון דעם נייעם גייסט, וואָס איז געבאָרען געוואָרען דעם 22טען יאנואַר אין רוסלאַנד'ס רעזידענץ־שטאָדט.

ער איז געבאָרען געוואָרען ווי אַלע ניי־געבאָרענע אין אַ טייך בלוט.

זיי קומען ניט מעהר פון הימעל, די גייסטער, זיי ווערען גע־שאַפען אויף דער ערד. גוט אָדער שלעכט, זיי זיינען אונזערע.

און זי איז א פלאָדנע מוטער, רוסלאַנד. זי וואַרפט מיט נפשות. אַ צווילינג איז אין איהר בויך, צוויי עלעמענטען בריקען

זיך דאָרט, צוויי גייסטער האַלטען מלחמה: דער בייזער גייסט און דער גוטער.

איינער איז רויט, האָריג, בלוטיג און פול פערצוקונג ווי א טיגער. אַן אמת'ער איוואַן גראָזני, א רוריק, — ער רייסט זיך ארויסגעהן דער ערשטער...

דער אַנדערער איז א רוהיגע, שטילע, ווייכע בעשעפעניס.

ער האַלט אָבער זיין רויטען ברודער פאר א שפּיץ פּיאַטע און וויל איהם ניט לאָזען געהן פאָראויס...

„וואַרט,“ בעט ער זיך ביי איהם, „איך בין דאָך דער ערשטער, מיין נשמה איז א גרעסערע. אמת טאַקע, דו ביזט שטאַרקער, ביזט רויט, אָבגעטיעט וויא חיה, אָבער איך קום דאָך פריהער.“

און דער רויטער לאָזט איהם אריין אלע ווייזע די באַכמאַטנע עלענבויגענס אין נאַפּעל, אז ער פערקאַיכט זיך און די מוטער ווערט משוגע פאר יסורים...

אָט אזוי קאַטלעוועט זיך דאָס אין רוסלאַנד. די צוויי שונאים רוהען ניט. געהט די שוואַנגערע פּאַרביי א קאַזאַרמע רייסט זיך דער רויטער און געהט זי פּאַרביי א פאַבריק — רייסט זיך דער גוטער.

ביז עס איז געקומען די מעשה מיט דער בכורה.

דער רויטער איז געקומען פערשוויצט, צוקאָכט, הונגעריג און בלוטדורשטיג פון געיעג מיט א ווילד געשריי:

„פרעסען! פרעסען וויל איך, מיין אַפּעטיט גענעצט ווי דער גיהנם, הב! הב! גיעב, גיעב וואָס ביי דיר געפינט זיך נאָר, גיעב ווארום איך פרעס דיך אויף מיט די ביינער!“

„כאַפּ ניט, ברודערקע,“ זאָגט דער גוטער. „איך האָב פון כל טוב. איך בין א בעל הבית, א בעל תכלית, איך וועל דיר אָנשטאָפּען פול גענוג. מילא, וואָס קען איך מיר העלפען? אָבער גיעב מיר די בכורה, די בכורה, וואָס דו האָסט ביי מיר צוגע'גנב'עט

מיט גוואלד נאָך אין מוטערלייב... ראזבויניק! זולל וסובא, גיעב מיר מיין בכורה, גיעב מיר כאָטש א שטיקעל דעה אין מיין אייגען הויז און דו וועסט שוין פרעסען צוזעטצטערהייט, איך וועל דיר אָבקאָרמענען ווי א דבר אחר. די בכורה, רויטער הונד, די בכורה אהער!"...

און דער רויטער האָט פערקריצט מיט די צייהן.

„די בכורה ווילסטו? ווילסט אויך א דעה, ס'גלוסט זיך דיר אויך צו זיין בעל הבית? גוט! נא דיר די בכורה!... נא!... איך וועל זי דיר געבען צו צוהאַלטען... נא, שטיק זיך. ווערג זיך מיט איהר, שלינג איהר אַרונטער אויב דו קענסט... אָבער דו גיעב מיר די רויטע, אַט די רויטע, וואָס דו האָסט.... דו הערסט! איך האָב ליעב צו זופען רויטע... אהער דערוייל, לאָמיך כליאָבען מיט'ן גאַנ־צען כח.... א טיגער בין איך, רויטע איז מיין חיות.... הא.. געשמאַק, א מאכל! גיעב מיר נאָך רויטע, נאָך, נאָך, רויטע פּאָדאוואַי"!....

אָ, ער האָט זיך אָנגעזופּט זאַט! פיעל עס האָט נאָר געקענט אין איהם אריין. איבער דער טרפה'נער מאָרדע איז דאָס איהם גערונען.

האָבענדיג בעצאָהלט פאַר דער בכורה, געבענדיג פאַר איהר, וועלכע איז אין גרונד גענומען געווען זיינע, אזא גוטען געשמאַקען מאָהלצייט.... איז דער גוטער געגאַנגען צום „טאַטען", צום באַטיוש־קא, פערלאַנגען די ברכות. ער איז געגאַנגען מאָהנען זיין „ויתן לך"....

אָבער דער „טאַטע" איז געווען א בלינדער....

ער האָט טאַקע געגעבען דעם גוטען די ברכות, אָבער דעם רויטען האָט ער דערלאַנגט דעם שווערד.

אזוי האָבען מיר דאָס „רויטע זונטאַגס" און שוואַרצע מאָנ־טאַגס און דאָנערשטאַגס אין רוסלאַנד.

די מדינה פון דער רויטער סעודה גיט די וועלט ניט נאָר די

גרעסטע טהייל נייעס פאר צייטונגען און שטאָף פאר די שוידער־האַפטעסטע טראַגעדיעס, נאָר זי גיט איהר אויך בלוטיגע ימים טובים, וואָס וועלען קיינמאָל ניט אראָב פון קאַלענדער.

זי האָט אונז אידען געגעבען ספּעציעלע אידישע טעג, זי האָט פערדייכערט אונזער גלות און פערדונקעלט אַלע חורבונות פון טרויער־פּנקס, און זי האָט געשאַפען אַזעלכע פייער־טעג, וואָס וועט רען פעראייביגט פון שדים און מענשען צוגלייך...

אָבער דער 22טער איז ביי מיר נאָר 21 און אַ האַלב.

אַ האַלבער „1" פלאָנטערט זיך מיר צווישען די ציפער און איך וויים איהם ניט וואו אַוועקצושטעלען. אַ האַלבער „ציפער" בלאָנדזשעט ארום ווי אַ זינדיגע נשמה. ווי אַ גלגול איבער די שרעקליכע היסטאָרישע געשעהעניש און איך וויים ניט וואָס דאָס בעדייט.

דורך די בערג הרוגים נעבען דעם קייזערליכען ווינטער פּאַלאַץ; דורך די בלוטיגע מחנות רייטער און פוס־געהער; דורך די קינדער פון קאַזארמע און די קינדער פון פאבריק; דורך דער גאַנצער מהומה זעה איך אַ האַלבען מענשען.

אַ האַלבער מענש ערשיינט ער מיר.

אָט דאַכט מיר איז ער אָהן אַ קאָפּ און אָט איז ער אָהן אַ האַרץ... איך זעה איהם ווי דורך אַ טומאַן, נאָר זיין גאָלדענער צלם בליצט דורך דעם דיקען נעבעל, וואָס פערשטעלט איהם פון מיין בליק.

אַ האַלבער איז ער אַ גלח און אַ האַלבער אַ מענש.

זיין פיגור בייט זיך פאר מיר ווי אין אַ פאַנאַראַמע. גלח, מענש, צלם, העלד, שפּיאָן... אָט איז ער אַלץ און אָט איז ער גאָר ניט.....

ער איז אַזוי גרויס און אַזוי קליין! אַזוי פינסטער און אַזוי ליכטיג!

אָט דער האַלב־מענש און האַלב... טייפעל פּילייכט, דער ספינקס פון דער ערוואַכטער רוסלאַנד, אָט ער פערשטערט מיר די בעדייטונג פון דעם רויטען זונטאַג, צוליעב איהם קען איך פון דעם טאָג ניט אַרויסטראָגען די פולע וויכטיגקייט.

ער וויעגט זיך מיר אין מיין געדאַנקען־בליק און איך ווייס ניט, וואו איך זאָל איהם אַוועקשטעלען, איך קען איהם אין ערגעץ ניט צופּאַסען. אַ האַלבער בוכשטאַב און איך ווייס ניט, וואו ער קעהר זיך אָן.

עס פערדריסט מיך דער נייער גייסט זאָל געבאָרען ווערען אין „גאַפּאָן'ס זונטאַג".

אגב אורחא. ווער איז גאַפּאָן? וואָס איז ער? וואו און מיט וועמען איז ער?

איז גאַפּאָן דער נאָמען פון דער אַלטער רוסלאַנד? איז ער דער בת קול פון דער צוקונפט? איז ער נאָר אַזוי הויך, ווייל ער טראָגט אַ הויכע היטעל, קען מען איהם נאָר אָננעהמען ביי זיינע לאַנגע האָר?... איז זיין איינציגער גלאַנץ אין דעם רויטען זאָנטאַג זיין גאָלדענער צלם? האָט ער געוואָלט די מאַסען פיהרען אָדער פערפיהרען?

אונגעוויסהייט, דיין נאָמען איז גאַפּאָן!

ניין, איך ווייס ניט ווער ער איז, איך ווייס ניט וואָס ער איז, איך ווייס נאָר, אז ער האָט שוין ניט געדאַרפט זיין.

ער האָט אָבגעטהאָן זיין אַרבייט. גוט אָדער שלעכט, מען דאַרף איהר מעהר ניט.

ער לעבט צו לאַנג, גאַפּאָן, דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

גוטע לעבען ניט אַזוי לאַנג, נאָך אַ רויטען זונטאַג שטאַרבט מען, מען טרייבט זיך ניט מעהר אַרום איבער דער וועלט, ווי אַ שפּוק, אַ דיבוק וואָס האָט אָבגעלעבט זיין צייט.

אָ, נעהמט איהם צו פון מיר, דעם ביין פון דער בלוטיגער

TAYLOR INST. OXFORD

סעודה. איך וויל זיך מיט איהם ניט ווערגען און איך קען איהם ניט ארונטערשלינגען, ער שטעהט מיר אין גרגרת.

גאפאן! איך וואלט וועלען אריבערקריכען איבער איהם, איז ער גליציג. פערפראָרענע וואסער, ניין, פערפראָרענע בלוט. אָט אזוי, גלויב איך, וועט ער אויסזעהן אין דער געשיכטע. מען וועט זיך נאָר גליצען אויף איהם און ניט איינער וועט אומפאלען...

מעטעאָרם ווארפען זיך ניט אזוי לאנג אין די אויגען. אירר־ליכט אָבער ווינקען און ווינקען...

ער שטעהט פאַר מיר אין אַ טומאַן,
אַ רויך פערדעקט זיין פנים,
איז ער דער שונא פון טיראַן?
דער העלפער פון די שונאים?

איך קען ניט זעהן וואו ער בעלאַנגט,
צו וואָסערע געשטאַלטען.
געשיכטע, מען וואָלט דיר געדאַנקט,
ווען דו וואָלסט איהם בעהאַלטען.

ווער ווייס?

וואס זיינען דאס פאר געוואלדען?
דאס געהט א פאלק צו קינד!

די אלטע רוסלאנד זיצט אויפ'ן בראכשטוהל און דער נייער גייסט איז איהר אקושאר. ער שטעהט גרייט „צו צונעהמען" דאס נייע בעשעפעניס.

מיט אינסטרומענטען שטעהט ער, משמעות א שווערע גע־ווינערין...

און די „חבלי לידה" זיינען שרעקליכע. די געווינערין קרעכצט, האלט זיך ביי די זייטען און שרייט, און איהרע גרויסע וועהען פערטויבען די וועלט.

וואס זי וועט „האבען" אדער אויב זי וועט איבערהויפט עפעס „האבען", איז א פראגע.

מעגליך, אז זי וועט בעגליקען איהר פאלק מיט פ ר י י ה י י ט, מעגליך, אז זי וועט האבען א פארזעהעניש, מעגליך — א טויטעס קינד, מעגליך — א מפיל.

זי האט זיך אפשר מיט עפעס אונטערגעריסען און דאס ברייננט אויף דער וועלט אן אונצייטיגען נפש.

ווער ווייס?

אפשר וועט זי גאר שטארבען אין מיטען דערינען און עס וועט גאר ניט זיין.

אפשר טראגט זי גאר ניט? אפשר דאכט זיך איהר גאר, אז זי שוואנגערט, אבער אין אמת'ן האט זי סתם א בויך־וועהטאג, קרעמפפען, רחמנא לצלן, און וויטער גאר ניט?

וועך ווייס ?

דאָס זיינען אלץ זאכען, וואָס האָבען שוין פּאסירט. און טאקע רוסלאנד גופא. זי האָט שוין אַ סך מאָל געמאכט אזעלכע תנועות. אַ צייט לאנג כלומרשט געבראָכען, געוואָרפען אַן אום־חן אויף נע־וויסע זאכען, וואָס זי האָט אָפּט זעהר האָלד געהאט...

זי האָט, דוכט זיך, געפיהלט, אז עפּעס ווארפט זיך, בעוועגט זיך, צאַפּעלט זיך, עפּעס נאָר אַ מין „ויתרוצצו", — אפשר גאָר אַ צווילינג ?

וועך ווייס ?

דאָס זיינען אלץ געוועזן סימנים פון אַ צוקינפטיגע מוטער. אלץ זאכען, וואָס האָבען געוויזען אויף עטוואָס ערנסטעס, עטוואָס נייעס, און דאָך — אַ טעות !

יאָ, אַ גרויסער טעות איז דאָס אלץ געווען. דאָס האָט מען זי, די אלטע, פאנאטישע קאצאפּקע איינגערעדט, אז זי איז אויף דער צייט, איינגעשמועסט, אז זי וועט באלד „מיט מזל איבער־קומען"....

דאָס האָבען יונגע, אונערפאהרענע דאָקטוירים, סטודענטען און ווייבער, איהר איינגעדרומעלט אין קאָפּ, אז זי „דארף האָבען", און זי — אָהן ווייטערע שאלות — האָט גענומען קרעכצען... זי האָט זיך שוין אַ מאָל זאָגאר אריינגעלייגט אין בעט און געמיינט אָט, אָט !

„מלמדים" האָבען שוין געשיקט די קינדער קריאת שמע ליי־ענען... חזנים האָבען זיך צוגעגרייט צו אַ „מי שברך"... מען האָט געשריבען „שיר למעלות'ן" מיט'ן „שדי קרע שטן"... אלע האָבען זיך מכין געווען אויף אַ פרעהליכע צייט.

פאלשע האָפנונגען ! עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר ניט. סיי ווי סיי אָבער זיינען די יעצטיגע קרעכצען ניט קיין אומ־

זיסטע. זי שרייט, רוסלאנד; זי רייסט זיך אויפ'ן הארצען, עפעס איז געוויס דער מעהר מיט איהר.

בחנם מאכט מען ניט אזעלכע גוואלדען, אפשר וועט זי סוף כל סוף ווערען א מאמע? לאמירווארטען נאך א ווײלע, אפשר וועט מען איהר דאך געבען „מזל טוב“.

ווער ווייס?

נו, מורמעלט מען עפעס: „א פרעמדע זאך, נישט קיין עהרליך קינד, א ממזר'ל, א פרייהייטס־ממזר, א בעהעפטונג פון שטן, ניט דא געדאכט“.....

ווער ווייס?

מעגען אידען תהלים זאגען זי זאל גרינג איבערקומען? מעגען אידישע דאקטוירים העלפען די געווינערין? מעגען מיר זיך מישען אין דעם צער און אין דער שמחה? מעגען מיר אנגרייטען לעקאך און בראנפען?

די רבנים זאגען „ניין“ און די חכמים זאגען „יא“. עס איז א שאלת תשובה, א מחלקות לשם שמים, א מלחמה פון גאטס וועגען, א פראגע פון „קידוש השם“ און „חילול השם“...

איהר פרעגט, וואס איך דיינק וועגען דעם? —

ווער ווייס?....

רוסלאַנד׳ס צוקונפֿט׳ס ליעד

טראָגט זיך, טראָגט זיך, פֿרייהייט׳ס קלאַנגען,
נאָך סיביר אין קאַלטען נאָרד,
דען צובראָכען רוסלאַנד׳ס צוואַנגען
האָבען די, וואָס ליעגען דאָרט!
דאָרט, אין איינזאַם ווייסטען צפון,
אָבגעשניטען פֿון דער וועלט, —
וואו זיי שמאַכטען און זיי האָפֿען
אין די טויטקייט פֿון די קעלט, —
דאָרט אַהין, אין יענע שנייען,
דורך מדבריות, פֿראָסט און אייז,
יאָגט זיך, טראָגט זיך, פֿרייד־געשרייען,
טראָגט די העלדען זייער פּרייז!
זאָל צוקלינגען אייער גוואַלד
היים און קרעפֿטיג, שטאַרק און באַלד!
ביז די ווענט פֿון סאַכאַלין
זאָל דער פֿרייהייטס־ליעד אַהין, —
טראָגט די העלדען זייער פּרייז!

ווי עס רוישט דער כאָר פֿון פֿרייע
רושם׳דיג אין ווילדען טאַקט,
ווען די מענשהייט ווערט אַ נייע,
און דער חלום ווערט אַ פֿאַקט!
ווי עס פּלאַטערט דער בעטריגער
און עס בייגט זיך דער דעספּאָט,

ווען דער מענש ערוואכט אלס זיעגער
און דערקענט אין זיך דעם גאט!
וואויל אייך אין די ווייטע עקען
פון דעם טויטפולען סיביר!
דאפעלט וועט די „תחיה" שמעקען
אייך, וואס מאטערט זיך פאר איהר.
אין די גריבער, וואו איהר שמאכט,
זעהט איהר העל ווערען די נאכט,
קומט די פרייהייט אייך צו זעהן
מעלדענדיג: „עס איז געשעהן!"
וייל איהר מאטערט זיך פאר איהר.

הערט! די גאנצע וועלט איז נגון,
און א יעדער הארץ איז לוסט.
קינדער קוועלען אין די וויעגען,
און עס פרייט זיך יעדע ברוסט.
אין דעם לאנד פון בלוט און צארען,
וואו די גאסען זיינען רויט,
און דער ארגעל האט זייט יאהרען
נאר געשפיעלט צו מארד און טויט;
אין דעם רייך פון קאטעדראלען,
שווינדט דעם טייפעל פריסט'ס געזיכט,—
איז דער אלטער גען געפאלען —
פאר דעם נייעם גאט פון ליכט.
ניי איז יעצט דער גלאקענקלאנג,
פארוועררטס געהט די וועלט איהר גאנג.
און עס רעדט איעדער קלונג:
אלטע פעלקער ווערען יונג,
און עס שיינט א נייע ליכט.

אָה, איהר האָט געלעבט אַ פולע,
מענשען, איהר האָט פיעל געלעבט!
דען איהר זעהט די גרעסטע גדולה,
וואָס אַ דור האָט ווען ערשטרעבט.
שרעקליך האָט דער פיינד געטריעבען
זיינע רשעות ביז צום סוף,
דאָך אַ האַנד האָט לאַנג געשריעבען
אויף בלשצר'ס וואַנד די שטראָף...
אָט די האַנד וועט אייביג בלייבען.
שרעקט, טיראַנען, פאַר איהר שריפט! —
אייביג, אייביג וועט זי שרייבען
און איהר פען זועט טריפען גיפט.
טרעפען וועט דער זעלבער וועה,
וואָס די הענקער פון ראָססיי, —
יעדען תליון אין זיין לאַנד,
דען עס שרייבט נאָך יענע האַנד,
און איהר פען איז פול מיט גיפט.

שליידער, „וואָלגאַ", דיינע וועללען,
אַז דער ברעג זאָל ווערן צוזעצט!
דו וועסט פון די טראַפּט־געזעלען
הערען אַנד'רע ליעדער יעצט.
און אויך איהר, געבענשטע אינדען
פון דער שטאָלצער טייך „נעווא",
קאָנקאָנירט יעצט מיט די ווינדען,
הויבט זיך אויף מיט אַ „הורראַה!"
אויף! דו בלוט־געטרענקטער „דניעסטער",
אין דער ווילדער וואָלאַחאַי,
שלאָג דיין פלוט אין אַ אָרקעסטער,

דיינע כוואַליעס זיינען פריי!
זאָל דער „דניעפּער“ און דער „ביק“
רוישען גרוסען צום מוזשיק,
שטורמען זאָל איעדער טייך
מיט דעם גאַנצען פאָלק צוגלייך,
זיי׳רע כוואַליעס זיינען פריי...

אוים מיט אייך, איהר קאַזעמאַטען!
אוים, איהר זייט גענוג געשפּייזט!
שוין ניט לאַנג וועט אייער שאָטען
שוועבען אויף דעם פרייען גייסט.
וואָס איהר האָט אין זיך פערשלונגען,
וואָס פערדעקט האָט דער אָסטראָג,
האָט מיט מאַכט אייך דורכגעדרונגען
און ערהויבען זיך צום טאָג.
הויך איז פרייהייט׳ס פאָהן געצויגען
און בעגריסט פון יעדען בליק.
ווען אַ פאָלק מאַכט אויף די אויגען
מאַכט זי זיי ניט צו צוריק.
יאַ, דער קנוט איז שוין גע׳גט,
ווען די „בלינדע מאַסע“ זעהט,
וואָס זי האָט אַ מאָל געדיענט
ווערט צובראָכען און פערשווינדט,
און דאָס קומט ניט מעהר צוריק.

אַרטיקלען און פעליטאָנען

פסח מצרים און פסח לעתיד

אדער שעקספיער און דיא ביבעל

מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל ויסעו.
(בשלח).

א גרויסער דיכטער האט אמאל געזאגט: ווען די גאנצע ליטעראטור פון דער וועלט זאל אונטערגעהן און עס זאל נאר בלייבען שעקספיער'ס „יוליוס צעזאר" וואלט די מענש־הייט געהאט א רייכע ליטעראטור. איך זאג: ווען די גאנצע ליטעראטור זאל אונטערגעהן און „יוליוס צעזאר" אויך און עס זאל נאר בלייבען די פרשה „בשלח" וואלט די וועלט געהאט גענוג, וואס צו לערנען און פון וואס זיך צו בעגייסטערען.

דיעזע פרשה איז דער „קלאימעקס". דער העכסטער פונקט אין דער אונשטערבליכער דראמא פון יציאת מצרים, וועלכע פאנגט זיך אן מיט יוסף'ס חלומות און ענדיגט זיך מיט „אז ישיר".

אלע גאלדענע מאמענטען, בריליאנטענע עפעקטען און ריה־רענדע סצענעס פון „וישב יעקב" ביז די „מכות בכורות" זיינען ווי א טהייערע שטיקעריי, וואס וויקעלט זיך ארום דער פרשה „בשלח", וואו עס ליגט בעהאלטען דער סוד פון דעם „פסח מצרים און פסח לעתיד".

ווען מיר ווילען פערשטעהן די טיעפקייט און ערהאבענהייט פון דער בעפרייאונגס סדרה מוזען מיר ווארפען א קורצען, פסיכא־לאגישען בליק אויף דעם שקלאווענפאלק און זיין בעפרייער. ווען

מיר וועלען בעגרייפען דעם כאראקטער פון דעם עגיפטישען קנעכט און די לאגע פון זיין פרייהייטס־קעמפפער, דאן וועלען אונז קלאר ווערען א סך פסוקים, וואס מיר קענען זאנסט ניט פערשטעהן.

וואס האט דאס פאלק אייגענטליך געטהאן ביז וואנען עס איז געקומען צום ים סוף? געפינען מיר אונטער דער גאנצער צייט פון משה׳ס סכסוכים מיט דעם עגיפטישען טיראן, אז אידען זאלען ערמוטהיגען זייער בעפרייער מיט א גוט ווארט, אדער מיט א ליבענסווערטהע טהאט?

קיין צייכען דערפון! אלץ, וואס מיר זעהען איז „ולא שמעו אל משה“ און זיי האבען משה׳ן ניט געהערט. פון דעם ערשטען מאמענט וואס ער האט אויפגעטרעטען פאר זיינע ברידער ביז צום סוף פון דער גרויסער דראמאטישער האנדלונג האט דאס פאלק גאר ניט געטהאן פאר זיך.

די געזונקענע שקלאווען האבען אויך ניט געגלויבט, אז זיי וועלען אליין דארפען עפעס אויפאפפערען צו זייער פרייהייט. — זעהענדיג די „צעהן מכות“, ווי אלעס געהט מיט נסים, האבען זיי געמיינט, אז זיי מעגען רוהיג שלאפען און די גאולה וועט קומען סיי ווי סיי.

זיי זיינען געווען אזוי גייסטיג געפאלען, אזוי מאראליש טויט, אזוי מענשליך געזונקען, אז זיי האבען גאר ניט געוואלט צוברעכען זייערע קייטען און מען האט זיי נאך געדארפט צוצאהלען זיי זאלען זיך וועלען בעפרייען. און משה האט זיי ערלויבט אנצוכאפען ביי די מצרים טהייערע זאכען אויף קיינמאל אין לעבען אבצוגעבען.

א בעוויין, אז זיי איז ליעב געווען דער יאך און זיי האבען נאר אוועקגעלייגט די ארבייט זיך פערלאזענדיג אויף נסים און גאר ניט אויף זיך אליין — איז זייער פרעטענזיע צו משה׳ן: „המבלי קברים במצרים לקחתנו למות במדבר“: קארג קברים האט מצרים, וואס דו האסט אונז גענומען שטארבען אין דער וויסטע?“

פערגעסט ניט, אז אָט די טענות האָבען די אידען געהאַט אין עטליכע טעג ארום נאָך זייער ארויסגעהן פון עגיפּטען; נאָך איידער זיי זיינען געווען בעפרייט מיט אַן אמת. זיי האָבען שוין געוואָלט גליקליך ווערען, שוין ניט געוואָלט וואַרטען, נאָר געהן צוריק, צוריק אין יאָך, צוריק זיך לאָזען שפּאַנען. הּאָס, וואָס זיי אַרבייטען מעהר ניט „בחומר ובלבנים“ און בויען ניט מעהר קיין „פּתום און רעמסס“ פאַר פּרעמדע, דאָס איז ביי זיי געווען פעררעכענט פאַר גאָר ניט. שקלאַוועז! זיי האָבען געקרעכצט און געאַרבייט; געקרעכצט און געקנעטען די ליים; געקרעכצט און זיך געלאָזט שלאָגען און דריקען פון די „נוגשים“, די עגיפּטישע „פּאַרלייט“, די „באָסעס“, געקרעכצט און געשלעפּט דעם יאָך פון די טיראַנען; געקרעכצט און איינגעמויערט זייערע אייגענע קינדער אָנשטאָט ציגעל; געקרעכצט און געמאַכט זייער „צאָהל־אַרבייט“, זייער „סוועט־שאָפּ“ שקלאַווערייז; געקרעכצט און צופריעדען געווען כל זמן זיי האָבען דעם „סיר הבשר“. דעם פולען „דינער פּעיל“... די פולע דאָניצע...

דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון א געבאָרענעם שקלאַוו און דאָס לערנען מיר אין פּרשה „בשלח“.

פונקט ווי די דראַמאַ „יוליוס צעזאַר“ דערגרייכט איהר העכסטע שטופּע דאָרט, וואו שעקספּיער ווייזט אונז דעם שוואַכען, אונבעשטימטען כאַראַקטער פון דעם רוימישען שקלאַווען־פאָלק, וועלכעס גיט באַלד גערעכט ברוטוס, און באַלד — מאַרק אַנטאָניוס, אזוי דערגרייכט אויך די גרעסטע פרייהייטס־דראַמאַ פון אַלע דורות איהר העכסטע שטופּע אין „בשלח“, וואו דאָס אידישע פאָלק ערשיינט אין זיין גאַנצע וואַקלענדע נאַקעטקייט אויסגעקעהרט מיט דער נשמה דערויסען...

אָבער די ביבעל איז גרעסער ווי שעקספּיער און „בשלח“ — טיעפער און העכער ווי „יוליוס צעזאַר“. דען וועהרענד שעקספּיער

לאָזט פאַלען דעם פאַרהאַנג איבער די שוואַכקייט פון א פאָלק, ווייזט אונז די ביבעל ווי מען קען דעם פאָלקס שוואַכקייט פערוואַנד־לען אין גבורה. דען משה הויבט אויף דעם אונוויסענדען שקלאַוו צום ליכט, צו די אייביגע ליכט פון אמת. ער ווייזט זייגע שקלאַוועו, אז נסים קענען נאָר געשעהן דאָרט, וואו דער מענש געהט האַנד אין האַנד מיט גאָט; האַנד אין האַנד מיט דעם אידעאַל און איז מוכן ומזומן זיך אויפצואָפּפערען פאַר איהם.

די ביבעל ווייזט אונז די נשמה פון א אמת'ן העלד, וואָס קען געווינען א מענשהייט און שאַפט א נייע וועלט, א נייע ציוויזי־ליזאַציאָן.

ווען משה האָט געזעהן, אז דער שקלאַוו פערלירט דעם מוטה, אז ער וויל צוריק אַנטהאָן די קייטען; צוריק זיך אומקעהרען צו זייגע דריקער, ווען דער העלד האָט דערזעהן די געפאַהר האָט ער זיך אָבגערופען: „אל תיראו, התיצבו וראו את ישועת השם אשר יעשה לכם היום.... השם ילחם לכם ואתם תחרשון“: האָט קיין מורא ניט, איהר וועט חלילה אליין גאָר ניט דאַרפען טהאָן. נישט קשה, עס איז דאָ א גאָט, ער וועט שוין פאַר אייך מלחמה האַלטען און איהר וועט זיך שטעהן און קוקען“...

דער העלד האָט געוואָרט אויפ'ן קריזיס ווען דער שונא וועט שוין זיין אַזוי נאָהענט פון הינטען און דער ים — אַזוי נאָהענט פון פאָרענט, אז אומקעהרען זיך צוריק וועט מיינען טויט, און דער שקלאַוו וועט ניט האָבען קיין אַנדער ברירה ווי צו ריזיקירען, איינ־שטעלען האָס לעבען און אריינשפרינגען אין די כוואַליעס...

און אַזוי איז דאָס מאַקע געווען. דען ווען דער מאָמענט איז געקומען האָט זיך אָבגערופען גאָט צו משה'ן: „מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו!“... וואָס איז יעצט פאַר קולות? זאָג די קינדער ישראל זיי זאָלען געהן! יאָ, געהן פאָרווערטס, נעהן אין די טיעפענים, און ניט וואַרטען אויף נסים און דאַן...דאַן... „הרם את

מטך ונטה את ידך!"... הויב אויף דעם שטעקען און לאז אראב מיט כח, דערלאנג, זשאלעווע ניט... מיט גוטען ווערט א פאלק ניט בעפרייט... דו טארסט אבער ניט הויבען דעם שטעקען ביז דו זעהסט ניט, אז דאס פאלק איז מיט דיר, אז עס איז ווילינג זיך צו אפפערען, אז עס פערשטעהט, דאס עס האט ניט מעהר וואס צו פערליערען, אז עס מיינט זיין בעפרייאונג מיט אן אמת.

אט דאס איז אין קורצען דער סוד פון דער פרשה „בשלח", די גרעסטע וועלט פאעזיע פון אלע צייטען. איהר מעגט בעהאלטען האמער, שעקספיער, דאנטע, מילטאן און הענרי דזשאדזש, נאר לאזט אונז די פרשה „בשלח" און איהר האט די וועלט גאר ניט געשאדט. אין „בשלח" ליעגט די געהיימניס פון דעם „פסח מצרים" און „פסח לעתיד", דער פרייהייטס פסח פון דער גאנצער מענש־הייט, און אט אין די פאאר בלעטלעך ליעגט די פילאזאפיע פון אלע רעוואלוציאנען און אלע גאולות, וואס זיינען געווען און דארפען זיין ביז צום סוף פון די דורות.

דער סוד פון מתן תורה

והייתם לי סגולה מכל העמים
כי לי כל הארץ...

(שמות, יתרו)

אין דריי חדשים ארום, נאכדעם ווי די קינדער ישראל זיינען ארויס פון דעם לאנד מצרים, אין דעם דאזיגען טאג זיינען זיי געקומען אין מדבר סיני, און זיי האבען געצויגען פון רפידים, און זיינען געקומען אין מדבר סיני, און האבען געלאגערט אין דער מדבר, און ישראל האט גערוהט געגען דעם בארג, און משה איז ארויף צו גאט...“

ווי איינפאך די ביבעל גיט דאס איבער דעם „פארשפיעל“ פון ישראל׳ס גרויסע חתונה מיט אונשטערבליכקייט, וואו אלהים איז געווען דער מחותן, משה—דער מסדר קדושין און הימעל און ערד—די עדות, וואס האבען זיך געצייכענט אויף דער כתובה...

וואס האבען האן געדענקט די מחנה האלב-דערשלאגענע קנעכט? האבען זיי געוואוסט ווי הייליג די ערד איז אויף וועלכע זיי שטעהען? האבען זיי זיך געקענט מאכען א בעגריף אז די געטליכקייט וועט דא באלד אראבשטייגען פון די ליכטיגע הימלען און וועט זיך פארשטעלען פאר זיי; ריידען צו זיי דורך פייער און זיי איבערדרייכען די טהייערע לעהרע במתנה אויף אייביג? האבען זיי געקענט דאן טרוימען, אז באלד וועלען זיי פעוואנדעלט ווערען אין אן „עם עולם“, אין אן אייביגעם פאלק וועלכעם קיין קראפט אין דער וועלט וועט ניט קענען פערניכטען? האבען זיי זיך געקענט אויסמאלען אין זייער פאנטאזיע זייער גרויסען זיעג

איבער די פינסטערנים וואָס האָט דאָן בעהערשט די פעלקער, זייער קומענדען טריאומף־צוג דורך די לענדער טראָגענדיג אין איין האַנד דעם פאַקעל פון אויפקלערונג און אין דער אנדער האַנד די ליכטיגע זון פון גלויבען? האָבען זיי געוואוסט ווי גרויס דער מאַן איז וועלכער האָט זיי געפיהרט דורך דעם בוזים פון ים סוף און וועט באַלד זיין דער דאָלמעטשער צווישען זיי און דעם „אל שדי" שטעהענדיג צווישען שרפים און חיות הקודש, וועלכע האָבען בעגלייט דעם בעשעפער פון די וועלטען אין דער אזיאַטישער וויסטע? האָבען זיי געקענט דאָן אריינבליקען אין זייער צוקונפט און זעהן זייערע רוהיגע הייזער אונטער די פאַלמען און צעדערען און זעהן זייערע קעניגע, כהנים און לוים, און די הימלישע טרוימער, וועלכע שטעהען אויף די אייביג־בליהענדע בערג פון יהודה, און זאָגען נביאות אויף שטעדט און אויף לענדער, און בעשטימען דעם שיקזאַל פון פעלקער און נאַציאָנען, און פראָפעצייהען די צוקונפט פון דער מענשהייט ביז דעם סוף פון אַלע דורות אין אַ שפּראַכע פון גינגאָלד? האָבען זיי געקענט דאָן, האָבענדיג נאָר וואָס אָב־געזונגען די גרעסטע פרייהייטס־ליעד פון אַלע ציטען, טרוימען פון אַ „איכה ישבה" פון זייערע שפּעטערע וואַנדערונגען אין גלות פעראַכטעט און פערלאָזען פון גאָט און פון מענשען אָהן אַ משה און אָהן אַ טהייערען פריינד?

ניין! ישראל האָט דאָס אַלעס דאָן ניט געוואוסט; אַ בעווייז דערצו איז זיין קריעג געגען זיין געטליכען פיהרער; זיין וועלען זיך אומקעהרען צוריק קיין מצרים און זיין שפּעטערע מעשה מיט'ן עגל. דער איינציגער, וואָס האָט דאָס אַלעס געזעהן און געוואוסט, איז געווען אלהים'ס פערטרויטער, דער טאַטע פון די נביאים, משה, דער זוהן פון יוכבד. ער האָט עס געוואוסט און האָט עס שפּעטער אַלעס פאָראויסגעזאָגט. זיין קלאָרע און ליכטיגע אויג האָט דורכ־געדרונגען דעם דיקען פאָרהאַנג וואָס פערשלייערט די צוקונפט

און זיין אונערמיעדליכער בליק האָט אריינגעברענט אין די פֿער־באָרגענע סודות פֿון לעבען. ער האָט געקענט זיין פֿאָלק, ער האָט איהם געקענט מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, פּונקט ווי דער מייסטער קען זיין שטיק ארבייט וועלכע ער האָט אליין געמאכט. ער האָט געוואוסט אויף וואָס ישראל איז פֿעהיג און האָט איהם שפּעטער געוואָרענט; ער האָט איהם פֿאר'ן טויט איבער־גע'חזר'ט די גאנצע געשיכטע פֿון זיין וויעגעלע ביז דעם לעצטען טאָג.

דאָך ווי גוט משה האָט געקענט אברהם'ס קינדער, האָט זיי דער בעשעפֿער נאָך בעסער געקענט. ער, וועלכער בעשאַפֿט דעם מענשען אין מוטער'ס לייב, ברייט אן זיינע מחשבות, בלאָזט אריין אין איהם אן אָטהעם און לענקט זיינע טריט דורך די בעהאלטענע און אונערפֿאָרשליכע וועגען פֿון לעבען, ער האָט געקענט די אב־שטעממלינגע פֿון זיין געליעבטען קנעכט, און אויס דאנקבארקייט צו זייער טאטען האָט ער זיי געגעבען זיינע געזעצע מיט אזא אויפֿ־צוג און אויף אזא ארט, אז זיי זאָלען זיי אייביג געדענקען, אפילו דאַן, ווען זיי וועלען אַנווענדען אלע כחות זיך צו פֿערגעסען...

אָט אין דעם ליעגט דער סוד פֿון דער געוואלדיגער סצענע וועלכע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אויף דעם אייביגען בארג, ווי די שריפֿט דערצעהלט עס ווייטער:

„און עס איז געווען אויף דעם דריטען טאָג, בעגינען! און עס איז געווען דונערען, און בליצען, און א שווערער וואָלקען אויפֿ'ן בארג און די שטימע פֿון שופֿר א מורא ווי שטארק, און עס האָט געציטערט דאָס גאנצע פֿאָלק אין דעם לאגער. און משה האָט ארויסגעפֿיהרט די מאסע געגען גאָט פֿון דעם לאגער און האָט זיי אויסגעשטעלט אונטער'ן בארג. און דער בארג סיני האָט גערויכערט אין גאנצען, ווייל גאָט האָט אראָבגענידערט אויף איהם מיט פֿייער און עס איז אויפֿגעשטיעגען זיין רויך ווי דער רויך

פון א קאלך־אויוועז און עס האט געציטערט דער גאנצער בארג גוואלדיג. און עס איז די שטימע פון שופר געגאנגען און זיך געשטארקט זעהר. משה האט גערעדט און גאט האט איהם געענט־פערט אין דער הויך.״

דער וועלט־ארכיטעקט איז ניט געקומען איבערשרעקען די אידען, ער איז אויך ניט געקומען זיך פארשטעלען פאר זיי און ווייזען זיין גרויסקייט, ער איז זיי בלויז געקומען געבען א לעהרע מיט אזא פאראד כדי זיי זאלען איהר קיינמאל ניט פערגעסען. ער האט זיי געגעבען די ווערטער אין פייער, ווייל זיי זיינען אן אייביגער פייער, וועלכע אלע ימים זיינען ניט אימשטאנד צו פערלעשען. ער האט זיי געגעבען די תורה מיט א גוואלד, מיט דונערן און בליצען, כדי קיין גוואלד און קיין כח אויף דער וועלט זאל איהר ניט קענען אוועקרייסען פון זיי. ער האט זי געגעבען מיט א רויך, וואס איז אויפגעשטיגען צו די הימלען. א סימן, אז מען וועט זיי אמאל זוכען צו פערניכטען מיט רויך און פלאמען, און נאר אין דעם זכות פון די פייערדיגע געזעצע וועלען זיי בלייבען לעבען, צום טראטץ פון זייערע פייניגער און פערניכטער.

דערפאר פייערען מיר דעם יום טוב שבועות מיט שמחה, מיט גלאנץ און מיט פראכט, מיט שטאלץ און מיט בעגייסטערונג. אבוואהל אין גלות, צווישען בלוטיגע שונאים, דאך זיינען מיר גליקליך מיט אונזער גורל, ווייל מיר זיינען די לעהרער פון דער מענשהייט און ניט ווילענדיג מוז די וועלט בייגען דעם קאפ פאר אונז, ווייל מיר האבען איהר געלערנט גלויבען, לעבען און ליעבען... עס איז אונז שלעכט. דאך מיר זיינען זיכער אז מיר וועלען ניט אונטערגעהן. די לעהרע, וועלכע איז דער „עץ חיים״ וועט אונז קרעפטיגען און מיר וועלען נאך דערלעבען צו געניסען דעם פולען שכר פאר אונזערע ליידען.

חשבון הנפש

תשב אנוש עד דכא
ותאמר: שובו בני אדם.
(תהילים).

אזוי ווי יעדער סוחר מוז פון צייט צו צייט דורכזעהן זיינע ביכער, אונטערציהען זיינע חשבונות און זעהן ווי זיי באלאנסירען; אזוי מוז יעדער מענש אם וועניגסטענס איין מאל אין יאהר דורכקוקען דעם רעקארד פון זיינע מעשים און זעהן וואו ער האלט אין דער וועלט; אויב ער איז חלילה ניט געבליבען מאראליש באנקראט.

אזא מין ארבייט פאדערט א גינסטיגע צייט. דער מענש מוז זיין אויפגעראמט ביי זיך און אויפגעלייגט זיך אוועקצוזעצען און נעהמען בלעטערען דעם פנקס פון זיין אייגענעם לעבען. דאס איז א חשבון וואס פאדערט אז דער קאפ און דאס הארץ זאלען זיין אין הארמאניע, דאס איז אן ארבייט וואס דער **ג א נ צ ע ר מ ע נ ש** מוז זיין דערביי.

דער פריהלינגג וואלט נישט געווען די געווינשטע צייט פאר אזא מין רעכענונג. דאן איז מען צופיעל ענטציקט מיט'ן אנקונפט פון דער גאלדענער צייט. די נאטור הויבט אן אויפצושטעהן תחית המתים און דער מענש ווערט אויך א ביסעל יחסן'דיג... עס איז דאן אונמעגליך פאר דער נשמה זיך אבצוגעבען מיט קאלטע ציפער, וועלכע ווייזען דאס רוב א דעפיציט אויך...

דער מיטען זומער טויג אויך ניט פאר ערנסטע געדאנקען. דאן איז די וועלט צו קאכעדיג, צו רעש'יג, דאס לעבען האט דאן צופיעל

היץ, צופיעל צויבער, די גאנצע נאטור כשוף'ט און איז צו פערפיהרעריש מען זאל זיך קענען אבריסען פון איהר און מאכען א חשבון הנפש. דער טויטער ווינטער איז געווים ניט געשאפען פאר אזא הייליגע אויפגאבע, דאן איז דער מענש צו שטייף, צו טרוקען. ער זעהט נאר פאר זיך א טויטע וועלט, די געפיהלען קענען זיך ניט אויסברייטען און דער שטיק „עפר ואפר“ פערזינקט אין זיך אליין און שלומערט איין...

דער גינסטיגער מאמענט בלייבט אלזא דער חודש אלול. דאן זעהט דער מענש פאר זיך בילדער וואס ריידען צו איהם אהן ווערטער און הייסען איהם אראבנעהמען א מוסר...

אלעס וואס האט אזוי שען געגרינט און געבליהט הויבט פלוצלונג אן צו וועלקען און צו שטארבען. אט לאכט נאך די בלאט אויף'ן בוים! דאך זי איז שוין ניט אין גאנצען גרין; איין העלפט איז שוין פערוויאנעט, באלד וועט איהר דער שטורם ארונטעררייסען און אוועקגעטראגען וויט, ווייט פון דעם שענעם צווייג אויף וועלכען זי איז נישט לאנג צוריק געהאנגען... די רויז שמייכעלט נאך אויף'ן בלומענביים, דאך איהר זיסע פארב הויבט אן צו שווינדען. איהר שמייכעל, וואס האט געצויבערט און געגלעט די זעעלע, ווערט פלוצלונג קראנק, מעלאנכאליש און דער מענש זעהט דאס, ער קוקט דערויף, דאס ווארפט זיך איהם נישט ווילענדיג אין די אויגען און בעטראכטענדיג דאס אלץ, טהוט עס איהם פלוצלינג א קלאפ אין הארצען: אט אזוי וועט ווערען א תל פון אלעס!...

דאן, ווען די נאטור גוסס'ט, די צייט מישט דעם „מעבר יבוק“ און דער ווינד קומט מיט'ן „מענה לשון“ איז אונמעגליך דער מענש זאל ניט אנהויבען ערנסט צו דיינקען. ער מוז דאן קומען צום בעשלוס, אז „אנו ימינו כצל עובר“, אונזערע טעג פערפליהען ווי א שאטען...

דאך דער גאנצער חודש אלול מאכט ניט אויף אונז אזא

ווירקונג ווי זיין ענדע, די צייט פון סליחות. די „געטליכע טעג" פאַר דעם „יום הדין" מוז דער מענש זיך אליין אַ נעהם טהאָן צום פערהער און ער האָט גענוג וועגען וואָס זיך צו פערהערען, דען קיי־נער פון אונז קען זיך בעריהמען, אַז אין דעם געיעג נאָך פרנסה האָט ער קיינעם ניט בעריהרט און קיינעם ניט געזוכט צו שאַדען.

שרעקליך איז די מלחמה פון לעבען און שרעקליך די כלי זיין, מיט וועלכע מיר קעמפפען! אין דעם ווילדען מדבר פון אונזער עקזיסטענץ פאַלט ניט קיין מן פון הימעל. געפעהרליך זיינען די פלענער, מיט וועלכע מיר שאפען אונזערע הצטרכות, פינסטער די מעטהאָדען, מיט וועלכע מיר בעזיעגען אונזערע קאָנקורענטען, און שוידערהאַפט די נעצען, אין וועלכע מיר ווילען פאַנגען דעם צאַ־פעלדיגען פיש פון הצלחה...

ווער פון אונז קען שווערען אויף זיין עהרליכען עהרענוואָרט, אַז ער האָט קיין ליגען ניט געזאָגט; אַז ער איז ניט געגאַנגען מיט הינטערוועגען יענעם צו שאַדען; אַז ער איז קיינעם גראָב ניט אָנ־געקומען? וואָס וואָלט פון דעם מענשען געוואָרען, ווען ער וואָלט אַלץ אזוי געזונקען טיעפער און טיעפער אין עולות און וואו וואָלט דער בעזער שטראָם פון פערברעכען מיט זיינע מיליאָנען רוישענדע כוואַלעם פערטראָגען דעם ווילדען האבון, דעם וועלט־פערשלינגער, דעם שאַטענכאַפער, ווען ניט דעם שמש'ס קלאַפּ אין לאָדען: — „שטעהט אויף צו סליחות? !"

דער חודש אלול מיט זיין שופר, מיט זיינע סליחות, מיט זיין וועקסלענדע נאַטור און ענדליך מיט זיין „יום הדין" איז ניט נאָר אַ צייט פון מוסר און תשובה פאַר דעם פרומען, נאָר פאַר יעדען אייטעם וועמען דאָס לעבען האָט נאָך אין גאַנצען ניט טמא געמאַכט. איינער מעג געהן אין שוהל אָדער ניט, ער מעג זאָגען סליחות אָדער ניט, קוים איז זיין האַרץ נאָך ניט אין גאַנצען פער־שטיינערט, און ער זעהט און פיהלט, אַז סיי־ווי־סיי איז אַלץ פער־

גיינגליך און עס איז ניט כדאי צו שווימען ווייטער אין עולות — מוז זיך אין איהם ערוועקען דער מענש, יא, דער מענש אויב נישט דער איד!

ווען מען מהוען מיר איבערהויפט א טובה מיט אונזער גוטס־קייט, ווען ניט זיך אליין? אונזערע טוגענדען, פונקט ווי אונזערע פערברעכענס בעלוינען און בעשטראפען נאר אונז אליין און דוקא אויף דער וועלט און ניט אויף א „יענע וועלט“. מיר און נאר מיר אליין מוזען טראגען דעם רעזולטאט פון אונזערע מעשים.

אט דא ליעגט די גרויסע געהיימנים פון די ימים נוראים, אט דאס איז דער סוד פון סליחות! ווען מיר זעהען, אז מיר זיינען פערזונקען איבער'ן קאפ אין עולות, שלאגען מיר זיך אין הארצען „אשמנו“.

און גרויס איז די חרטה, דען זי מאכט ווייך דאס הארץ. אין דער צייט, וואס דער מענש דערזעהט זיינע אייגענע פעהלער קען ער דאך נישט טראגען קיין שנאה אויף יענעם.

דער סוד פון סליחות איז אלזא נאר צו ערוועקען אין דעם מענשען דעם מענש און ארויסרופען אין איהם די געפיהלען פון חרטה און פערצייהונג, דען די שענסטע רעליגיאן איז א ריינעם געוויסען.

חתן תורה

ששו אתה משוש כל המתאבלים עליה באבלה
וצרה, יהי גופו מכבד בכח להתאשרה.
(רשות לחתן תורה, רשות לחתן בראשית.)

זינט ישראל האָט פערלאָרען זיין פּאָליטיש גלייכגעוויכט און איז אראָבגעפאלען פון זיין אייגנעם בארג אין א פרעמדען טהאָל, האָבען די ציניקער גענומען שפּאָטען, אז דער איד איז ניט מעהר קיין איד, און אז ער טאָר אפילו קיין אנשפּרוך ניט מאַכען אויף זיך אליין.

מיט זיין פערלירען די מלוכה אויף דר׳ערד, האָבען זיי געשרייבען, האָט ער אויך פערלאָרען דעם חן אין דער „מלכות שמים“ און איז נאָר אצונד דער נע־ונד׳ניק, דער בראָדיאגע פון די נאציאָנען, אָהן א שווערד אין האנד און אָהן א שר אין הימעל.

די טייערע אוצרות, וואָס זיינען געגראָבען געוואָרען אין די טיעפע גאָלד־מינעס פון דער אידישער נשמה; די הייליגע ברענמאטעריאלען, וואָס זיינען געשעפּט געוואָרען אין די טיעפע קוואלען פון זיין רייכען גייסט; די אייביגע וואונדער, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אין זיין געפליגעלטער פאנטאזיע, — דאָס אלץ האָבען זיי ניט נאָר צוגענומען, נאָר אויך צוגעשריבען צו זיך אלס זייער געזעצליכע ירושה, אלס זייער אייגענטום.

מיט פערגלאָצטע אויגען רעדט דער שונא פון ישראל׳ס גרויסקייט, פון זיינע נביאים און פערלאָרענע מלכים, ער בעמערקט אָבער דערביי, אז יענער ישראל איז שוין לאנג געשטאָרבען און אָבגעמעקט פון ספר החיים, און נאָר זיין שאָטען וואנדערט דאָס אום

צווישען די קברים און פערבלאנדזשעט אפט ביי די לעבעדיגע, זיי צו סטראשען....

דער איצטיגער ישראל, זאגט ער, איז א פאלשער, ער שלעפט זיך אום מיט לינקע פרעטענזיעס, א שווינדלער איז ער, א סכנות'־דיגער אפיקורס, א מצוה צו פערברענען איהם. ווען גאט וואלט איהם האלד געהאט, זאגט ער, וואלט ער איהם ניט אזוי פעראונ־גליקט און ניט איבערגעלאזט אויף הפקר, און אויב ער וואלט טאקע געלעבט, וואלט ער זיך אן עצה געגעבען. דעם אידען'ס אונבעהאל־פענקייט, שרייט ער, זיין פערהאסט זיין אומעטום איז א בעווייז, אז ער איז דער גייסט פון דער פערגאנגענהייט, דאס נעבעל־בילד פון א פערלארענע וועלט, דער רעשט פון אויסגעלאשענע דורות, דער רויך פון אן אבגעברענטען מזבח... דער טויט... דער טויט...

דער שונא שרייט, אז ער גיט אב דער תורה מעהר כבוד ווי דער איד. אז ער האלט זי טייער ווי זיין אויג אין קאפ, בשעת ביי דעם ארומשלעפער, דעם ארץ ישראל־גלגול ווערט זי בזוי ומבוזה מיט איהם צוגלייך. און מען וואלט דאס איהם אפשר געגלויבט, דעם שקרן, ווען דער איד וואלט ניט געוויזען אויף יעדער טריט, אז רוים איז א ליגנערקע.

שטענדיג, ווען דער אבגעפרעסענער, ליידענשאפטליכער שונא טרעפט אן דעם בלייכען ישיבה־בחור, גיט דאס איהם א שטאך אין הארצען, דען ער דערזעהט, אז ישראל לעבט נאך. יא, ער לעבט, ווייל ער ליעבט... „אדם כי ימות באהל", נאר דער וואס קאן אב־געבען זיין לעבען אין בית־המדרש, זיך מוסר נפש זיין פאר זיין אידעאל, — דער איז דער אמת'ער איד, דער ריכטיגער היטער פון דער תורה, דער איינציגער איינגענטימער איהרער.

ווי טייערע פערעל אויף א גאלדענער שנור ציהען זיך די ימים־טובים אין דעם חודש תשרי איינע נאך די אנדערע, און שמחת תורה איז דער בריליאנטענער מעדאליאן, וואס הענגט ביים ברעג.

אָבער אָט דער מעראַליאָן איז ניט קיין פּוסטער; אינעווייניג זיינען איינגעפּאַסט די יוגענד־בילדער פון די צוויי אַלטע געליעבטע — ישראל און זיין תורה. שמחת־תורה איז דער זעלטענער טאָג, ווען „ישראל סבא" פייערט די גאָלדענע האָכצייט מיט זיין אַלטיטשקער. דאָס איז דער גליקליכער מאָמענט, וואָס זיי ווייזען ביידע דער וועלט, זייערע שונאים און פייניגער אויף להכעיס, אַז זיי לעבען, זיי זיינען דאָ און וועלען אייביג זיין צוזאַמען.

ווי איינער, וואָס איז אַוועק אין מלחמה און האָט געשוואָרען זיין געליעבטער, אַז ער וועט זיך אומקעהרען צו איהר, ווען דער קריעג וועט זיך ענדיגען, אַזוי קעהרט צוריק דער אַלטער היסטאָרישער העלד יעדעס יאָהר פון זיין פערצווייפעלטען קאַמפּף און פאַלט אויף דער ברוסט פון זיין געליעבטער, וואָס האָט געבענקט נאָך איהם, און פרעהט זיך אַ טיעפע נשמה־פרייד — עס איז ביי איהם שמחת תורה!

דער העלד האַלט זיין צוזאָג, חאָטש די שלאַכט איז נאָך ניט געענדיגט און בלוט פלייצט פון אַלע זייטען. דאָס רייסט ער זיך אַוועק נאָר אויף אַ ווײַלע פון דעם שווידערהאַפטען שטרייט. מיט אַ דורכגעשאָסענעם, צולעכערטען גוף ווי אַ זיפּ און מיט בלוטיגע וואונדען אין קאָפּ און האַרצען נעהמט ער אַרום זיין האַרצענ'ס טרייע. ער דריקט זי צו זיין צוריסענער ברוסט און קושט זי מיט זיין העכערער זעעלע און זי עטעמט אין איהם אריין די הימלישע פאַרפומען פון דעם עץ־החיים. עס דונערן די האַרמאַטען, די קריעגס־טרומייטען שאַלען, די פיינד, ווי הונגעריגע וועלף פון אַלע זייטען, קריצען מיט די שאַרפע צייהן, פויסטען דריקען זיך צונויף און שווערדען סטראַשען אין דער לופטען. באַלד, באַלד וועט ער צוריקקעהרען און זיך פערטיידיגען, דאָך טרייהייט האָט ער איינמאָל צוגעשוואָרען און ער האַלט זיין שבועה.

בעטראַכטענדיג אונטער וועלכע אומשטענדען ישראל פייערט

זיינע ימים טובים, דורך וועלכע סכנות ער רייסט זיך דורך און קומט צו זיין לעבענ'ס־בעגלייטערין — קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז ער לעבט, אַז ער איז דערזעלביגער, דער אונפערלעשליך־פייערדי־גער „סנה", דער מדבר־חלום פון זיין נביא, אַז ער און ער אליין נאָר איז דער „חתן־תורה". יאָ, ער איז דער חתן־תורה, ווייל ער איז דער „חתן בראשית", דער ער ש ט ע ר, וואָס האָט זיך מיט איהר פערקניפּט און דער איינציגער, וואָס פערהיט איהר מיט דער געפאַהר פון זיין נשמה.

מעג דער שונא ריידען וואָס ער וויל, מעג ער זיך וואַרפען מיט פאַלשע רייד אויף די אייביגע אוצרות פון דעם אייביגען נגזל, — עס איז אומזיסט. ער וועט זיי ניט קאָנען צונעהמען פון איהם, ווייל ער פאַסט ניט פאַר זיי און זיי — פאַר איהם. „ישראל ואוריתא חד הוא", די תורה און דער קישינעווער שמש זיינען איינס...

פייער, איד, דיין שמחת תורה! חתן, נעהם אַרום דיין כלה! ישיבה־בחור, טאַנץ הקפות, די ריינינקייט איז דיינע; דו האָסט איהר אויפגעהאַלטען אין גלות. העלד, פערבלוטיגטער בעל־מלחמה, קעהר צוריק צו דיין געליעבטער און פאַל אויף איהר האַרצען!

עמוד, עמוד, עמוד ר' ישראל סבא, חתן התורה וחתן בראשית!...

דער בעל תשובה

דו מעגסט זיך וועלען איבערצייגען
דאַך הימעל, און שטערען שווייגען.

מיט אַ שענע עטליכע יאָהר צוריק איז אַ ניו יאָרקער אידישער סטודענט, אַ בן־הרב, אַוועקגעפאָהרען קיין דייטשלאַנד ענדיגען זיין שטודיום אַלס ראַבינער.

דאָס איז געווען אַ זעלטענער יונגער מאַן און די רייכסטע קהלה פון ניו יאָרק האָט געוואַרט מיט אונגעדולד, דער עילוי זאָל זיך צוריקקעהרען און אָננעהמען ביי איהר די אָנגעזעהענע שטעלע פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער.

אַז מען וואַרט, דערוואַרט מען זיך, און די גליקליכע שעה האָט געשלאָגען.

אַזוי ווי אַ סוחר, וואָס איז אַוועק אין די „מרחקים“ און ברייננט צוריק זיינע שיפען בעלאָדען מיט כל־טוב, אַזוי האָט זיך דער יונגער מאַן צוריק־געקעהרט אַ היים בעלאָדען מיט קענטעניסען און מעשים־טובים.

זיין טיטעל „דאָקטאָר דער פילאָזאָפיע“, האָט דער יונגער גע־לעהרטער ניט בעקומען אויף אַזאַ אופן, ווי מאַנכע ראַבינער האָבען דאָס איינגעהאַנדעלט אין דייטשלאַנד.... ניין, ער האָט די חכמה ניט אָבגענאַרט.

ער איז ניט אַרומגעגאַנגען צו די רייכע אַלמערס מיט ספרים, דערלאַנגענדיג דעם בוך אַ לעק און יענעם אַ שמעק; ביי איהם איז די וויסענשאַפט געווען ווי ברויט און די לעהרע ווי וואַסער, אָהן וועלכע מען קען ניט לעבען. ער האָט געלערנט, געפאָרשט, גע־

זיפט און געזיפט דעם אמת. און דער נאָמען פּ י ל אָ ז אָ ף האָט איהם געפּאסט ווי דעם פריהלינג זיין גרינע דעקע און דער זון איהרע גאָלדענע שטראהלען.

די קהלה האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו דעם יונגען מאַן מיט אָפענע אָרעמס, זי האָט איהם אוועקגעשטעלט זיין טאַטענס שטוהל ביי דער רעכטער זייט פון אָרון הקודש פון איהר טעמפּעל — דער פּרעכטיגסטער טעמפּעל אין דער נייער וועלט, — און איהם געבעטען מיט הכנעה, ער זאָל זיין דער „ממלא מקומו“.

דער דענקער האָט זיך אויף א ווײַלע פערטראַכט, האָט א קנייטש געטהאָן זיין הויכען גאונישען שטערן און האָט זיך אוועק־געזעצט אויפ׳ן כסא־הרבנות... א ראבינער דאַרף אָבער ריידען צו זיין געמיינדע און דער יונגער מאַן האָט זיך אוועקגעשטעלט האַל־טען זיין ערשטע דרשה.

די פּערל, וואָס מען שעפּט ארויס פון ים׳ס שטילען בוזעם, זיי־נען ניט אזוי רייך, ווי עס זיינען געווען זיינע ווערטער; דער בלויער הימעל איז ניט אזוי טיעף, ווי עס זיינען געווען זיינע געדאַנקען, און דער טהוי, וואָס קוסט די יונגע גראָזען, איז ניט אזוי פריש, אזוי ערקוויקענד, ווי עס איז געווען זיין אויפטהאָן אין גאונות, און דאָך.... דאָך האָט דער עולם אויפגעשווידערט ביי דער דרשה. מען האָט זיך דערשראָקען... עס איז געוואָרען א שטילע אויפרעגונג צווי־שען די מענער, די פרויען האָבען גענומען ציטערען, דער פּרעזי־דענט פון דער קהלה האָט זיך א פּאָר מאָל אויפגעשטעלט; ניין, ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל אויבען־אָן.... מאַנכע דאַמע האָט געצופּט איהר זיידענס טאַשענטוך פון אונגעדולד און מאַנכער באַנקיר האָט זיך געביסען דעם פּראַק פאַר יסורים... אַלע זיינען געווען אונצופריעדען און דער צווייטער ראבינער האָט גע־נומען מורמלען: „ער זאָל ארונטערגעהן“...

דער גרויסער בעל־דברן האָט ניט גערעדט פון גאָט, ניט פון

אידישקייט, ניט פון גלויבען, ניט פון דער תורה... אין גענענטהייל, ער האט אריינגעלאזען דעם שארפען צאהן פון חקירה אין די יסודות פון דער אמונה און האט געווארפען א שאטען אויף השארת־הנפש... ער האט נאר געפרעדיגט מוסר און פילאזאפיע, ער האט געהייסען זיין גוט, אבער ניט פרום. ער האט געהייסען טהאן גוטעס צוליעב גוטעס אליין, ניט ערוואַרטענדיג דערפאר קיין שכר פון „יענער זייט קבר" וואס, נאך זיין מיינונג, איז ניט מעהר ווי א „פאנטאזיע". ער האט געזאגט, אז א מענש איז מחויב צו זיין גוט, ווייל ווי א „בר דעת" דארף ער וויסען, אז צו זיין גוט און עהרליך איז רעכט, שען און עדעל, און אז צו זיין שלעכט איז מיאוס, נידעריג און געמיין.

דער יונגער מאן האט געמיינט, וואס ער האט גערעדט, ער איז געווען איבערצייגט, אז ער זאגט דעם אמת. ניט ווי די מעהרסטע פרעדיגער, ביי וועלכע דער שטענדער און דאס הארץ זיינען צוויי קאנטראסטען. און אלע האבען מודה געווען און וועלען אייביג מודה זיין, אז וואס עהרליכקייט אנבעטרעפט איז דער דאזיגער מאן עהרליך געווען, ווייל ווער וועט עס ווארפען א חשד אויף זיין עהרליכקייט?

ניין, דער טעמפעל האט איהם ניט געקענט האלטען פאר א רב, דען כאטש די קהלה איז שוין דאן געווען א רעכטען „תחום־שבת" פון אמת'ער פרומקייט און מען האט זיך שוין אנגעהויבען קלייבען אויסצוטהאן די היטעל ביים דאוונען, — א זאך וואס איז שפעטער מקוים געווארען, — דאך האט זי זיך ניט געוואלט שיידען מיט דער אמונה, די ירושה פון אבות אבותינו...

ער איז אבער ניט געבליבען אליין, עס האבען זיך ארומגע־קליבען ארום איהם הונדערטער רייכע און געבילדעטע הערען און דאמען, וואס האבען איהם געהאלפען גרינדען די בעוואוסטע „עטהי־

קעל קולטור סאָסייעטי", ד. ה. אַ פעראיין פון נאָר אידישע פריי־דענקער פון דער הויכער געזעלשאַפט.

דער בענייסטערטער רעדנער און פילאָזאָף האָט זיך אַ נעהם געטהאָן צו זיין נייער ארבייט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין נשמה. ער האָט גערעדט יעדע וואָך צו טויזענדער פרייהייטס־ליע־בענדע מענשען, וואָס פלעגען קומען הערען זיינע פרייע, הויכע און שענע גערדאַנקען. זיין נאָמען איז געשטיגען פון גרויס צו גרעסער. דען וואָס זיינע רעדען האָבען ניט געקענט אויפטהאָן, האָבען אויפ־געטהאָן זיינע אייגענע פערפאַסטע ווערק, וואָס האָבען איהם גע־מאַכט אַ שם עולם.

דער מענש בלייבט אָבער זעלטען אויף איין אָרט. ער איז אַ געהער, אַ וואַנדערער, וועלכער האַלט שטענדיג אין איין שפּאַנען ווייטער. און וואו ער געהט געהען מיט איהם אַלץ מיט זיינע גע־דאַנקען. וואַנדערענדיג אויף דעם ווייטען וועג פון לעבען מיט אָפענע אויגען און אַ פאָרשענדען גייסט, מוז ער שטענדיג קריגען נייע נסיונות, נייע איינדריקע, וואָס פערגרעסערען און בערייכערען די אוצרות פון זיין חכמה און פיהרען זעהר אָפט דערצו, ער זאָל אָנהויבען אַנדערש צו דענקען און קומען צו אַנדערע בעשליסונגען, צו אַנדערע רעזולטאַטען. איבערהויפּט הויבט דער מענש אָן צו וואַרפען אַ ספק אין די חשבונות פון זיין יוגענד, ווען ער זעהט, אַז זיין לעבענסטאָג איז באַלד פאַרביי, אַז זיין זון הויבט זיך שוין אָן צו נייגען נאָך מערב־זייט און ער איז נאָך ווייט פון יענעם אָרט, וואו ער האָט געהאָפט צו געפינען אַ מקום מנוחה פאַר זיינע פאַר־שענדע מחשבות. יאָ, אַזוי ווי אַ רייזענדער, וואָס געהט אַליין דורך אַ טיעפען, אונבעקאַנטען וואַלד, ווערט פּלוצלינג צומישט און דער־שראָקען פאַר די געדיכטע, דונקעלע ווייטקייט און הויבט אָן — גלויבענדיג, אַז ער בלאָנדזשעט — צו זוכען נייע וועגען אָדער געהן צוריק, אַזוי ווערט אַמאָל דער פאָרשער, דער פילאָזאָף, דערשראָקען

פאַר דעם מורא'דיגען פּלאַנטער פון סודות, וואָס רינגלען אַרום די נאַטור, און הויבט אָן צו קלערען און זוכען נייע סברות, אָדער גען צוריק.

...כ'האָב געננוג געהערט און געזעהען
און בין אַ שוטה ווי געווען.

די דאָזיגע ווערטער האָט אויסגעשריען דער געלעהרטער דאָקטאָר „פאוסט" אויף די אַלטע יאָהרען, און דאָס אייגענע האָט אויך איצט אויסגעשריען דער געלעהרטער דאָקטאָר.

דאָך „פאוסט" איז געווען אַ „גוי" און אונזער פילאָזאָף איז אַ איד, — דאָ ליגט די גרויסע נפקא מינה. ווען „פאוסט" האָט זיך דערוואוסט, אַז ער ווייס ניט, האָט ער זיך איבערגעגעבען צום טייוועל, און ווען אונזער דענקער איז דערגאַנגען, אַז ער קען ניט דערגעהן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו דער אמונה...

דער פּרעדיגער פון ריינעם מוסר, דער חכם, דער וויסער און דער קענער שטעהט פאַר די מיטגליעדער פון זיין אפּיקורסישער סאָסייעטי מיט פערבראָכענע הענד, אָבער מיט דערזעלבער עהרליכקייט ווי אמאָל אין טעמפּעל און שרייט אויס אין דער הויך: „איך ווייס ניט!"

מען דאַרף זיין גרויס, זעהר גרויס זיך צו בעשליסען צו אַזא געוואַלטיגען שריט, אַרויסצוגעהן פריי און אָפען פאַר דער וועלט און זאָגען, אַז מען האָט „געהאַט אַ טעות" — דאָס קען נאָר טהאָן אַן עהרליכער, אַן אויסגעכאַפּטער מענש. מאַנכעס מאָל ליעגט מעהר שכל און מוט אין אָבגעבען דאָס שווערד, איידער צו פיהרען אַ פערלאָרענע מלחמה. און דער בעריהמטער לעהרער און פּרעדיגער פון מוסר האָט אָבגעגעבען דאָס שווערד, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגען געגען הימעל...

ער זאָגט איצט צו זיינע צוהערער, וואָס האָבען געגלויבט, אַז ער ווייס אַלעס און האָט זיך דערגרונטעוועט ביז דעם רעכטען פונ־

דאַמענט, אַז עס איז פֿאַראַן אַן „עפּעס“, אַ גרויסער, געהיימער, אַל־מעכטיגער און אַלהערשענדער „עפּעס“, וואָס קיין שטערבליכער האָט עס ערפֿאָרשט און וועט ניט ערפֿאָרשען. ער איז אין דעם פּרט ניט דער איינציגער צווישען די גייסטיגע פּרינצען פֿון זיין פֿאָלק.

היינריך היינע, דער גרויסער „לץ“, וואָס האָט געמאַכט וויצען אויפ'ן הימעל און סאַטירען אויף די טהרה־ברעט, האָט שפּעטער גע־קלאָגט מיט אַ ביטערען געוויין אויף דעם, וואָס ער האָט געביטען זיין גלויבען:

„קיינע מעסע ווירד מאַן זינגען,
קיינען קדיש ווירד מאַן זאָגען,
ניכטס געזאָגט און ניכטס געזונגען
ווירד אַן מיינע שטערבע־טאָגען“.

נאָר ביי אַזעלכע גייסטיגע העלדען ווי אַ שפּינאָזאַ פֿערמאַכען זיך די אויגען מיט דעם געדאַנק, ווי זיי האָבען זיך געעפֿענט. אונזער העלד איז געוואָרען אַ בעל־תשובה...

טיפּען און פּרעטענזיעס

I.

אידישע באַנקראָטען. — אַ שוסטער מיט אַ רבנישע נשמה. — חדר, בית המדרש און השכלה. — דער „השחר" און דער „של"ה הקדוש". — די מילבען פון בית המדרש. — דער סך הכל פון אידישע האָפנונגען.

עס זיינען פאַראַן אַ סך מענשען אין אונזער גרויסער וועלט, אבער ניט אַלע קענען אייך אינטערעסירען. דאָס רוב זיינען זיי פּאַרעווע — נישט מילכיג, נישט פליישיג, ניט קאַלט און ניט וואַרם. זיי בעגעגענען אייך שטענדיג מיט דער זעלבער צורה, דערצעהלען אייך שטענדיג די זעלבע מעשיות און פערלאָזען אייך מיט דעם זעלבען „צום וויעדערזעהען".

די מענשהייט וואָלט געהאַט אַ פּנים ווי אַ סטאַדע ווייסע גענז ווען זי וואָלט ניט געהאַט איהרע עקסטראַ טיפּען און כאַראַקטערע, וואָס זאָלען זיך וואַרפען אין די אויגען און ארויסרופען אַ מאָל אַ וויץ, אַ מאָל אַ שמייכעל, אַ מאָל אַ בעוואונדערונג, אַ מאָל אַן עקעל, אַ מאָל אַ קללה און אַ מאָל אלעס צוזאַמען.

יעדעס פאָלק האָט זיינע טיפּען, זיינע כאַראַקטערע, זיינע אויס־נענומענע פּאַרשוינען, וועלכע פערקערפּערן מיט זיך זיין פּיזישע און גייסטיגע פעהלערהאַפטיגקייט.

אויב מיר, אידען, קענען זיך ניט מעסטען מיט די פעלקער אין פרייהייט און פריידען, אין טיפּען זיינען מיר פּונקט אַזוי רייך, אויב ניט רייכער, ווי זיי. מען דאַרף נאָר גוט דורכשטודירען די

ביז יאָרקער „איסט סייד“ אום אויסצוגעפינען ווי רייך עס איז דער „סטאק“ פון אונזערע כאראקטערע.

וואָס משונה'דיגע ברואים אנבעטרעפט, האָבען מיר עס מעהר פון זיי, ווייל ביי אונז זיינען דאָ מעהר גייסטיגע באנקראָטען, מעהר פערפעהלטע צוועקען. מיר האָבען מעהר גייסטיגע קריפּעלס, מעהר צובראָכענע, צושטאָכענע, צוריסענע, צוביסענע און צוטרעטענע לעבענס. ביי אונז איז כמעט יעדער איד א „פּייליור“, א פערפעהלטער צוועק. ווייל כמעט יעדע אידישע מאמע האָט געטרוימט צו מאכען פון איהר זוהן א רב און ווען ער איז געוואָרען עפּעס אנדערש איז ער שוין א פערפעהלטער צוועק. ער האָט איינגעזוינען מיט דער מאמעס מילך דעם רב און זיצט גאָר ביים קאפּול. דאָס איז א כאראקטער: א שוסטער מיט א רבנישע נשמה. דערפון קומט דאָס מן הסתם ארויס, וואָס ביי אונז איז יעדער איד א משכיל, א קענער, א יחסן און א בעל פּרעטענזיעס...

א מאסע טיפּען און כאראקטערע האָבען אונז ארויסגעגעבען די קלויז, דער חדר און שפּעטער די זאָגענאנטע „השכלה“. וואָס דעם מלמד'ס ענגער, שמוציגער ד' על ד'־יגער צימעריל און דער בית המדרש אונטער'ן אויווען האָבען ניט אין גאנצען פערקרימט און פערלאהמט, האָבען עס שפּעטער געטהאָן די „מליצה“ און די „השכלה“, געשריבען און פערברייטעט פון „אויטאָדידאקטען“, „סאמאָאוטשקעס“, טרוימער, וואָס האָבען געזוכט צוזאמענצופּאָרען שעקספּיער מיט רבא בר בר חנא. דער „השחר“ מיט'ן של"ה הקדוש“ האָבען זיך געקריעגט ווי יעקב אבינו'ס שטיינער: דער האָט געשריען, אויף מיר זאָל אנשפּארען ישראל'יק זיין פערטשיאדעטען קאָפּ און דער אנדערער האָט געשריען, אז ער איז דער ריכטיגער שטיין... אמת, מען הערט זיי יעצט ביידען נישט מעהר.

דער „השחר“ ליעגט נעבאך א „געבונדענער“ אין די ביבליאָטהעקען און דער „של"ה הקדוש“ רוהט צווישען די אלטע „שמות“

אַבגעבלאַקירט מיט געלע בלעטער, אויף וועלכע עס קריכען נאָר אַרום די בית המדרש מילבען... זייער איינפלוס איז אָבער געבליבען און זייערע מחלקות באַמבלען זיך נאָך ביז אויף הייַנטיגען טאָג אין די קעפ פון די „משכילים“...

מאָדנע טיפען זייַנען אונז געבאָרען געוואָרען אין יענער השכלה־צייַט.

ישיבה בחורים, טעג עסערס און פערשיעדענע קלויזניקעס און מליצה שרייבער האָבען זיך פלוצלונג א לאָז געטהאָן צו פוסען נאָך ווינען צו פרץ סמאָלענסקי, ער זאָל זיי העלפען ווערען פראָפעסאָרען און פאָליטיקער... דער גרויסער משכיל איז אליין געווען א קבצן. דער מאָראַלישער איינפלוס, וואָס ער האָט געהאט אויף דער ווינער אידישער געמיינדע, איז געוואָרען באַנקראָט דורך די פיעלע אורחים וואָס ער האָט איהר צוגעשאַרט און עס האָבען זיך אָנגעהויבען צרות.

די בעלי חלומות האָבען אַרומגעוואָגעלט אין דער גרויסער שטאָדט, דערנאָך האָבען זיי געוואָגעלט אין אַנדערע שטעדט. מאַנכע האָבען זיך כלומרשט צו עפעס דערשלאָגען, די מעהרצאָהל אָבער זייַנען יעצט מיט אונז אין קאָלומבוסעס מדינה און זייער גאַנצע מיה און מאַטערנים איז געווען אויפ׳ן ווינד... די יאַרמולקע איז געבליעבען אין קלויז, די „תפילת הדרך“ האָט זיך אָבגעשטעלט אין ווינען, די תפילין האָבען זיך פערלאָרען אין פאַריז, דער חלום האָט זיך אויסגעוועבט אין דייטשלאַנד, דער געזונד איז צובראָכען געוואָרען אויפ׳ן וועג... און דער יאוש איז געקומען אין אמעריקא...

יעדער איינער פון די דאָזיגע בעשעפעניסען איז געבליעבען—

פיזיש צובראָכען
און גייסטיג פערלאָרען,—
דאָרט נים דערקראָכען
און דאָ נים דערפאָהרען.

דאָ קיין דיפּלאָמע
און דאַרט ניט קיין סמיכות,
סתם אַ נשמה
מיט אייביגע בריכות.

אָט די גייסטיג פערלאָרענע האָבען זיך אָבער פערגעסען אז זיי האָבען בלויז ג ע וו א ל ט לערנען און האָבען נ י ט געלערנט. זייער ארומשלעפען זיך דאָ, דאָרט און איבעראל, זייער איבערנעכטיגען אין די הויפּט־שטעדט פון אייראָפּא און פיעללייכט זייער הערען א דוצענד פרייע לעקטשורס אין א אידישען סעמינאר אין דייטשלאנד, האָט צורייצט זייער איינבילדונגס־קראפט און זיי האלטען זיך יעצט פאר אידישע געלעהרטע, פאר פילאָזאָפען, פאר קריטיקער, פאר שטערנזעהער און זאָגאר פאר דייטשע „יהודים“.

אין די „אינטעליגענטע“ קאפע־הייזער פון דער „איסט סייד“ קענט איהר זעהר אָפט בעגעגענען א מאָן מיט אַ קורצען שטערן, מיט א סך רייד און מיט ווינציג לאָגיק. ער פינטעלט שנעל מיט די אויגען און לעזט לאנגזאם די אידישע בלעטער. ער טראָגט „פאוסט“ אין בוזים־קעשענע, שילער אין ארבעל און ספּענסער אין א סעטשעל. ער האָט אלעס געלעזען און האָט קיין זאך ניט פערשטאנען. ווען די גלייכסטע זאך קומט אריין ביי איהם אין מח מוז זיך דאָס פערקרימען, ווייל ער האָט ניט קיין גלייכען שכל. ער איז אַ קריטיקער, אָבער זיין קריטיק איז אונבעשטענדיג ווי דער ווינד, וואָס ער וועט היינט לויבען וועט ער מאָרגען ווארפען אָן דר'ערד. איהר וועט איהם ווייזען אן ארטיקעל איבער מציצה וועט ער אייך דערצעהלען אז „דאָס האָט שוין געטהע געזאָגט“, וועט איהר איהם ווייזען אַ קריטיק אויף עליות — האָט דאָס שוין „שילער געזאָגט“, וועט איהר איהם לעזען אַ גערדיכט איבער מצה שמורה, האָט דאָס שוין „קלאָפּשטאָק געזאָגט“, וועט איהר איהם ווייזען א וויץ איבער העסטער סטריט — האָט דאָס שוין היינע

געזאָגט; מיט איין וואָרט איהר קענט איהם מיט קיין זאַך ניט איבערראַשען.

וואָס פּרינציפּען אַנבעטרעפט איז ער וואָס איהר ווילט נאָר הערען און גערענקען: אַנארכיסט, סאָציאַליסט, קאָמוניסט, אינ־דיווידואַליסט, דעבסיסט, דעליאָניסט, רעפּובליקאַנער, דעמאָקראַט, אָרטהאָדאָקס, רעפאָרמער, חובב ציון, הערצעליסט, אחד העם׳יסט, סינגעל טעקסער א. ז. וו. א. ז. וו. ביז אין „השחר" אריין, ביז אין דעם „זוהר הקדוש", ביז אין „קב הישר", ביז אין סאַמע „נופת צופים" אריין...

וואָס עסטהעטיק אַנבעטרעפט איז ער א י י ן עסטהעטיקער. ער רעדט פון מאַנירען און קראַצט זיך אונטער׳ן קאָלנער, ער דערצעהלט אייך פון זויבערקייט און טראָגט א שווארצען קאָלנער און א זעהר אונעסטהעטישער אָרט פון זיינעם א בגד איז קיינמאָל ניט צוגעשפּילעט. דער דאָזיגער איד האָט פּרעטענזיעס צו אידען, ער פאָדערט אַנערקענונג און איז אין כעס ווען מען וויל דאָס איהם ניט געבען. ווען איהר בעטראַכט אָט דעם אידען גוט און איהר זייט איהם ריכטיג תופס, פערשטעהט איהר דאַן, אז איהר זעהט פיר זיך א — א וואָס?

א לעבעדיגע, שווערע קללה,
א גרויסער קרבן פון השכלה,
א בריאה פון א קראַנקער אומה,
א טויטער גייסט וואָס האָט קיין תקומה...

א ליובטער איד מיט גריגע דעות,
וואָס האָט א מאָל געטראָגען פּאות
און טראָגט אַצינד די שווערסטע ביכער
און ווייס קיין איינעם ניט אויף זיכער.

פון צייט צו צייט ערשיינט אין דער איסט סייד א איד פון

אפטאון. אמאל האט ער געפעדעלט, יעצט מאנופעקטשורט ער. אמאל האט ער ניט געקענט קיין לשון קודש און יעצט קען ער ניט קיין ענגליש. אמאל האט ער גערעדט אויסגעצייכענט ליטוויש, יעצט צוברעכט ער זיך די צייהנער מיט דייטש. אמאל האט ער דערקענט א לאנדסמאן און יעצט קען ער ניט לעזען קיין זשארגאן... ער רעדט נאר אידיש ווען עס „דרייען" איהם „די שנים" און ווען ער דארף שילטען די „אידענע". דאך ווייל ער קען קיין זאך ניט, קען ער אלץ און קומט אין דער „איסט סייד" זיך בלאזען און מאהנען כבוד. ביי די דייטשע אידען איז ער א פאלאק, ביי די פוילישע אידען איז ער א ליטוואק, ביי די ליטווישע אידען איז ער אן אמעריקאנער און ביי די אמעריקאנער איז ער א גרינהארן. און ווייסט איהר וואס ער איז אין אמת'ן ?... וואס ? א...

אן אפטאונער, רייכער איד,
א פערגלעטער, פוסטער „שמערע",
וועלכער קומט אין העסטער סטריט
ביי די גרינע זוכען עהרע.
איז קיין שבת און קיין חודש, —
סתם א פראסטער אין־דער־וואכען,
און ער האלט זיך כולו קודש,
ווייל זיין ווייב האט וואס צו קאכען.

II.

אידעלע, גיב געלד. — בעשעפעניסען פון גלות. — די פרעמדע וועלט און די אייגענע. — אויף חתונות און אויף ברית'ן. — ליטעראַרישע פסיכאָ־פאטען. — „יאכנע" און די פושקע גרעבלער. — אונז פעהלט קריטיק.

צו קיין אומה ולשון האט מען ניט אזוי פיעל פרעטענזיעס ווי צו אונז אידען. די גאנצע וועלט האט צו אונז תביעות און טענות.

דעם געפעהלט ניט אונזער נאז, דעם אונזער לשון, דעם אונזער מנהג, דעם אונזער דיינקען און דעם אונזער גלויבען. פאר דעם זיינען מיר א רעטענים און פאר דעם זיינען מיר צופיעל אפען, פאר דעם זיינען מיר צופיעל פארטגעשריטען און פאר דעם זיינען מיר צופיעל פון הינטען, מיט איין ווארט — מען האט צו אונז פרעטענזיעס!

די שלעכטע און פערדארבענע וועלט שטעלט זיך אבער ניט צופריעדען מיט די טענות אליין, זי האט מורא טאמער פערשטעהען מיר איהר ניט, שלאגט זי אונז איהרע ארגומענטען אין קאפ אריין... — נא דיר! זאגט זי, און פערשטעה וואס איך מיין. ווען דו ווילסט איך זאל אויפהערען צו האבען פרעטענזיעס, טא גיעב געלד! גיעב, גיעב, וועסטו מיר געפעלען ווערען. דעק צו דיינע „פעהלערען“ מיט א פליאסטער פון גאלד וועל איך ניט פרעגען קיין קשיות...

און מיר גיעבען, א ברירה האבען מיר! מיר גיעבעןביידע זאכען: אי בלוט, אי געלד, אבער די פרעטענזיעס בלייבען די אייגענע.

דאך וואס קענען מיר האבען צו דער וועלט פאר איהר רשעות? זי איז, זאגט זי, אונזערע קיין מחותנת'טע און איז ניט מחויב צו ליידען אונזערע „חסרונות“. מיר האבען עפעס א מאל יא געהאט א שטיקעלע חזקה, זאגט זי, נאר מיר האבען דאס שוין לאנג אנגעווארען און יעצט וויל זי אונז מעהר ניט דולדען... יא, וואס קענען מיר האבען צו דער פרעמדער וועלט, ווען מיר ליידען נאך צעהן מאל מעהר אין אונזער אייגענער וועלטעל, פון אייגענע חברה, וואס קומען צו אונז מיט פרעטענזיעס און מאהנען און רייסען די פאלעס.

מיר האבען אין אונזער מיטען א חברה, וואס געהט ארום מיט שטענדיגע טענות און תביעות און איז ברוגז, און סטראשעט, און זידעלט, און בייזערט זיך. אט די חברה לייט שרייען אויף, אז מיר

טויגען ניט, אז אידען זיינען קיין פאָלק, אז ביי גוים וואָלט מען זיי בעסער בעהאַנדעלט, אז מען וואָלט זיי ממש ארומגעטראָגען אויף די הענד און אָבגעשאָטען מיט רענדלאך. זיי שרייען אויך: „גיעב, גיעב, יאַנקעלע, וועסטו זיין א כשר'ער, א פיינער, א טהייערער איד"... אָט די דאָזיגע פּאַראַזיטען זיינען א ו נ ז ע ר ע. זיי זויגען ניט דאָס בלוט פון אַנדערע פעלקער, עס איז א ליגען. דער אַנטיסע־מיט איז א געמיינער שקרן ווען ער בעהויפּטעט דאָס. אָט די חברה האָבען פיינד גוי'שע בלוט, עס איז טריפה... זיי האָבען ליעב צו זויגען דעם אידישען קערפּער, צו טאָטשען דעם אידישען גוף, צו ציהען דעם מאַרך פון דער אומה הישראלית און אַריינלאָזען זייערע קרומע, שפּיציגע צייהן אין דער אויסגעשטרעקטער האַלז פון דער „שה פזורה".

אין אונזערע אַמעריקאַנער „איסט סיידס" געפינען זיך טיפען, פערזעהעניסען, וואָס דער גלות האָט אונז געבאָרען אויף דעם שוואַרצען בראָכשטוהל פון אונזער עלענדקייט. מיר האָבען געהאַט אָט די דאָזיגע ברואים אין דער אַלטער וועלט. זיי האָבען פערביטערט אונזער לעבען אין ליטע, פּוילען, גאַליציען און רומעניען און ווען די „שוואַרצע האַנד" פון דער צייט האָט אונז אַריבערגעשליידערט פון דער זייט ים, האָט זי אונז נאָכגעוואָרפען די דאָזיגע נפשות.

מיר האָבען דאָ אידען, וואָס בונטעווען זיך אויף כל ישראל און שלעפּען זיך אַרום מיט „גימפּעלס פּרעטענזיעס", פּונקט ווי אָהן זיי וואָלט ניט געווען דער נס פון יציאת מצרים, און ווי אָהן זיי וואָלט די „כנסת ישראל" געוואָרען באַנקראָט.

דאָ און דאָרט טרעפט איהר זיך א אידען אין א לאַנגען „פּרינץ אַלבערט", א הויכען קאַפּעלוש און א ווייסען שניפּס. פרעגט איהם, וואָס טהוט ער, וואָס וויל ער, וואָס וויים ער, וועמען זוכט ער — וועט ער אייך קיין תירוץ ניט געפינען. ער האָט עפּעס א מאָל דורך

א צופאל א קוק געטהאָן אויף א גמרא, א שמעק געטהאָן א מדרש, א לעק געטהאָן א זוהר, א טאפּ געטהאָן א ילקוט, האָט קיין זאך ניט פערשטאנען, קיין זאך ניט געזוכט צו פערשטעהן און איז זיך אזוי סתם אין דער וועלט א איד א למדן, וואָס לעהרנען קען ער ניט, ארבייטען פּאסט איהם ניט, זיך ניצליך מאכען וויל ער ניט, ער איז, — וואָס איז ער?

א איד, וואָס קען גיסען
אויף חתונות און ברית'ן,
א זאָגער, א זינגער,
וואָס זוכט נאָר די קלינגער
אָהן חרפּה, אָהן בושה, —
וואָס שטעקט אוים א פּיסעל
און רוקט זיך צום שיסעל,
און פאָרדערט ירושה.

דאָ און דאָרט טרעפט איהר א פּוסטע כלי אָהן בילדונג, אָהן טאלאנט. ער האָט געהאט אמאָל דאָס גליק אָדער דאָס אונגליק, אז זיינער א „מאמר“, א „שיר“ אָדער א „סאָטשינעניע“ ניט דאָ געדאכט זאָל ערגעץ וואו געדרוקט ווערען אין א צייטונג על פּי טעות און דאָס האָט איהם שוין געמאכט פאר א ליטעראט, א שרייבער, וואָס שרייבען קען ער ניט, קיין קריטיק פערטראָגט ער ניט, קיין שכל פערמאָגט ער ניט. ער איז, — וואָס איז ער?

א ליטעראַרישער פּסיכאָפּאַט,
א זשוק וואָס קריכט פון בלאַט צו בלאַט....
אַט איז ער דאָרט, אַט איז ער דאָ,
און גיעבט אייך קיין מנוחה שעה.
און בייזערט זיך און איז אין כעס,
וואָס קיינער קויפט ניט זיין משוגעת.

דאָ און דאָרט טרעפט איהר אָן אַ בריה מיט אָן איינגעבוי־
גענעם קאַפּעלוש, פון אונטער וועלכען עס שיינט ארוים אַ פּעטע,
אַ גלאַנציגע יארמולקע. זיין באָרד איז צוכראַשטשעט און פּערלעגט
אין קאָלטענעס, פון בוזעם שטעקט ארוים אַ פּאַטשיילקע וואָס איז
אין ערשטען גלגול געווען, דאַכט זיך, אַ רויטע. זיינע שיך זיינען
שמוציג, איין הויז אונטערגעקאשערט און איינע אריבערגעלאָזען. ער
געהט איבער'ן גאַס מיט אַ סעטשעל אין האַנד און ביכער אונטער'ן
אָרים. קומט אריין ביי אייך אָהן אַ גוט מאָרגען און נעהמט אַ שטוהל
אָהן אַ שאלה. שטעלט זיך ארויף אויף איהם ווי אַ גאַנצער בעל
הבית. עפענט אויף זיינע „כלים", נעהמט ארוים אַ בלעכענע פּושקע,
שלאָגט איהר צו צום וואַנט און דערצעהלט אייער „יאַכנען", אַז
זי זאָל דאָרט אריינלייגען, וואָרום ער וועט קומען „ארויסנעהמען".
ניט אייער יאַכנע דערצעהלט אייך, ניט איהר ווייסט וואָס דאָס איז,
ניט איהר ווייסט ווען דאָס איז, ניט איהר ווייסט צו וואָס דאָס איז
און ניט איהר ווייסט פיר ועמען דאָס איז. דאָס איז גאָר פּשוט
געקומען אַ מין „בן יקיר", אַ שלישי'ניק, אַ ששי'ניק, מיט אַ פּוריע
מיט פּרעטענזיעס, פּונקט ווי ביי איהם אין פּושקע וואָלט געלעגען
די גאולה... ווי אין זיין „רויטע" פּאַטשיילקע וואָלט געווען איינגע־
בונדען דער סוד פון תחית המתים און אין זיין פערשמאָלצענע יאר־
מולקע וואָלט געווען צוגעקלעפּט דער שם המפורש.... דאָס איז
אויך אַ...

אַ בריה וואָס האָט לייכטע הענד
און משפּעט זיך אָן גלייכע ווענט....
וואָס קלאַפּט אַהין און קלאַפּט אַהער,
און הייסט אייך לייגען נאָר וואָס מעהר.
ער קלאַפּט, און נעהמט, און צעהלט, און געהט,
און די איבריגע פערשטעהט...

צעהנדליגע אזעלכע טיפּען קענט איהר געפינען אין אונזערע

„איסט סיידס״. דאָס זיינען פּאַראַזיטען, וואָס ווילען לעבען אויף דעם חשבון פון דעם כלל. דאָס זיינען ברואים געבאָרען אין גלות־מיסט. ביי אַנדערע פעלקער קענען זיך אַזעלכע בעשעפעניסען ניט ערציהען. ביי פעלקער, וואָס האָבען אַ היים און אַ קולטור, ווען איינער לאָזט זיך אַוועק אויף הפקר קען ער אַמווייניגסטענס קיין אַנשפּריכע ניט מאַכען. ביי אונז אָבער איז נאָך די דאָזיגע חברה פּראָמינענט. ביי מענשען וואָס בעזיצען אַ קריטיק, אַ געזונטע פאָלקס־מיינונג און האָבען צו אַלץ אַ וואָג און אַ מאָס געהט דאָס גאַנץ אַנדערש צו. ביי אונז אָבער האָט דאָס נע ונד׳קייט, דאָס אָרום שלעפען זיך געמאַכט אַזא פּערדרייעניס, אַז מיר ווייסען ניט „ווער איז ווער״.

אַך, ווי נויטיג מיר דאַרפען אַ קריטיק, וואָס זאָל ווייזען וועמעס פּרעטענזיעס צו אידען עס זיינען די גערעכטע און ווער עס וואַרפט זיך אַרויף אויפ׳ן כלל מיט חוצפה און געמיינהייט.

אונז פעהלט אַ מאָס, אונז פעהלט א וואָג,
דערפאַר איז שרעקליך אונזער פּלאָג.
אונז פעהלט אַ וואָג, אונז פעהלט אַ מאָס,
דערפאַר איז יעד׳רער בעל חבית.

חאַצקעלע משורר

דאָס איז געווען אַ איד, וואָס פלעגט האַלטען אין איין ריידען פון עשירות, פון ווערען אַ גרויסער מיליאָנער, ניט האָבענדיג קיינמאָל אַ סענט ביי דער נשמה און שנאָרענדיג דאָ אַ מיטאָג און דאָרט אַ וועטשערע.

„איך גלויב“, פלעגט ער שטענדיג זאָגען, „אין ענערגיע, אין מענשליכען פלייס, אין אונערמיעדליכע אַרבייט“. און דאָך פלעגט ער שלאָפען ביז צוועלף אַ זייגער ביי טאָג און די איבעריגע צייט פלעגט ער פערברענגען אין שרייבען זשאַרגאָנישע פּאָעזיע...

דער קאָפּ זיינער איז געווען זעהר אַ שאַרפער און אַ פלינקער. ער האָט געהאַט אַ כח אויסצוקלערען צוואַנציג פּלענער אין אַ מינוט און אויפצייגען מיט ראיות ברורות, מיט אותות ומופתים, אַז אַלע פּלענער מוזען זיך ענדיגען מיט מיליאָנען. צום שלום פון אַלע חשבונות אָבער, פלעגט ער בעטען לייהען אויף מיטאָג.

עס פלעגען זיין צייטען ווען ער פלעגט זיך אַרומטראָגען מיט אַ גליקליכען געדאַנק אַ חודש אָדער צוויי. דאַן פלעגט ער שמייכלען אַליין צו זיך און זיין פּנים פלעגט לייכטען פאַר שמחה. אין מינוטען פון אַזאַ בעגייסטערונג פלעגט ער ניט געהן, נאָר לויפען איבער'ן גאַס, זיך אָנקלאַפּען אָן זיין בעסטען בעקאַנטען און איהם ניט בעמערקען.

ווען ניט איך, וואָלט מען איהם אַמאָל געהאַט איבערגעפאָהרען אין מיטען קאַנעל סטריט.

ווען חאַצקעלע פלעגט זיך אָפּט פערטיעפען אין זיינעם אַן

איינפאַל, פלעגט ער פערגעסען וואו ער איז אין דער וועלט און פלעגט נעהמען געהן גלייך מיט די רעלסען פון די סטריט קארס.

אַט אין אַזעלכע מחשבות האָב איך איהם איינמאָל אָנגעטראָפען ווי ער איז געלאָפען און האָט געשמייכעלט און ווען ניט איך, וואָלט ער שוין לאַנג געווען א שוכן עפר, דען די פערד פון סטריט קאַר האָבען איהם שוין געהאַלטען ביין דערלאַנגען א „שלום עליכם“.

ווען איך האָב איהם א כאַפּ געטהאָן הינטען פאַר'ן קאָלנער און א שלעפּ געטהאָן אָן א זייט, איז ער גאַנץ קאַלט און געלאַסען ארויסגעפּאָהרען מיט די ווערטער:

— ווי געפעהלט דיר מיין פּלאַן ווענען חתונה האָבען מיט א נגיר'ס א מיידעל און ציהען „אפּטאון“, הא?

— דאָס געפעהלט מיר שוין זעהר גוט, האָב איך איהם געענט־פערט א קוק געבענדיג אויף זיינע ברוגז'דיגע שיך, וואָס האָבען געקרימט די נעזער אויף אמעריקא.

— אַזוי, געפעהלט עס דיר יאָ! האָט ער אויסגערופען בעגייסטערט.

— אויב מיר געפעהלט איז קיין קשיה ניט. האָב איך איהם געענטפערט איראָניש. די פראַגע איז נאָר ווי געפעהלט עס ד אַ ר ט ע ן?

— פערלאָז דיך אויף מיר, עס וועט שוין רעכט ווערען, האָט ער מיר האַסטיג אונטערגעכאַפּט. פערגעס ניט פון דעסטוועגען אז איך בין —

— א קבצן, במחילה, האָב איך אונטערגעכאַפּט.

— א שרייבער, האָט ער געזאָגט.

— אין זשאַרגאָן, האָב איך צוגעזעצט.

— א איד וואָס האָט א נאָמען, האָט ער געשריען.

— פאַר א שנאָרער, האָב איך געענדיגט.

— הערסטו, חכם! האט ער געמאכט א מינע ווי ער וואלט מיר געכאפט ביי א גרייז, דערפאר איז דאך מיין פלאן, איך זאל חתונה האבען מיט א רייכע מיידעל און „מופען" אפטאון. און ער האט געזוכט מיט אלע כחות מיר צו בעווייזען ווי גערעכט ער איז.

ווען איך האב איהם ענדליך א פרעג געטהאן ווער דער אפּ־טאונער גביר איז, פון וואנען ער קען זיין מיידעל, און ווער עס רעדט איהם דעם שדוך, האט ער מיך אנגעקוקט ווי מען קוקט אן א משוגענעם.

— וועלכער גביר? וועלכע מיידעל, וועלכער שידוך, וואס ביסטו משוגע? האט ער מיר פערוואונדערט געפרעגט און אנגע־קוקט ווי א מטורף. דערווייליגע איז דאך נאך גאר ניט מיט גאר ניט. דאס איז דאך בלויז איינער פון מיינע פלענער און אז דער פלאן איז ניט קיין שלעכטער דאס וועסטו מודה זיין. הא, ווי מיינסטו?

— ווי זאל איך מיינען? האב איך איהם געענטפערט, און האב אויפגעהויבען די אויגען צו זיין אבגעקראכענעם קאפעלוש און געוואונשען „מזל טוב". א מטורף בלייבט א מטורף, האב איך ביי זיך געטראכט.

איך האב אבער באלד חרטה געהאט, ער איז בלויז אן אונ־גליקליכער אידישער טאלאנט... ניין, ער איז ניט קיין מטורף! ער איז א אידישער טאלאנט, האב איך ביי זיך געטראכט, ווען איך בין אוועק פון איהם. ער איז שטאלץ אויף זיין קונסט, ער מיינט אז אימיצער דארף איהם דא האבען, אדער אז אימיצער קימערט זיך אום איהם...

אין גרונט גענומען, דארפט איהר וויסען, איז חאצקעלע ניט געווען קיין משוגענער, ער איז בלויז געווען א טרוימער, א פאנ־טאסט, ביי וועמען די פאנטאזיע האט א ביסעלע איבערגעכאפט די מאס און די פאעזיע האט א קאפיטשקע צוגעהונקען...

ער איז ניט שולדיג געווען, זיין חשבון מיט וועלכען ער איז

ארויסגעפֿאָהרען פון דער ליטע איז שוין גאָר געווען א גוטער: אזוי ווי אמעריקא איז א טרוקענע מדינה, וואָס האָט ניט קיין לעק פֿאָעזיע אויף א רפואה און אזוי ווי אלע גרויסע משוררים זיינען אידען און אלע אידען זיינען שטיקלעך משוררים... און אזוי ווי דאָס רוב אידען זיינען נאָך פון דעסטוועגען געבליבען אין דער ליטע, וועט מען איהם דאָ אויפכאפּען מיט ביידע הענד. צום סוף האָט זיך דאָס גאָר אויסגעלאָזען קאַפּויר. דען די זשארגאָנישע ליטעראטור אין אמעריקא האָט מעהר פֿאָעטען ווי גראַמען און מעהר „משכילים" ווי בלאַטע...

ער האָט באלד אויסגעפונען, אז מען צאָהלט דאָ א שרייבער ניט פון וואָרט, ניט פון שורה, ניט פון אַרטיקעל, נאָר פון טינטער... און דער שווארץ יאָהר ווייס, זיי האָבען דאָ אזעלכע גרויסע טינ־טערס אין אמעריקא!... ער איז נאָך זאַגאַר געווען שטאָלץ אויף זיינע אידישע שרייבעריי, אָבער אין הארצען האָט ער געפּיהלט אז זיין איינציגע ישועה ליעגט אפּטאָון צווישען די יהודים... ער האָט געלייענט אין די אידישע בלעטער אז רייכע מוידען פערליעבען זיך אָפּט אין אַן אָרעמען בחור. האָט ער גענומען טרוימען פון א „מאָיד מיט פּיסקעס" אונטערגעשלאָגען מיט א באַנק ביכעל. ער האָט נאָך גערעדט פון פֿאָעזיע, אָבער זיין קוק איז געווען „ביזנעס", דאָך אזוי ווי חאַצקעלע איז ניט געווען קיין געבאָרענער ביזנעסמאַן פלעגט ער נאָר בלייבען ביי זיינע אויסגעצייכענטע פּלענער.

מאַך מיט איינעם וואָס איז ניט קיין געשעפטסמאַן! ער איז פּאָרט א פּאָעט! געה, פערשפּאַר דעם ים מיט א שפּענדעל, נעהם אריין דעם בארג סיני אין א קוגעל טעפּעל אָדער דעם לויתן אין א אייער גלעזיל; דאָס זיינען זאכען, וואָס לאָזען זיך ניט. חאַצקעלע איז דאָך בערופען צו עטוואָס אנדערעס, העכערעס און גרעסערעס, זיין אָרט איז פּאָרט ניט אין די ניעדעריגע מקומות... דאָס קינסט־

לער אויג זוכט זיך אויף עפעס אפצושטעלען, אויף עפעס שענעס, ערהאבענעס.

און וואס זעהט מען אין דער „איסט סייד“? זאל מען דאס זעהן אויף שונאים!

היינט סתם גנה שרייב מיר פאעזיע זיצענדיג אין ארטשארד סטריט אויף א זעקסטען עטאזש, קוקענדיג אויף א פערשלומפערטע בעל הבית'טע מיט איהר דוצענד נאקעטע פופקעס! חאצקעלעס פאעזיע האט טאקע דערפאר נעבאך דעם גאנצען טעם פערלארען — און מען האט איהם אומעטום אנגעהויבען צו בעטראכטען פאר א מטורף און ווער עס פלעגט איהם אנטרעפען פלעגט איהם פרעגען פארוואס ער ניצעוועט ניט איבער זיין מוזע. דאס האט נאך מעהר צורייצט זיין כעס אויף דער „איסט סייד“ און דער איסט־בראד־ווייער „אינטעליגענץ“, אויף צופוקענים האט ער אנגעהויבען שפא־ציערען אפטאון, אמאל אויף אן אמת און אמאל אין געדאנקען, ער פלעגט זיך קויפען א טארבעצקע ניסלאך און אוועקגעהן קנאקענדיג ביז סענטראל פארק.

שפאציערענדיג אמאל דורך דער פינפטער עוועניו פלעגט ער זיך פערליעבען אין א רייכע שענהייט און פלעגט נעהמען מאכען פלענער ווי צו ווערען איהר חתן, גלויבענדיג אז ער דארף ניט זיין געפאלען כאטש זי איז ערהויבען.

אט דאס איז אין קורצען חאצקעלע משורר, איינער פון די פיעלע בעטראגענע, וואס האבען זיך געבראכט צוטראגען אין דער „איסט סייד“. איהר זעהט איהם זעהר אפט, אבוואהל ער זעהט אייך זעלטען, און איהר בעדויערט איהם, אבוואחל ער לאכט פון אייך...

נסיעות אין אידישען קווארטאל

ערשטער קאַפּיטעל.

אכּח אויף גאַנץ אַמעריקאַ און גאַנץ בערדיטשעוו זיי זאָלען זיך קענען פערגלייכען מיט אונזער „איסט סייד“ אין יענקי־שאַפט אָדער אידישקייט, דען אין די ערב שבת'ן און ערב יום טוב'ען איז זי בערידטשעוו'ער ווי בערדיטשעוו און אין די ערב עלעקשענס איז זי ניו־יאָרקישער ווי ניו־יאָרק.

ווען משה רבינו און וואַשינגטאָן זאָלען פּלוצלינג אַראָבפּאַלען אויף ראָטגערס סקוועד, וואָלטען זיי זיךביידע דערפריידט: איינער וואָלט געקוואָלען פון די פרומקייט פון ראָטגערס סקווער פּאַנטאָן, וועלכער ווערט אויסגעטריקענט אַלע ערב שבת און ערב יום טוב און מאָנטאַג און דאָנערשטאַג און ווארט נאָר מען זאָל איהם אָנטהאָן אַ יארמולקע מיט אַ טלית קטן, — און דער צווייטער וואָלט אָנגעקוואָלען פון אונזערע אידישע צייטונגס ארויסגעבער, וואָס האָבען דאָ געבראַכט אַזוי ווייט אין פּאָליטיקס, אַז זיי פערקויפען איין בלאַט צו דריי פּאַרטייען און האָבען נאָך גענוג פּלאַץ און חוצפה צו פּרעדיגען עהרליכקייט.

דער אידישער קוואַרטאַל איז די עלעקשאָן־פּאַבריק פון ניו־יאָרק. דאָ ווערען פאַבריצירט רעדנער, רעדעס, „קאַמפּיין ליטע־ראטור“ און זאָגאר בירגער... כאָטש די אמת'ע נוצען פון די וואהלען, פון אַ ל ע וואהלען, שטאָדטישע אָדער נאַציאָנאַלע, האָבען די מיליאָנשטשיקעס פון די עלעגאַנטע גאַסען, דאָך די ארבייט ווערט געמאַכט פּונקט ווי העמדלאַך, „הויזלאַך“ אָדער „קעפּס“

אין דער „איסט סייד“. דאָ געפינען זיך די ריכטיגע „בעלי מלאכות“, וואָס מאַכען דאָס גוט און ביליג...

א גוי'אישען נייסטליכען, ליטעראט אָדער פערלעגער מוז מען דערלאַנגען די ריכטיגע מטבע, עשיו האָט ליעב צו נעהמען מתנות, א אידישען רב'ל אָבער קויפט איהר פאר א דאָלאר מיט א פערטעל, א אידישען ש ר י י ב ע ר פאַר א „פינפעריל“ און א אידישע צייטונג פערקויפט זיך אויף פערשיעדענע אופנים. איהר קענט ביי איהר האַנדלען דעם פאָרענט אָדער דעם הינטען, זי וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען און אַלץ אין גלייכען געלד...

דער אידישער קוואַרטאַל איז געוואָרען די „עסע־בעט“ (הסב־בעט) פון אַמעריקאַ'ס פּאָליטישען סדר, און ביי מאַקס דעם פּרעסער אונטער'ן מאַטראַץ ליעגט דער שליסעל פון דער פּאָליטישער גאולה. א בעוויז דערצו האָט איהר, אַז א גרויסער גוי און נאָך א גרע־סערער ליגנער וואָהנט אין שכנות ביי אַן אַלטען שמש און געהט אַרום אויף אַלע אידישע ברית מילה'ס זוכען שטימען און אויף ברית'ן קען ער זיי טאַקע קריגען אויך...

באַלד וועלען מן הסתם א שען ביסעל אײרישע גוים ווערען מיטגליעדער אין בית המדרש הגדול, איינער וועט זיך נעהמען נאָכ־זעהן די אידישקייט אין דער איסט סייד און א צווייטער וועט וואַהרשיינליך אַריינציהען אין פּאָליש פון א בית הכנסת, וואו ער וועט עפענען א ספּעציעלע וועשעריי, א „לאָנדרי“ פאר מלמד'שע נאָז־טיכלאַך כדי די בעלי בתים זאָלען איהם עלעקטען אויף א צווייטען טערמין.

אונזער מיסט באַרל.

עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס איך האָב זיך אַרויס־געלאָזט אין עלעקשאָן צייט איבער'ן אידישען קוואַרטאַל „צו זעהן

וואָס עס הערט זיך". א פרייטאָג איז דאָס געווען, א איבער סייד פרייטאָג פארנאכט ווען די אידישע שכונה איז סיי ווי סיי אינ־טערעסאנט אפילו אָהן די עלעקשאָנס. מיין כונה איז געווען צו בעטראכטען דעם גרויסען פּאָליטישען מיטינג, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען פרייטאָג צו נאכט, טאקע אויף ראטגערס סקווער, אויף'ן רעכטען שפּיץ אידישקייט פון דער נייער וועלט. עס איז נאָך אָבער געווען לאנג צו ווארטען, און איך בין דערווייל געגאנגען בעטראכ־טען דעם אידישען מארק.

געהענדיג דורך א שענע אידישע גאס האָבען מיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט דריי מיסט בארלס (פעסלאך בלע"ז) נעבען א ספרים סטאָר, וואָס זיינען געשטאנען אין דער אָרדנונג פון א „סגל" אויף'ן מיטען טראָטואר. אינטערעסאנט איז געווען די מיטעלסטע בארל, וועלכע איז געשטאנען אָנגעלעגט פול, געהויפט מיט א „וועדך" כמעט מיט א קרוינדעל, און האָט זיך גע'חן'עווט פאר די אנדערע צוויי. און האָט זיך טאקע געהאט מיט וואָס איבערצונעה־מען; זי איז געווען א אידיש בארל, פול מיט אידישקייט פון כל המינים.

כאָטש עס איז שוין געווען צוויי וואָכען נאָך אלע ימים טובים, דאָך זיינען נאָך אין בארל געלעגען לשנה טובה קארטען, שמות פון סליחות, תפלה זכה'ס, מחזורים, רינגעלאך פון לולבים, לויזע ריטלאך פון הדסים און געבונדענע הושענות. אין מיטען האָבען זיך געפלאָנטערט ציצית, „ליעדער" פון אידישע „קאָנצערט הייזער", שמחת תורה'דיגע פאָהנעס, פסל'ע מזוזות, די עץ חיים'לעך פון א קליינע פּאפּיערענע ספר תורה'לע האָבען ארויסגעשטעקט דורך „די שענע נקבה", א פּאָדערבלאט פון א איבערראשענדען ראָמאַן אין אייביגע פאָרטזעצונגען... דאָס איז אלץ געווען אינוועניג, אויף'ן בארל אָבער פון דרויסען, איז געווען אָנגעקלעפּט א פּאָלי־טישער צירקולאר, מיט א הכשר, וואָס האָט זיך געלעזען בזה הלשון:

„קומט היינט נאָך קידעש (קידוש) אויפ'ן קאָרנער ראַטגערס סטריט. דער גרעסטער אידען פריינד וועט ריידען. ער איז טאַקע אַליין אַן איירישער אָבער א קאַפּאָרע (כפרה) אַנדערע אידישע קאַנדידאטס פאר דעם יאיקעל. קומט נאָך קידעש רעווערענד ראבבי פּיקעראָוויץ וועט ריידען וועגען שאַבעס (שבת) און עלעקשאָן".

איך האָב געהאַלטען שטארק פערמאכט די נאָז נעבען באָרל, אָבער דעם צירקולאר האָב איך איבערגעלייענט מיט אַלע זיינע גרייזען אהין און צוריק מיט א תשר"ק. דאָס איז געווען די אינטע־רעסאַנטעסטע מיסט באָרל, וואָס איך האָב אין מיין לעבען געזעהן, עס איז אין איהר געווען קאָנדענסירט די גאַנצע אַמעריקאַנער אידישקייט, ליטעראַטור און פּאָליטיק...

א וועגעלע מיט „גאָר ניט".

פון דאָרט האָב איך זיך אריינגעשניטען אין קאַנעל סטריט. דער זייגער איז געווען ארום דריי נאָך האַלבען טאָג. עס איז געווען א גרויסע מישענים און קאָכענים. אידען האָבען געמאכט פער־שיעדענע געשעפטען אויפ'ן מיטען גאַס. מען האָט געבאַקט קאַרטאָ־פּעל, געפּרעגעלט פּאַמפּושקעס, געזויערט אוגערקעס, געמאכט מאַרמאַלאַד, זיך געבראָכען, געשפּיעלט קאַטערינקעס, געצויגען גורלות, געפּרופט מזל דורך געלערענטע ווייסע מייזלעך און קליינע פּאַפּוגייען, מען האָט געשניטען בראָדעווקעס, פערקויפט ליעדער פון אידישען טהעאַטער, קינדערשע גאָווער־פּאַרטיכלעך, ווייבערשע אונטעררעק און „יום טוב בלעטער"...

אין מיטען פון אָט דעם טומעל און גערויש איז געשטאַנען א פּעדלער, אַן עלטערער איד, מיט א שטופּ־וועגעלע „גאָר ניט". ער האָט שוין מן הסתם געהאַט אויספערקויפט זיין ביסעל סחורה. ביי

א ברעג וועגעלע זיינען נאָך געלעגען עטליכע פערפוילטע בארנעס, אָבער דאָס האָט ער משמעות בעהאַלטען פאַר זיך אויף שבת, און ווען אימיצער האָט געוואָלט צוגעהן צו זיין וועגעלע, פלעגט ער שוין א געשריי טהאָן: „גאָר ניט, גאָר ניט! געהט, געהט, גאָר ניט!"

ער איז נאָך אָבער געווען פאַר מיטאָג עסען. זיין ווייב איז געקומען און האָט איהם געבראַכט, צוגעדעקט אין א טעלער, הייסע פיש — געווים פון די וואָס זי האָט געמאַכט לכבוד שבת. דער פעדלער האָט אָבגעדעקט זיין מיטאָג, די פאַרע פון די הייסע פיש האָט זיך געטראָגען אין דער הויך, פונקט ווי דאָס וועגעלע וואָלט געוויכערט א ליולקע... ער האָט זיך געוואָלט א וואָרף טהאָן צו די פיש און זיי פשוט איינשלינגען, ווען עס איז האַסטיג אויסגעוואַקסען ווי פון דר'ערד ארוים א גרינע אידענע מיט א נאַאיווע שאלה, קייענדיג א הייסע געבאַקטע קאַרטאָפעל:

— מישטער, ווי טייער פערקויפט איהר הייסע פיש?

דער הונגעריגער פעדלער איז געוואָרען א צומישטער און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פאַר כעס און איבעררראַשונג, אויפעסען די פיש אָדער די אידענע. איך האָב זיך שטאַרק פאַר־נאַנדערגעלאַכט און בין אוועק, בעטענדיג ביי גאָט איך זאָל קיינמאָל ניט דאַרפען זיין קיין גרינע אידענע...

אין העסטער סטריט־פאַרק.

איך האָב א קוק געטהאָן אויף'ן זייגער, עס איז נאָך אַלץ געווען צו פריה פאַר דער פּאָליטישער פערזאַמלונג און איך בין דערוויילע אריין אין העסטער סטריט־פאַרק. דאָס איז דער בעוואוסטער פאַרק, וואו עס וואַקסען מעהר יונגאַטשעס ווי בוימער, און וועלכער פּאַסט זיך ריכטיג צו זיין שכן, דעם ראָטגערס סקווער פאַנטאַן, איינער

האָט ניט קיין וואַסער, דער אַנדערער — קיין גראָז. פון דעסטוועגן האָבןביידע געגוג בעזוכער, עפּעס קומען דאָרט אידען אַזוי ווי אויף קבר אבות, אויף אַלטע, הייליגע קברים. זעלטען ווער עס געדענקט נאָך, אַז מיט יאָהרען צוריק פלעגען אידישע ווייבער וואַשען ווינדלעך אין פאַנטאַן און דער איסט־סייד באָק פלעגט דאָרט קומען טרינקען. דאַן האָבען נאָך אידען הנאה געהאַט פון דעם פאַנטאַן. אפילו שמוציגע וואַסער, אָבער אידישע... יעצט איז דאָס אין גאַנצען אויסגעטריקענט. דאָס זעלבע איז מיט העסטער סטריט־פּאַרק. ווען ניט די „גרינע" וואָס מען זעהט דאָרט שטענדיג, וואָלט מען נאָר ניט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ גאָרטען...

לויט ווי עס שיינט אָבער האַלטען זיך די זאַכען אין וועקסלען. אויף'ן פאַנטאַן פאַנגט שוין אָן צו וואַקסען גראָז, מאָך און שוועמ־לעך, און אין העסטער סטריט־פּאַרק וועט מען באַלד פאָהרען מיט שיפלעך. אידען בייטען זיך אין אַמעריקאַ און מיט זיי בייטען זיך זייערע אינסטיטושענס. — אויב דאָס וועט אַלץ אַזוי אַרבייטען כסדר וועלען מיר נאָך אפשר זוכה זיין צו האָבען אויף'ן אָרט פון אַלטען אידישען טהעאַטער אַן אָרענטליכע, לייטישע מענעזשערי מיט בכבוד'ע חיות, וואו מען וועט טאַקע קענען זעהן מאַנקים, עזעל, פערד, באַפּלאָס, חזירים, טכוירען, האָזען און פוקסען ווי זיי זיינען און ניט פערמאַסקירטע פאַר קעניגע, העלדען און גענעראַלען...

אין העסטער סטריט־פּאַרק האָט עס דערוויילע געקאָכט, גע־פרעגעלט מיט דער אידישער יוגענד, וועלכע האָט זיך געלערענט לויפען, ברעכען, וואַרפען, פייטען, שפּרינגען, קלעטערען און האָידען. אַלץ זאַכען אָהן וועלכע אַ איד בלייבט נאָר אַ איד, אָבער ניט קיין מענש. דערביי זיינען געזעסען די מלמדים פון אַט די קינדער, אַלטע, יאַדושליווע, צונויפגעדרעהטע בטלנים פון „דערהיים" און האָבען אַנגעקוקט פערביטערט זייערע תלמידים, שילטענדיג מיט טויטע קללות.

איך ווייס ניט, מיר דאכט זיך, אז די אָרימע אינגלעך זיינען נעבאך גאָר ניט שולדיג. אום צו זיין ריכטיגע אמעריקאַנער דארפען זיי אַלץ קענען. זיי דארפען זיך לערנען ב ר ע כ ע ן, ווייל „ברע־כען" איז דאָ דער ערשטער שריט צו עשירות... זיי דארפען קענען ל ו י פ ע ן, ווייל נאָר אַ ריכטיגער „לויפער" קען אין אמעריקא ווערען אַ גרויסער פּאָליטישען און קומען צו דער העכסטער מדרגה. זיי דארפען קענען ש פּ ר י נ ג ע ן, ווייל ווי אַ מאָל עס מאכט זיך שפּרינגט מען אריבער דעם גרענעץ און מען איז שוין אין קענעדע... זיי דארפען קענען וו א ר פ ע ן, ווייל נאָר אומ־ווארפענדיג יענעם קען מען אין דיעזער וועלט אליין בײַשטעהן... פ י י ט ע ן מוז מען דאָך געוויס קענען, מיט גוטען קענסטו קיין זאך ניט קריגען, ווייל דאָס לעבען איז אַ שלאַכטפעלד, אָדער איך דיר, אָדער דו מיר. קלעטערען איז אַ נויטיגע זאך, ווייל דער אויבער־שטער שטאַפּעל קומט קיינמאָל ניט ארונטער אליין צו דיר, דו מוזט אויף איהם ארויפקריכען, און טאָמער מוזטו אראָב, זאָלסטו ניט ארונטערפאַלען מיט אַ מאָל, דו דארפסט זיך קענען האַידען, זיך וויעגען, הענגען אין לופטען, די וועלט זאָל מיינען, אז דו ביסט אַ קונצענמאכער, הענגסט אין דער הויך, און צאַפּעלסט זיך פון הנאה וועגען...

מלמדים, גנוג דערצעהלט זיי צו וואָס מענשען דארפען אַ גימנאַסטיקע!

דער קאַמפּיין־פערד.

איך בין אוועק פון העסטער סטריט־פּארק און בין געגאַנגען אין אן אונבעשטימטע ריכטונג. איך האָב מיר פּערצייכענט פערשיעדענע בעמערקונגען ביז עס איז געוואָרען פינסטער, גוט

פינסטער און עס האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן אַן עולם אויף ראָטגערס סקווער. א סך פון די יונגאַטשעס, אידישע יונגאַטשעס, וואָס איך האָב פריהער געזעהן ביי דער גימנאַסטיקע, האָבען יעצט געמאַרשירט פאָראויס מיט לאַנטערנעס, פייפלעך און פייקלעך און האָבען אַלע ווײַלע אויסגעשריען דעם נאָמען פון אַ פּאָליטישען. איך האָב צווישען די „מאַרטשערס" אויך דערקענט אַ סך אַלטע געזיכטער פון מיינע אַמאָליגע שאַפּ־קאָמעראַדען, וואָס האַלטען נאָך שטענדיג אין איין „מאַרטשען" ביי די עלעקשאָנס. נאָר אַמאָל מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, געדענק איך, פלעגען זיי מאַרטשען אַליין און יעצט געהען שוין זייערע קינדער און פייפען...

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און איך האָב זיך געפונען אין מיטען פון אַ געדיכטע מאַסע מענשען, דאָס רוב גרינע, וועלכע האָבען גאָר ניט פערשטאַנען, וואָס אידען געהען דאָ טהאָן. זיי האָבען געקוקט אַלע ווײַלע אויף'ן הימעל, אפשר וועט מען מחדש זיין די לבנה, אָבער אויף להכעיס איז גראָד געווען פערוואָלקענט און עס האָט געסטראַשעט מיט רעגען. פּלוצלינג איז געוואָרען אַ געשריי: „הורראה! טרי טשירס פאָר מר. ..." קיין נאָמען האָב איך ניט געהערט, נאָר מיר האָט אַלץ געקלונגען אין אויער דער נאָמען פון „רעוורענד ראַבבי פייקערעוויץ". און דער דאָזיגער ראַבבי איז דאָס טאַקע געקומען צו פאָהרען אויף אַ וואָגען באַלד נאָך קידוש, מיט נאָך עטליכע גוים, צו האַלטען אַ רעדע איבער „שבת און עלעקשען", פּונקט ווי די אידישע מיסט־באַרל נעבען ספרים־קרעמעל האָט דאָס אָנגעזאָגט ביי טאָג.

דער וואָגען מיט די פּאַרשוינען האָט זיך אָבגעשטעלט אין צענטער פון דער מענגע. דאָס איז געווען אַ „קאַמפּיין וואָגען" אַרומגעקלעפּט מיט קאַמפּיין ליטעראַטור, געשריעבען מיט גרויסע אידישע אותיות, די גרייזען האָבען אויסגעשטאָכען די אויגען, און טאַקע אָן די גרייזען האָב איך דערקענט דעם שרייבער... אינטערע־

סאנטער ווי אלץ איז געווען דער „קאמפיין פערד“. דאָס איז געווען א א י ד י ש ע ר פ ע ר ד. א „גלות פערד“ מיט די ביינער. איך האָב דערקענט דעם פערד נאָך׳ן רעוורענד נאָך. ערב סכות האָב איך זיי ביידען געזעהן אין ריווינגטאָן סטריט ביי א וואָגען סכך און מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך זיי ביידען אָנגעטראָפען אין א קעררידזש פאָהרענדיג צו א חתונה... דער רעוורענד איז דאן, געדענק איך, געזעסען אין קעררידזש און דער פערד איז געווען איינגעשפאנט. שפעטער ווען דער קעררידזש האָט זיך אָבגעשטעלט, איז, דאכט מיר, דער רעוורענד אריין אין האָלל און דער פערד איז געבליבען אין דרויסען... אין „קאמפיין וואָגען“ זיינען זיי געווען גלייכע יחסנים. ביידע: אי פערד, אי רעוורענד זיינען געווען אין דרויסען.

קוקענדיג אויף אונזערע צוויי העלדען: אויף דעם דיקען, גראָב בייכעלדיגען דרשה׳ער און אויף דער אָרעמער אויסגעדארטער, הונגעריגער, מערידאלנער שקאפע נעבאך, האָט איך אויף איינינע מינוט פערגעסען די קאמפיין און מיר האָט אָנגעפאנגען צו ארען א פראגע: ווער איז דאָ אייגענטליך אין גלות? דער פערד אָדער דער רעוורענד? אויף ראָטגערס סקוועיר איז אָבער ניט דער פלאץ צו פילאָזאָפירען, נאָך ביי א קאמפיין מיטינג דערצו, דען באלד האָבען זיך אָנגעפאנגען די קעמפיין רעדעס. עס איז מיר אונמעגליך צו געדייקען אלץ וואָס די איירישע רעדנער האָבען געזאָגט. איבריגענס האָב איך שוין געהערט די זעלבע „ספיטשעס“ מיט א פערטעל יאָהרהונדערט צוריק. דער פערד אָבער האָט משמעות גרויס הנאה געהאט, דען ער איז געשטאנען ביים וואָגען און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ... „אפילו א אידישער פערד, אָבער ניט קיין גרינער“, האָב איך געטראכט, „אן אמעריקאניזירטער פערד“, ער וואָלט שוין באלד אליין געמעגט „לויפען“ פאר אָלדערמאן,

און ער וואָלט אפשר ג ע ל אָ פ ע ן אויך ווען ער וואָלט ניט גע־הונקען. דען אַנדערע פערד זיינען געלאָפען און עלעקטעד געוואָרען...

אויסער די רעדנער וואָס זיינען געשטאַנען אין וואָגען און „געספיטשט“ און אויסער דעם רעוורענד, איז דאָרט אויך געשטאַנען א פעסעלע ביער און ווי א רעדנער איז טרוקען געוואָרען אין האַלז, האָט ער באַלד אָבגענעצט און ווייטער גערעדט. נאָר דער אָרעמער פערד איז נעבאַך געשטאַנען א פערשאַמכטער. דער ראָטגערס סקווער פאַנטאַן איז געווען אויסגעטריקענט, אָהן א טראָפען וואסער. הערענדיג א סך בעצאָהלטע קאמפיין רעדעס, מעג מען פון זיי ווער ווייס ווי הנאה האָבען, מוז מען אַלץ מיט עפּעס פערטרינקען, ווען ניט קען מען חלש'ן...

נאָך די איירישע רעדנער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ריידען דער רעוורענד ראַבבי פייקערעוויץ. ווי ער האָט אויפגעמאַכט דאָס מויל, האָב איך געמוזט צומאַכען דעם נאָז. איך האָב איהם ניט געקענט הערען, מיר האָט זיך גערעכט, אז עס שטעהט פאר מיר יענע באַרל פון פרים־סטאָר און איך בין אַוועק פון דאָרט ווי אַן אונטערגעשאָסענער.

צווייטער קאַפּיטעל.

האָט זיך געמעגט סטאַנליי בעשרייבען זיינע רייזען אין „דונ־קעלסטען אפריקאַ“, אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט — זיין נסיעה אויפ'ן נאָרד פּאָל, סוויפט — זיינע יאַזדעס צווישען „קליינע מ'ענשעלאַך“ און משונה'דיגע ריעזען, און מענדעלע מוכר ספרים — זיינע „מסעות בנימין השלישי“ און די שלעפּענים פון „פּישקע דעם קרומען“ — זיי האָבען זיך אַלע געמעגט בעשרייבען ווייטע מקומות און זעלטענע מענשען און זאַכען, א י ך וועל אייך

דערצעהלען פון מיין רייזע אין ד ע ר ה י י ם אין אונזער א י י ג ע־נ ע ם ק ו ו א ר ט א ל.

שרייבער, קינסטלער און רייזענדע פון די אומות העולם פאָה־רען נאָך איטאַליען, נאָך די שווייץ און מאַכען א „טור“ ארום דער וועלט צו קריגען נייע איינדריקע, פרישע התפעלות פון אויסגע־כאַפּטע ערטער, ברואים און „געשעהענישען“; א אידישער מחבר אָבער געפינט פון כל טוב, טאַקע ממש פון פ ו י ג ע ל מ י ל ך אין דער אידישער גאַס. א כפרה אפריקא, אזיע, דער נאָרד פּאָל און אפילו די הרי חושך. אין דעם גרויסען, משונה'דיגען קעסעל גרוב — די איסט סייד געפינט איהר גענוג אזיאַטען, אפריקאַנער, עסקימאָסען, אינדיאַנער, ר י ע ז ע ן, און „קליינע מענשעלאַך“ נאָך מעהר ווי איהר קענט זיך פאָרשטעלען...

און עס קאָסט גאָר ניט פיעל אויך. מען דאַרף קיין סך הוצאות דאָס אַלץ צו זעהן און זיך צו פערוואונדערען... פאר א „ניקעל“ קען מען מאַכען א רייזע פון די בראָנקס נאָך ריווינג־טאָן סטריט, למשל, און מען כאַפּט שוין נייע „איינדריקע“ און „אויסדריקע“, אז מען האָט דאָס לאַנג צו געדיינקען... דאָרט איז בה"ש א אייביגע דריקעניש און שטיקעניש, וואָס קוועטשט ארויס די נשמה, דאָס ביסעל לעבען און די קאָפּ כחות, וואָס מען האָט דאָ מיטגעבראַכט פון גאַליציע, בוקאָווינע, רומעניע אָדער ליטע, כאָטש די ליטוואַקעס דריקען זיך און שטיקען זיך דאָ גאָר אין אַן אנדער נאָכבארשאַפט אונטער די ז ע ל ב י ג ע אומשטענדען און אין אַן אנדער זשאַרגאָן...

מעהר אינטערעסאַנט ווי שטענדיג איז אָבער אונזער קוואַרטאַל אין די ערב שבת'ן און ערב יום טוב'ן, ווען יונג און אַלט, מאַן און ווייב לאָזען זיך ארויס „אין גאַס“ איינהאַנדלען סחורה און אגב טאַקע זעהן, וואָס עס טהוט זיך צווישען עולם, ווי עס האַלט דער קורס ביי די „שטופּ־וועגעלאַך“, ביי די פיש און עופות, דען אזוי

ווי אידישקייט בעשטעהט יעצט מעהרסטענס פון א ק י ך־ר ע ל י־ג י א ן, דארף מען זעהן, אז דער טאפ זאל זיך קאכען און דער מאגען זאל מאהלען, ווי אין פסוק שטעהט: „שישו בני מעי“, פרייט זיך, קישקעס, מען וועט אייך אנפילען...

דערפאר איז אבער סכות דער איינציגער יום טוב, וואס איז ניט לויטער מאגען, און דער אידישער מארק האט א חוץ „שמעקע־דיגע“ פיש, אויך שמעקעדיגע אתרוגים, הדסים, הושענות, סכך, גרינע לולבים און „גרינע“ אידען, וואס באטען אריין אט די דאזיגע ארטיקלען אין „אלף השישי“. זיי זיינען דאס די „בולס“ פון דער אידישער בערזע און מאכען, אז דער מארק זאל זיך הויבען און פליהען אין הימעל אריין... און ערב סכות איז דאס טאקע געווען, ווען איך האב מיר געמאכט א רייזע אין קווארטאל צו בעטראכטען גאר פון דאס ניי די אלטע זאכען מיט מעהר פרישקייט.

די זשארגאן פון זשארגאן.

דאס איז שוין ניט דאס ערשטע מאל וואס איך האב בעזוכט אונזער שכונה מיט דעם צוועק איהר גוט צו שטודירען, אבער דאס איז קיינמאל ניט געווען ערב סכות, און עס איז שוין טאקע א שען שטיקעל צייט זייט מיין לעצטען בעזוך. עס איז דערפאר קיין וואונדער, וואס א סך זאכען, אויף וועלכע איך האב שוין א מאל ניט געוואלט קוקען, זיינען מיר אויסגעקומען ניי ווי יעצט פון דער נאדעל ארויס.

מיין וואונש איז געווען צו בעזוכען ריווינגטאן סטריט און פיט סטריט, וועלכע שטעלען פאר אין די עקסטרא מארק־טעג א זעלטענע פאנאראמא פון אידען און זאכען, א מין מענשישען

מוראשניק, א צומישענעש, א טהורם פון בבל, וואו עס טרעפען זיך צוזאמען אלע ששים רבוא זשארגאָנען פון אונזער מאַמע־לשון. ריווינגטאָן סטריט איז דער גרענעץ פון די פערשיעדענע אידישע „געהעטאָס“, וואָס שטעלען צוזאמען די גרויסע, די איינציגע געהעטאָ פון ניו יאָרק.

גאליציאנער, רומעניער, אונגארען, ליטוואקעס, בעסאראביער, בוקאָווינער, רוסישע, קאווקאזער, דייטשע יאהודים, טערקישע אידען און אידען סתם אין דער וועלט. דאָ קען א פילאָלאָג אין איין ערב שבת מאכען א פאָלשטענדיגען ווערטער־בוך פון אונזער אידישער שפראכע, וואָס זאָל טויגען אומעטום, אין טורנע, יאססי, בודאפעסט, טיפליס, מינסק, טשענסטאָכאָווע, סוכאָוואָליע, קאלוואריע און בראָנזוויל. איהר הערט דאָרט, למשל, אלע פערשיעדענע אויס־שפראכען פון די ווערטער „וואָס“, „אייך“ און „לעקאך“. איהר הערט שרייענדיג: „וואָס“, „וואָוס“, „וואועס“, „אייך“, „אך“, „ענק“, „עץ“, „לעקאך“, „לעיקאך“, „לעקך“, „לאיקאך“ און „ליקיך“. אין העסטער סטריט, ווען איהר זאָלט א סוחר אָדער אן אייער'ניצע נישט נוהג כבוד זיין, וועט איהר כאפען אייער פסק אין קאפולער ליטוויש, אין ריווינגטאָן סטריט אָבער איז מען אייך מכבד אין א מין לשון, וואָס איהר האָט אפילו אין חלום ניט געהרט. איהר וועט גאָר ניט וויסען אויב מען בענשט אייך אָדער מען שילט אייך, און איהר וועט דארפען קענען אלע לשונות פון דער וועלט צו פערשטעהען, וואָס פאר א „העכט“ אייער פיש־פעדלער איז געוועזן...

עס איז דערפאר קיין וואונדער, וואָס איך האָב אויסגעקליבען ריווינגטאָן סטריט פאר ערב סוכות, דען העסטער סטריט איז, לויט מיין מיינונג, בעסער אויף ערב יום כפור... מען קען אָבער ניט אריינפאלען אין ריווינגטאָן סטריט, ווי א יון אין סוכה, און איך האָב זיך געלאָזען אהין דורך איינע פון אונזערע בכבוד'ע גאסען.

קונסט און דקדוק.

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגען איז געווען אַ בילדער־אויסשטעלונג פון פערשיעדענע געמעלדען, „קונץ־שטיקער“, ניט קיין טאַנדעטנע חלילה, נאָר טאַקע פשוט האַנד־ארביים. דאָס ערשטע בילד אין אַ „שאָר־קיים“, אַ גלעזערנע קעסטעל, אין דרויסען, האָט פאַרגעשטעלט כפּרות־שלאָגען, ווי אַ גרינער איד האַלט אַ ווייסען האָהן איבער די קעפּ פון זיינע צוויי שוואַרץ־חנ׳עוודיגע אייניקלאך. עס איז אפילו געווען, ווי איהר ווייסט, ערב סכות, אָבער דאָס בילד האָט געטויגט אויף כפּרות אפילו אום שמחת תורה... אין פענסטער פון דער „בילדער־גאַלעריע“ איז ווייטער געשטאַנען אַ בילד פון אַ רוסישען אדוואָקאַט, וואָס האָט אויפגעטראָטען אין אַ פּראָצעס געגען פּאָגראָמשטשיקעס אין רוסלאַנד, דערביי איז געלעגען אָט אַזאַ מין צעטעלע:

„דאָס איז דאָס ריכטיגע בילד פון דעם קריסטליכען אדוואָקאַט אין 2 „פּאָזישען“, וועלכער געהט אין סיביר“.

איך האָב מעהר ניט געקוקט. האָבענדיג די ערשטע פּראָבקע פון קונסט און דקדוק, בין איך געגאַנגען ווייטער.

אַ צווילינג שוהלכלאַך.

איך האָב זיך פערדרעהט אַ ביסעל אָן אַ זייט און האָב זיך פּלוצלונג אָנגעשלאָגען אָן אַ צווילינג שוהלכלאַך. דאָס זיינען צוויי־שטאָקיגע, אַלטע, געבריכטע הייזלעך וואָס שטעהען שוין איינע נעבען די אַנדערע זייט יאָהרען בתמימות, ווי צוויי אַלטע דרדקי מלמדים אין בית המדרש: איינגעהויקערט, שווינדזיכטיג, קויטיג און אָבגעריסען... אויף דעם צווייטען עטאַזש אָט פון די הייזלעך

געפינען זיך די שוהלכלאך, די קליינע בית המקדש׳ן, און אויף איין מקום קדוש איז אויפגעהאנגען פאלגענדע בעקאנטמאכונג:

„היער אין שוהל ווערט געדאוונט ערב ובוקר בהשכמה ביטווין 5 און 6 א גלאק סטרייט. אנדערע ביזנעס צו פרעגען אונטען.

אויסער די שוהל און די אנאנסען געפינען זיך אין די צוויי פאלאצען פאלגענדע ביזנעס: א „פאבריק“ פון מאטראצען, געשעפטען פון אלטע מעבעל, א דאמסקער שניידער, א גראוויאר און נאך עפעס, א חוץ מן הסתם א פאבריק פון בארדערס און בארדערקעס אין די צימערען. איך האב אנגעקוקט גאט׳ס דירה אין דער איסט־סייד און דאס הארץ האט מיר פערקלעמט פאר רחמנות אויף דער ארעמער שכינה נעבעך, וועלכע האט געווים אין דיזער אטמאספערע געמוזט קריגען די אויסצעהרונג און ליעגט ערגעץ־וואו אונטער א סטענדער און קרעכצט... אונגליקליכע שכינה! וואו עס איז איהר בעשערט געוועזן מגולגל צו ווערען!...

איך האב געקראגען ביי דעם דאזיגען ארט א מין הארץ־וועהטאג, און קוקענדיג דארט אלץ מעהר און מעהר, האב איך בעמערקט אויף אן איינגעבראכענעם פארקאן, נעבען די צוויי שוהלען, עטליכע אבגעריבענע אפישען פון אידישען טהעאטער. פון איין אפישע, געל און שמוציג ווי מאנכע אידישע פיעסען און פיעסען־קריטיק, האבען זיך נאר אבגעשטעלט די ווערטער „ק ע נ י ג פ ו ן ד י ש נ א ר ע ר“, א שטיק, וואס מען האט געשפיעלט אין טהעאטער און וואס דער איד שפיעלט אין דער וועלט...

יא, „קעניג פון די שנארער“, האב איך ביי זיך געטראכט און בין האסטיג אוועק פון דארט...

מילכיגע רעסטאָראַנטען.

איך בין נעגאַנגען גלייך אין דער ריכטונג צו ריווינגטאָן סטריט, פוןביידע זייטען גאַס האָבען זיך מיר נאָר געוואָרפען אין די אויגען קליינע שפּייז־קרעמלאַך און קעלערס מיט רעסטאָראַנטען, דאָס רוב „מילכיגע“ רעסטאָראַנטען. אין דעם פענסטער פון איין „מילכיגען רעסטאָראַנט“ זיינען געלעגען אויף אַ קעזיל אַזוי פיעל טויטע פליגען, אַז ביי מיר האָט אויפגעלעבט די שאלה, אויב דער קעזיל איז מילכיג אָדער פליישיג...

איבער'ן וועג פון אָט דעם פאַרעווען רעסטאָראַנט איז געווען אַ קרעמיל און דוקא אויך אַ „מילכיגע“. אין פענסטער איז געשטאַנען אַ גיפּסענע קוה, אויף וועלכער עס איז געהאַנגען אַ צעטעלע וואָס האָט זיך געלעזען בזה הלשון:

> „פריסע פיטער און צווערעך פון אונז אליין געמאַכט. טיי אונזערע מעלכעקעס פון באָר אָף העל אונטערגעזוכט“.

ניש־קשה פון אַ אידיש! ניט אמת? איך האָב אָבער דאָך ווי דורך אַ נבואה פערשטאַנען, אז „באָר אָף העל“ מיינט „ב אָ ר ד אָ ו ו ה ע ל ט ה“ און אָן די צומישענים פון „פריסע פיטער“ האָב איך דערזעהן, אַז איך בין אין ריווינגטאָן סטריט, וואו איין אַנאָנסע ווערט געשריעבען אויף אַלע זשאַרגאָנען, כדי מען זאָל איהר דאָרט קענען לעזען און פערשטעהן. דער „ס“ אין די „פריסע“ איז געווען פאַר מינסקער און דער „י“ אין „פיטער“ איז געווען פאַר טורנער אָדער יאַססי'ער.

קומענדיג אויפ'ן עק פון ריווינגטאָן און סאָפאָלק האָב איך ערשט דערזעהן אַז עס איז ערב סכות. דער יריד האָט מיר אַנט־געגען געשריען ווי אַ ים. איך בין שיער פערטויבט געוואָרען פון דעם ערב יום־טוב'דיגען טומעל. ווי דער גערויש פון מעכטיגע

וואסערען, האָט זיך געטראָגען דער ליאַרם פון די קויפער און פערקויפער. איך האָב קוים אַ צעהנטען וואָרט פערשטאַנען.

באַלד אויף דער עק גאַס איז געווען אַ כאַפּענעש אויף אתרוגים, לולבים און הושענות. דער חסיד, וואָס האָט פערקויפט די אתרוגים האָט, זעהט זיך, ניט געקענט בעשטעהן צו דינגען דעם גאַנצען טאָג פאַר זיך, האָט ער געמאַכט שותפות מיט אַן איטאַליענער שטיוועלפּוצער, וועלכער האָט געהאַט צוויי שטוהלען. אויף איין שטוהל האָט דער איטאַליענער געפּוצט שיך און אויף דעם צווייטען איז געווען אַ קראָם פון אתרוגים, און אַ חברה אידעלאַך זיינען דאָס געווען די קונים. גאָרגעל אידען: מיט לאַנגע, דאַרע, אויסגעצויגענע גאָרגעלס. האַרציגע אידען: מיט הוילע טרוקענע הערצער בעוואַקסען מיט לאַנגע האָר. אידען קאָפּ־מענשען: מיט אָבגעגאָלטע קעפּ און פּאַטילניצעס פּונקט ווי אין זלאָטשעוו און מעזשביש. הויזעןאידען: מיט אונטערגעקאַשערטע קאָלאָשעס, איין הויז איבער די שטיוועל, דער צווייטער אינוועניג, און פון זעהר אַ ניט פּאָפּולערען אָרט האָבען אַרויסגעשטעקט כנפות'ן מיט כפול־שמונה'דיגע ציצות. אָט די אַלע אידען האָבען זיך געשטופּט, געריסען, געקוועטשט און נעבריקעט צו קריגען דעם בעסטען אתרוג און צוליעב אַ „גראָשען“ פלעגט אָבגעהן דער שידוך.

דער איטאַליענער האָט זיך מן הסתם פריהער גאָר ניט פאָרגעשטעלט וואָס פאַר אַ מין שותפות ער מאַכט, אַז מען וועט איהם פערנעהמעןביידע שטוהלען און מען וועט ביי איהם אַליין זאָגאַר דעם קאָפּ ניט אַרויסזעהן, דען ער איז געשטאַנען „מלא־רציחה“. אָט, דאַכט זיך, כאַפּט ער זיין סטילעטאָ און שטעכט אַ חסיד. דאָס איז טאַקע נסים פון „איחם זאָל לעבען“ וואָס דער רשע האָט איינגעהאַלטען זיין גרימצאָרען און איז נאָר אָבגעקומען מיט איטאַליענער און ענגלישע „מי־שברך'ס“.

„הושענות“ און „היי, שינים“.

דאָס מערקווירדיגסטע פון דער סכות וואָך אין אידישען קוואר־טאַל זיינען געווען די גוי׳אישע הושענות פערקויפער ערב הושענה רבה פאַר נאַכט. ריווינגטאָן סטריט האָט געקישעט מיט זיי. אויף איין אָרט זיינען געשטאַנען א שורה אידען און שקצים און האָבען פערקויפט די גרינע ריטלאַך. די אידען האָבען געשריען: „הושענות!“ „אידען, הושענות!“ און די גוים וויעדער האָבען געשריען: „היי, שינים!“ „היי, שינים!“ מען האָט ממש געזעהן, אז די אָרעמע גוים זיינען אונשולדיג אין בעליידיגען זייערע קונדען, דען פון וואַנען זאָל אַן איירישמאַן וויסען דעם אונטערשיעד פון „היי שינים“ ביז הושענות. און עס האָט טאַקע די גוים גאָר ניט געשאַדט סיי־ווי־סיי, דען דאָס רוב הושענות־קויפער זיינען געווען גרינע אידען און די, וואָס האָבען פערשטאַנען דעם גוי׳אישען טעות האָבען סתם געשמייכעלט פאַר הנאה.

— נו, איהר קויפט דאָס ביי א גוי הושענות? — האָט געפרעגט איין איד דעם אַנדערען.

— פאַר וואָס קויפען זיי ביי אונז קריסטמעס־זאַכען? — האָט דער אַנדערער איד שנעל געענטפערט.

די צוויי אידען זיינען אריין אין הויכע דרכים, כמעט אין פאָליטיקע, איך בין אָבער אוועק ווייטער און האָב זיי איבערגעלאָזט דעבאַטירען.

קיין וואונדער האָט מיר אָבער ניט געפעהלט וואו איך האָב זיך נאָר געקעהרט, דען אוועקגעהענדיג פון די הושענות האָב איך פלוצלונג דערזעהן, געגענאיבער א באַנק־געשעפט, א אידישע אפטייק.

„דער בעסטער מלאך המות פאַר וואַנצען“.

דאָס איז אָבער געווען דער מערקווירדיגסטער אַפּטייק וואָס איך האָב אין מיין לעבען געזעהן, מעהר ווי איין פענסטער האָט דער אַפּטייק ניט געהאַט, און קיין אַנדער זאַך האָט מען דאָרט ניט געזעהן ווי, „וואַנצען־פּראָשקעס“ און „וואַנצען־ליקער“. אין מיטען פענסטער איז געשטאַנען אַ גרויסער ווייסער פּאַפּירענער טאָוועל מיט פאָלגענדער, זעהר אינטערעסאַנטער רעקלאַמע אין אידיש:

„דער בעסטער מלאך המות פאַר וואַנצען!
„שטאַרקער ווי קאַרבאָליק עסיד און אַלע
„אַנדערע גיפטען 10 סענט אַ פלעשעל, קומט
„און איבערציייגט זיך“....

איבערלעזענדיג די דאָזיגע רעקלאַמע, האָב איך זיך שטאַרק פערוואונדערט. איך האָב פּשוט צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען ערנסט אַ קלער געטהאָן וועגען אונזערע וואַנצען... ערשט אַ וועלט האָבען מיר דערלעבט, אַז עס איז גאָר אויף די וואַנצען קיין טויט ניטאָ און מען דאַרף גאָר פאַר זיי אַן עקסטראַ מלאך המות, און אַ גאַנץ בעזונדערן אַפּטייק אין ריווינגטאָן סטריט...

דערפאַר האָט אָבער דאָס לעצטע בילד, וואָס איך האָב געזעהן, מיך געמאַכט גליווערן און שיער פערקיהלט די בלוט אין מיינע אָדערן. דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט נעדיינקט צו בעגעגענען אין לעבען, און הלואי וואָלט איך דאָס ניט געזעהן!

דאָס חלה־טישטיכעל

עטוואָס אָבגערוקט פון דער קאָכענים און טומלענים, אויף אַ שטיקעל ליידיג פּלאַטץ, איז געשטאַנען נעבען אַ שטופּ־וועגעלע מיט

רעשטלאך פון פערש־ידענע וואלענס, קארטון, פערקיל, סאמעט און באטיסט — א בלייכע, טויט־בלייכע יונגע פרוי. דער פערקערפער־טער עלענד.

זי פלענט ניט לאזן די ווייבער שטארק גראבען אין ווענעלע און פלעגט זיי אלץ פראבירען אבשטויסען צוריק פון די „סחורה", אבוואהל מען האט געזעהן, אז זי איז זשעדנע נאך לייזונג.

זי האט אבער ניט פיעל געלייזט. ערב סכות פאר־נאכט, ווער דארף יעצט רעשטלאך?... די קינדערשע קליידעלאך און פארמיכ־לאך, און פארהאנגלעך, וואס מען האט געדארפט אויף יום טוב, זיי־נען שוין געמאכט.

פלוצלינג איז צונעלאפען אן עלטערע דיקלאכע פרוי און האט זיך אריינגעווארפען אין ווענעלע מיט א האסטיגען געשריי:

— מיסעס, האט עץ עפעס א שאין שטיקעלע פאר א חלה־טישטיכעל?

די בלייכע פרוי איז נאך בלייכער געווארען און האט א קוק געטאן אויף דער אלטער מיט כעס דערפאר, וואס זי האט א קלאפ געטאן אין ווענעלע...

— אזא יאהר אויף מיר וועלכע פיינע שטיקלאך דא איז פא־ראן — האט זי אבער באלד געענטפערט מיט א שמייכעל, וואס האט פער'מסר'ט שמערץ — אט איז א שטיקעלע טאקע נאר א ברכה צו מאכען, גוט אפילו פאר א פרוכת אדער א מענטעלע...

די דיקליכע פרוי האט אבער געוואלט אליין אויסקלייבען...

און ווארפענדיג די שטיקלאך האט זי זיך אנגעשטויסען אן א קינד, וואס האט זיך אויפגעכאפט מיט א געשריי...

די אלטע פרוי האט א ציטער געטאן און מיט שרעק אין פער־וואונדערונג האט זי אויסגעשריען:

— סטייטש! דא האלט מען א קינד?

מיט א שוואכע, ציטערענדע שטימע און זיך בעוואשענדיג מיט טרערען האט די בלייכע געענטפערט:

— וואו דען זאל איך עם האלטען?

דריטער קאפיטעל.

ביזטו דא, אדער דארט,
ווייס דיין ריכטיגען ארט.

פראגען זיינען ווי פראצענטניקעס: וואס גיכער מען פטור'ט זיי אראב, איז אלץ בעסער.

פראגען קינדלען; ווען מען לאזט זיך זיי פלאדען, פער־מעהרען זיי זיך ווי פאליטישע טובות און פרעסען אראב דעם מוח.

ביסמארק, דערצעהלט מען, פלעגט דערזעהן א פאליטישע פראגע ביי א פאלק איידער די געשיכטע האט נאך געשאפען דעם פאלק'ס נשמה, און פלעגט שוין נעהמען זוכען א תירוץ, אז דייטש־לאנד זאל דערפון פראפיטירען.

ריטשארד קראקער, א פיהרער פון די ניו יארקער שטאדט־טאטעס, פלעגט נעהמען זוכען אן אויסרייד צו בע'גנב'ענען ניו יארק וויסענדיג אפילו, אז מען וועט איהם נאר קיין קשיות ניט פרעגען.

די אפטאונער דייטשע אידען האבען אנגעהויבען צו פער־ענטפערן די „איסט־סייד־פראגע", כאטש קיינער פרעגט ניט נאך זיי, א. ז. וו.

נאר וועגען אויסנאהמען רעדט מען ניט.

א געוועהנליכער בשר ודם פאנגט זיך ערשט אן ראנגלען מיט א פראגע־צייכען ווען דאס האלט איהם שוין ביין גארגעל.

איהר וועט זיך דערפאר ניט וואונדערען, רבותי, וואס מיך

ערט יעצט אזוי שטארק די פראגע וועגען „אידישען קווארטאל“, דאס הייסט: וואו איז דער אידישער קווארטאל?

די פראגע, דארפט איהר וויסען, איז גאר א גרויסע און מוז פערענטפערט ווערען אזוי גיך ווי מעגליך, כדי דער קינפטיגער אידישער היסטאריקער זאל זיך קיין קאפ ניט פערדרעהען און זאל גלייך ארויפשטעלען דעם פינגער אויפ'ן רעכטען מיטען פון אידישען מיטעלפונקט און זאגען: „אט דאס איז דאס!“

אלזא, צו דער פראגע!

וואו איז דער ניו יארקער אידישער קווארטאל?

איז דער אידישער קווארטאל „העסטער מיט איהרע שוועס־טער“ אדער ער האט זיך איבערגעקרויזשקעט אין די הויכע מקומות, אין די 5טע עווענינ, ארום סענטראל פארק אדער אפשר גאר אין סענטראל פארק גופא, וואו קאלווארייער דייטשקעס טראגען אלע שבת קוגעל פאר די וואווייארקעס? אדער איז אפשר דער סענטראל פארק גופא דער „העסטער סטריט פארק“ פון אפ־טאון?

מיר וואלט אט די פראגע קיינמאל ניט ארויף אויפ'ן געדאנקען, ווען איך וואלט פלוצלונג ניט אריינגעקראכען אין איהר ביז איבער „די קנעכלאך“ אין רעכטען מיטען פון דער עלעגאנטער פינפטער עווענינ....

איך בין דערפון אזוי איבערראשט געווען, אז איך האב אין פלוג אליין נישט געוואוסט וואס דא איז געשעהן. האב איך פער־בלאנדזשעט? האט דער אידישער קווארטאל פערבלאנדזשעט?... האב איך זיך בעשלאסען די זאך צו אונטערזוכען...

אז מען זוכט געפינט מען.

ערשט יעצט וויים איך וואו אידען וואהנען און איך ווייס ניט וואו דער „אידישער קווארטאל“ איז.

לויט ווי מיר שיינט דארף זיך די 5טע עווענינ ניט פערשעמען

פאר ריווינגטאָן סטריט. עס איז דיזעלבינע יענטע נאָר אַנדערש פערשלייערט.

אין ריווינגטאָן סטריט, למשל, דאַרף אַ בלייכע אידענע אַראָב־לויפען פינף עטאזש אין קרעמיל נאָך אַ קעפעל קנאָבעל, און אין דער 5טער עוועניו בעשטעלט אַ מינסקער מיליאָנערקע אַ הערינג פער טעלעפאָן אויף „שיקס אַ גלאָק סארפ“, ווען איהר מאַן ווערט קומען פון „ביזשנעש“.

דאָ פלאָנטערען זיך אויך אונטער די פיס אַלטע בכבוד׳ע אידען מיט היימישע בערד און אַלטע אידענעס מיט שייטלען.

דאָס זיינען טאַטעס מיט מאַמעס אַראָבגעבראַכט עקסטרא פון אייראָפּא ניאַנטשען די קינדער, ארומפיהרען די קינדער־ווענעלעך אין „מאָונט מאָררים פּאַרק“, דער אָרטהאָדאָקסישער פּארק פון דער 5טער עוועניו, און אַכטונג געבען, אַז די קעץ זאָלען ניט פאַסטען קיין הפסקות.

די אַלטע מוהלים פון דער איסט סייד האָבען אוועקגעצויגען ניט ווייט פון קארנעגיע׳ס פּאַלאַסט און זייערע שילדען הענגען נאָך אַרום העסטער סטריט בלויז אויף זייערע קאַנטאָרען...

דער רעכטער צענטער פון מוהל־ביזנעס איז יעצט אַפּ־טאָון, וואו עס געפינען זיך ווי זאַמד און ערד שניידער מכל המינים... אפילו בייטעל־שניידער.

דאָס שאַדט אָבער ניט פון דעסטוועגען אונזערע נייע אַפּ־טאָונער צו פיהרען שטאַט ווי עכטע יענקים.

פינטאַנאָלער דייטשקעס, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג צוריק געזעסען מיט אייער, מיט אַלטע הויזען און לימינעס אין העסטער סטריט און האָבען געהאַט בלעך־קרעמלאַך מיט געבריכטע קאַפּעליור־שען אין באַיארד סטריט נעבען בויערי — פוילען זיך ניט אין אַ מיטען מיטוואָך צו מאַכען „קאַפּע פּאַרטיס“ אין אַ האָטעל. און

עס איז מחיה צו הערען, ווי מיסעס קלאַג און מיסעס בראַך צוקלאַגען און צוברעכען דאָס ביסעל ענגליש.

אין דעם זינדיגען אפ־טאָון קומען זיך צונויף הימעל און ערד. די ערשטע „היימישע“ דורות פון דעם „וילד בנים ובנות“ מיט דעם „וימות“, מיט די „קאפע פארטים“, מיט ווייבער וואָס שפּיעלען אין פויקער פון „קריאת שמע“ ביז „קריאת שמע“, מיט אלטע שניידער־באָסעס אין זיידענע צילינדערס, מיט יונגע „דראָמערס“, און מיטעל־יעהריגע „דעזיינערס“, אויך א מין שניידערס, מיט הינט וואָס ווערען געפיהרט אלע אין דער פריה אויף „נקיות“, מיט העמדער־פאבריקאנטען, מיט גרונט אייגענטום־בעזיצער און ספּאָד־ניצעס־פאבריקאנטען, מיט אלץ, וואָס איהר ווילט נאָר הערען און געדענקען, אָט פונקט ווי אין פּאריז...

אין דער אפ־טאָונער „גהעטאָ“ קענט איהר קיינמאָל ניט וויסען אויב אייער אויג נארט אייך ניט, אויב אלץ, וואָס איהר זעהט, זעהט איהר טאקע מיט אן אמת.

איהר טרעפט אָן א מאדאם מיט א קעסטעלע „היילערס טשאָקאָלאד“ אין האנד. זי האלט די קעסטעלע מיט אזא עדעל־קייט און קאַיט דערוויילע. אין העסטער סטריט פלעגט זי אויך קאַיען אין גאָס. דאָך אויב איהר מיינט, אז אין דער קעסטעלע ליעגט טאקע טשאָקאָלאד, האָט איהר א טעות. די „ליידי“ עסט ניט קיין צוקערקעס, איהר באָבע האָט דאָס אויך ניט גענעסען. זי קאַיט דאָס א שטיק וואורשט, פּאסטראמע, א פעפעריל, אָדער נאָר א בייגעל. עס ווענדט זיך פון וועלכע מדינה זי קומט...

איהר זעהט ווי א יונגער מאן אין א צילינדער־הוט און א טייערען סורדוט מיט דימענטענע רינגען אויף די פינגער לאָזט זיך ארויס פון אן ערשטע קלאַסע אפּארטמענט־הויז מיט א טייערען אימפּאָרטירטען סעטשעל פון קראָקאָדילען־לעדער און געהט איבער'ן גאָס.

דאָס איז דער יונגער מיסטער „קאַיק“ אַליין, אַ אידישער אַריסטאָקראַט.

וואו מיינט איהר גערט ער?

נאָך אַ קעסעלע ביער!

אין סעטשעל שטעהט דער בלעכערנער קעסעלע...

אונזער נייער אַריסטאָקראַט קען מיט פלעשער־ביער אַליין ניט פערטיג ווערען. ער איז געוועהנט צו זיין אַלטע קעסעלע פון דער איסט־סייד, וואו מען פלעגט איהם פערקויפען פאַר 5 סענט אַ גאַנצע וואַנע מיט מים אחרונים און ער פלעגט זופען פון קעסעלע.

געהן עפעס אזוי פראָסט מיט'ן קעסעלע איבער'ן גאַס, ווי אַמאָל, איז ניט שען. שיקען די דיענסט פּאַסט עפעס אויך ניט. די דיענסט דאַרף ניט וויסען ביי ווען זי דיענט...

פוצט מען זיך אויס ווי דער „מלאך מיכאל“ און מען געהט אין קרעטשים נאָך סחורה.

דער קרעטשמער איז אַן אייִרישער גוי און קען איהם סיי־ווי־סיי ניט...

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, רבותי, איז דאָס עפּעס יאָ העסטער סטריט, ניט העסטער סטריט. דער קינפטיגער אידישער היסטאָרי־קער וועט דאַרפען שטאַרק שוויצען אויסצוגעפינען דעם אידישען קוואַרטאַל, אויב מיר וועלען איהם ניט העלפען בעצייטענס.

מיט איין זאַך איז די אַפּ־טאַונער „יורען־גאַס“ די לעצטע צייט שטאַרק אָבגעזונדערט פון דער אַלטער אידישער שכונה, נעמליך: מיט אָטאָמאָבילס.

מילא דאָס, וואָס כמעט אַלע אַפּ־טאַונער ליטווישע דייטשען האָבען הינד אין הויז, מאַכט זיי נאָך ניט פאַר מיוחסים, ווייל דער איסט־סייד פעהלט אויך קיין הינד ניט... אָבער די אָטאָמאָבילס שיינט טאַקע צו זיין אַ נייעס.

עס האָבען פלוצלונג גענומען לויפען אָטאָמאָבילס, געטריעבען

מיט כשר׳ע אייל, מיט אמת׳ע „שמן זית“, וואָס מען מעג ניצען אפילו ביים רבי׳ן.

א שענע סצענע, דערצעהלט מען, איז פאָרגעקומען צווישען צוויי אידישע יענקיכעס אָדער יאנקעליכעס, וועמעס אָטאָמאָבילס עס האָבען זיך צונויפגעטראָפען אויף דעם פאַראַדנעם ראָג פון די פינפטע עוועניו און סענטראל פארק.

די ווייבער, וואָס זיינען געזעסען אינוועניג, האָבען זיך דער־קענט... און געזאָגט אין שניפישאָקער ענגליש זייערע „דרייווערס“ (שאָפוירס) זיי זאָלען איינע די אַנדערע ניט אָבטרעטען דעם וועג.

א ווייַלע האָבען די צוויי ווייבער געשוויגען, אבער באַלד האָט אָנגעהויבען צו געהן אויף דעם אַלטען שטייגער:

„איטקע די אייערניצע, א בראָך זאָל זיך אריינכאַפּען אין דיין מאַן, דעם קעשעניק. היים דיין פוהרמאַן, ער זאָל פאָהרען, אז ארויספיהרען זאָל מען דיך, טאַטע זיסער. דו מיינסט, אז איך וועל דיר איצט אויך שווייגען ווי דאמאלס אין העסטער סטרים? דו מיינסט, אז דו וועסט זיך צוכאַפּען ביי מיר צום קערבעל און ארויסנעהמען די לימינעס, ווי דיין טאַטע, דער גנב, פלעגט ארויסנעהמען פון די צדקה־פושקעס אין קאַלוואַריע? היים פאָהרען, דו הערסט? ווארום איך שליידער דיר מיין זיידענע טאַרבע אין דיין פארשיווען סנוק!“

די צווייטע איז אָבער אויך ניט שולדיג געבליעבען קיין ענטפער און זיך אויפשטעלענדיג אין אָטאָמאָביל מיט א פערקאָשערטען אַרבעל האָט זי אויסגעשריען אויפ׳ן קוויטש:

„איך האָב דיך אין לאָמזע, דו הערסט? חיה׳קע די לימינע מאַיד! דו מיינסט איך האָב שוין פערגעסען ווי מען האָט דיך געשמיסען אין מיטען גאַס, הא? א בראָך נאָך דיין זיידען, דעם סיבירניק. א יחסנ׳טע געוואָרען אין אמעריקע. א קליינינגקייט, פּש, פּש, א כאָלעריע נאָך איהר! איהר מאַן

„מאַניפעקטשעט“, אַז מאַניפעקטשען זאָלסטו שוין מיט דער גסיסה, רבונו של עולם, זאָלסט הייסען דיין באַלעגאַלע (בעל העגלה) אוועקגעהן פון דאַנען, דו הערסט? לימינע מאַיר, וואָרים איך קריך אַרויס צופּראַסקע איך דיר ווי דעמאָלט אין עללען סטריט. קוקט אָן אַ מינע, קוקט, אַ בראָך צו איהר. דו שלאָק! פונקט ווי מיינער וואָלט גאָר ניט מאַניפעקטשעט. זאָלסט הייסען דעם שייגעץ פאָהרען, דו הערסט? וואָרים איך צופּראַסקע איהם אויך!...“

צום ערגסטען איז געווען, וואָס ניט די שאַפּוירס, ניט די פּאָליציי, ניט די אַלע מענשען אַרום האָבען פערשטאַנען איין איינ־ציגען וואָרט וואָס די צוויי „לײדיס“ רעדען. איין פּאָליציסט האָט געמיינט, אַז ייי זיינען צוויי איטאַליענערקעס; אָן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז זיי רעדען פראַנצויזיש און קריגען זיך עפּעס איבער אַ געליעבטען...

— דאָס זיינען אינדיאַנער לײדיס, האָט זיך אַריינגעמישט אָן אַלטער איירישער זעלנער, וואָס האָט נאָך געדיענט אין אַמעריקאַ׳ס בירגער־קריעג און האָט זיך עטליכע מאָל געשלאָגען מיט די אַמעריקאַנער ווילדע שבטים...

ווען די פּאָליסלייט האָבען געמאַכט אַ שלום צווישען די „לײדיס“, האָבען זיי נאָך גוט אָנגעשפּיים איינע די אַנדערע אין די פּנים׳ער און אַרויסגעשטעקט די צינגער און זיינען אַריינ־געפאָהרען אין סענטראַל פּאַרק.

— נו, ווער איז גערעכט? איך האָב באַלד געזאָגט, אַז זיי זיינען אינדיאַנער לײדיס, האָט שטאָלץ בעמערקט דער אַלטער איירישמען, איהר האָט געזעהן ווי זיי האָבען זיך געשפּיים אין די פּנים׳ער! אינדיאַנער לײדיס טהוען דאָס. האָ, האָ, איך קען די אינדיאַנער אויסגעצייכענט. איך האָב צווישען זיי געוואוינט.

— נאָ, דהעי אַר שינים! — דאָס הייסט: „ניין, זיי זיינען

זשידעס", האָט זיך אָבגערופען אַ קליינער באַרוועסער ציימונגס־פערקויפער — אי נאָו... איך ווייס...

נו, רבותי, וואָס זאָגט איהר? וואו איז דער „אידישער קוואַרטאַל": וואו מיר וואוינען, וואו איהר וואוינט אָדער וואו זיי וואוינען?

ווי עס שיינט בלייבט נאָך דערווייל די פראַגע ניט פערענטפערט און זי בלייבט נאָך פיעל מעהר פערפלאָנטערט ווען מען זעהט, וואָס עס טהוט זיך אין די נייע אידישע קראָמען אָדער קרעמלאָך, וואָס עפענען זיך אַרום די נייע אידישע אריסטאָקראַטען.

ווי גיך עס עפענט זיך עפּעס אַ שטיקעל קרעמעל אין דער פינפטער עוועניו, אָדער אין אַ זייט־געסעל, קומען אַראָב די „ליידיס" נאָך „סואווענירס", נאָך אַנדענקונגס־צייכענס.

זיי אַרט ניט וואָס פאַר אַ קרעמעל דאָס איז, זיי קענען גע־ברויכען יעדער סאָרט סחורה, אויב דאָס איז אַ פיש־קראָם איז ביי זיי רעכט אַ סטינקע, אבי אַן אַנדענקונגס־צייכען.

קיצור ימים האָבען נעבאָך די נייע סוחרים פון אָט די אַמעריקאַניזירטע קונדען.

די מאַדאַם קומט זיך אַריין, טרינקט אויס אַ גלאָז מילך, פערבייסט מיט אַ בארנע, אַן עפּעל אָדער אַ צוקער־לעקעכיל און נעהט אַוועק מיט אַ שמייכעלע.

ווער וועט עס געהן אַן אַפּטאונער מאַדאַם מאָהנען דערפאַר? די איסט סייד איז דאָס? מען וועט דאָס אַרויפשרייבען דער שניידערקע אויפ'ן ביכעל? דאָ האָט מען דאָך צו טהון מיט גרונט־אייגענטהימער, מיט אַפּטאונער.... אָט אַזוי טרינקט מען אַ פּאָר קוואָרט מילך, מען עסט אויף אַ פונט אָדער צוויי צוקער־לעקעכ־לאָך אָדער אַנדערע זאַכען און שאַ! ס'איז די פינפטע עוועניו!...

אין אמת'ן קען מען די אַפּטאונער מאַדאַם ניט פערדענקען. זי קריעגט פון איהר מאַן אַ הונדערט דאָלאַר אַ וואָך אויף דער

הוצאה, און דאָ איז אָבער ניט אריינגערעכענט קיין „פּויקער“, קיין „קאַפּע פּאַרטיס“, קיין באַל־טיקעטס און קיין אַנדערע „נויטיגע“ זאַכען.

די מאַדאַם פערשפּיעלט אין קאָרטען און פערטרינקט די פּאָר דאָלאַר. מוז זי נאָך דעם געהן זוכען וואו עס עפּענען זיך נייע קרעמ־לאַך מיט „סואווענירס“ און אגב טאַקע כאַפּען אַ ביס און אַ זופּ מילך... אַ מענש קען דאָך ניט אויסשפּייען די נשמה...

אָט אַזוי זוכט אַלץ די פּינפּטע עוועניו צו ווערען יענקיש און ווערט אַלץ מעהר יאַנקעליש און מיר ווייסען אַלץ ניט, וואו דער אידישער קוואַרטאַל איז.

דער קינפּטיגער היסטאָריקער וועט האָבען אַ האַרטען נוס צו קנאַקען.

פיערטער קאַפּיטעל

עס איז אַ לעבען אין אידישען קוואַרטאַל. אידען האָבען צוויי יום טוב'ן צוזאַמען: קריסטמעס און חנוכה. וועלכער יום טוב עס איז מעהר יחסן איז קיין קשיא ניט, ווען זיי קומען איינציגווייז איז דער קריסטמעס נאָך אַלץ מעהר יחסן, ווייל ער איז פּשוט איינטרעגליכער — ביזנעס, געשעפט. חנוכה פּטור'ט מען אָב מיט אַ בינטעל האַלבע פּרוטה'דיגע ליכטלעך, אויף קריסטמעס אָבער דאַרפען אידען פערשיעדענע פּרעזענטען, מתנות.

מען קען דאָך ניט זיין קיין גרינער!

קינדער זיינען שוין ברוך השם אונטערגעוואַקסען, זיי האָבען זיך שוין אַמעריקאַניזירט, מען מוז פיהרען אַ מענשליכע הויז. אז אַ קינד גיט דעם טאַטען אַ קריסטמעס פּרעזענט, און דווקא אַ טלית, זאָל מען דאָס ניט נעהמען?...

נו, קען מען דאָך אַליין אויך קיין חזיר ניט זיין און מען דאַרף עפּעס אויך געבען. איז אָבער דאָך דער קריסטמעס אין וועג. מען גיט אַ קוק אויף דער מתנה, וואָס די אַלטע שטאָדט נוצרת האָט געגעבען דער וועלט, איבערהויפּט אונז אידען, פערגעהט שוין דער אַפּעטיט פון אַלע מתנות...

דער באַרג „שיני“.

עס דערלאָזט פראַסט דאָס הארץ ניט, אַז „היימישע אידען“, דאָס הייסט אידען, וואָס קומען פון אַן אָרט, וואו זיי האָבען קיין היים ניט געהאַט... און האָבען אריינגעכאַפּט אַלע קריסטמעס־פּרעזענטען, וואָס אַ איד קען נאָר קריגען פון אַ קריסטמעס גוי — דערלאָזט פּשוט דאָס הארץ ניט, אַז אַזעלכע אידען זאָלען זיך פּאַנאַנדער־מתנה'ן און פרייען גראָד אין דעם יום טוב. אמת טאַקע, אין אַמעריקאַ האָט זיך שוין דאָס אַלעס אויסגעגליכען, אידישע פילאָלאָגען האָבען ערקלערט, אַז „שיני“ איז אַ רמז אויף „סיני“ און ווען אַ קריסטליכער בויאַן ווארפט שטיינער אויף אַ אידען און שרייט „שיני“, מיינט ער דאָס צו דערמאָנען דעם אידען אָן באַרג שיני (באַרג סיני), וואו עס האָט געוואָרפען און געשליידערט ווי י אָ ה ר י ג ע ק ד ח ת... ווי אין פּסוק שטעהט: „ירה יירה“.

דערפאַר אָבער ווען עס פאַלט קריסטמעס און חנוכה צוזאַמען איז דער תירוץ פאַרטיג, עס איז „שיטער און גלאַט“ פון אַלע זייטען. מען קויפט קריסטמעס פּרעזענטען מיט אַן אויסרייד אַז דאָס זיינען „חנוכה־מתנות“. אי, איז דאָך אַ קשיא: וואו און ווען האָבען אידען געגעבען חנוכה־מתנות? וואו איז גאָר פאַראַן אַ „רמז רמזים“, אַז מען זאָל חנוכה געבען פּרעזענטען?

איז אַ תירוץ: „לא קשיא“. עס איז קיין קשיא ניט. די אידישע

תורה איז געמאַכט געוואָרען אויף אויסצואוואַקסען... זי פּאַסט זיך פאַר אַלע צייטען. מען קען פון איהר אַרויסדרינגען ווי פון אַן אויטאָמאַטישען רעסטאַראַנט אין בראָדוויי אַלע מאכלים: קרעפּ־לאַך, געהאַקטע הערינג, פּאַמפּושקעס, לאַטקעס און אפילו חזיר מיט בעבלאַך און אַ דין אַז מן מעג נעהמען פּראָצענט... וואַרפט נאָר אַריין אַ מטבעה אין רב׳ל, אָדער אין „סלאָט" און עס וועט אַרויס־געהן אַ „מאכל", אַז איהר וועט הנאה האָבען און עס וועט זיין כשר אויך. אין דער תורה איז קיין גרונד ניטאָ, ווי אין אַ עלעקשען ביער־גלאָז, וועלכע איז, דאַכט זיך, גאָר ניט אַזוי גרויס, און דאָך קענט איהר דאָרט דערטרינקען די גאַנצע אַמעריקאַנער פרייהייט...

איז אַלזאָ מעגען, הייסט דאָס, אידען געבען און נעהמען קריסט־מעס־מתנות לכל הדעות און דער אידישער קוואַרטאַל איז טאַקע אַזוי פער׳קריסט׳מעוועט, אַז מען זעהט דעם חנוכה ניט אַרויס.

קריסטמעס און קריסט־מת.

אַ אידעל, אַ רב׳ל, דאַכט זיך, פון די ב ע ש ע ה ר ט ע אַמעריקאַנער רבנים פון דער איסט סייד, וואָס ב ע ש ע ר ע ן נאָך פאָרלויפיג די בערדלאַך און אָטוואַזשען זיך נאָך ניט צו גאָלען — האָט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז קריסטמעס איז אַ מצוה זיך משמח צו זיין.

געטראָפען האָב איך דעם דאָזיגען רב׳ל אין אַ ספרים־קראָם דינגענדיג אַ סידור מיט זשאַרגאָנישער איבערזעצונג. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער דאַרף דאָס פאַר זיין ווייב, נאָר רעדענדיג מיט איהם האָב איך פערשטאַנען, אַז ער דאַרף דאָס פאַר זיך.

אָט דער אידעל האָט מיר געזאָגט, אַז קריסטמעס מאַכט קריסט־מת. דאָס הייסט קריסטענטהום איז געשטאָרבען. דערפאַר

דארפֿען זיך אידען פרעהען און שיקען איינע די אנדערע פרעזענטען. ווען איך האָב איהם געפרעגט אויב ער דענקט, אז אידישקייט לעבט, האָט ער מיר געוויזען אויף א ספר תורה...

נארישער רב'ל! ער געהט סטראשען די וועלט מיט קעלבערנע פעלכלאך...

איך האָב אָנגעקוקט אָט דעם רב'ל ניט רעדענדיג קיין וואָרט. וואָס איך האָב איהם געהאט צו זאָגען וואָלט אויף אן אָקסען פעל ניט ארויף...

א קאָלוואָריער דאטש.

די בעגעגעניש מיט דעם רב'ל האָט מיר שטארק הנאה געטהאָן און איך האָב זיך בעשלאָסען צו מאכען א שפאציער איבער די אידישע ספרים-געשעפטען אום אויסצוגעפינען, וואָס איז דאָ שטארקער: דער חנוכה אָדער דער קריסטמעס. איך האָב פערשטאנען, אז די אמעריקאנער אידישקייט דארף זיך אם בעסטען אָבשפיעגלען אין די ספרים-קרעמלאך פון דער איסט סייד און איך האָב קיין טעות ניט געהאט.

ווי איך בין אזוי געשטאנען אין א סטאָרקע און גערונגען א פעקעל ציצות, מען זאָל זעהן, אז איך בין א איד... בין איך פלוצלינג איבערראשט געוואָרען פון א האסטיגען אויסגעשריי:

„מעררי קריסטמעס!"

ווען איך האָב זיך א דרעה געטהאָן צום טיר, האָב איך דערזעהן ווי א איד האָט זיך אריינגעשלעפט אין ספרים-קראָם מיט א קריסטמעס-בוים, יאָלקע בלע"ז, און זיין פנים איז געווען לויטער שמחה.

איך בין געבליעבען אין גרויס פערוואונדערונג און דער מוכר ספרים האָט אויך אָנגערוקט די יארמולקע אָן א זייט, א ביסעל צום פאטילניצע צו און ער האָט בעטראכט זיין קונד.

— האבען זי די קליינינקע ליכטכען? — האָט דער קונד געפרעגט אויף צוקאַליעטשעטע דייטשמעריש, איבערבייטענדיג דעם קריסטמעס־בוים פון איין האנד אין דער אַנדערער. — מיין מאַמע איזט געקאָמען פון בארלין, יו נאָו, און זי איזט סרעקליך פראָם, יו נאָו, מוז איך איהר פּליזען.

— איהר מיינט דאָך חנוכה־ליכטלעך? — האָט איהם דער מוכר־ספרים אַ פרעג געטהאָן זיך אַ קראַץ געבענדיג אונטער'ן פּאַכווע, און האָט איהם דערלאַנגט אַ פּעקעל געלע, דינע ליכטלאַך, אמת'ע אידישע גלות־ליכט...

— אָט דאָס איזט דאָס! — האָט דער דאַטש געזאָגט — איך ווערדע דאָס אַנהענגען אויף דעם קריסטמעס טרי, יו נאָו, זי איזט נאָך צו גיך פון בארלין און איזט נאָך פראָם, יו נאָו...

אז דער מוכר־ספרים האָט איהם פערקויפט די ליכטלאַך און האָט „געריסען אַ פּאָס" איז דאָך איבעריג צו בעמערקען, אָבער אַז דער קונד איז געוועזן אַ געבאָרענער אַ בארלינער, דאָס וועט איהר אַלע מודה זיין...

ער ניצט דאָס ניט.

פון דאָרטען בין איך אוועק אין אַן אַנדער גאַס זעהן וואָס עס קומט פאָר אין אַן אַנדער ספרים־קרעמעל. איך האָב פערשטאַנען, אז מיט די צוויי ספרים־קרעמלאַך, וואו איך בין געוועזען, ענדיגט זיך נאָך ניט אמעריקא, און איך בין אריין אין איינע פון די בכבוד'ע אידישע ספרים־געשעפטען, וואו די בעלי־בתים פערקויפען פון אַ מזוזה ביז אַ טענעמענט־הויז.

אזלאָ בין איך אריין אין דער דאָזיגער בעריהמטער ספרים־קראָם און איידער איך האָב נאָך געהאַט געגוג צייט זיך ארומצו־

קוקען, איז אריין א שענע, יונגע קריסטין מיט א גאָלדענעם צלם׳ל אויף׳ן הארצען און איז צוגעגאַנגען גלייך צום מוכר ספרים...

ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי א ביסעל פערשעמט. ער האָט זיך גענומען אויסהוסטען, האָט פעררוקט די יארמולקע אויף׳ן קאָפּ און האָט א גלעט געטאָן דאָס בערדיל.

— וועל, ליידע? — האָט ער זי געפרעגט, דריקענדיג שטארק די צוויי „וו׳ן" פון „וועל" ווי אין שניפּעשאָק, און ווען די גויה האָט איהם ערקלערט, אז זי וויל קויפען א „קריסטמעס־פּרעזענט", האָט ער אויסגעגלאָצט אויף איהר א פּאָר אויגען ווי דער מלאך־המות...

עס איז ניט געווען אזוי לייכט פאר אן אפּ־טאונער קריסטליכע פרוי צו ערקלערען א איסט־סיידער מוכר־ספרים, אז זי וויל א זיידענעם טלית׳ל פאר איהר אידישען גוטען פריינד׳ס א אינגעל. זי האָט געהערט, אז דער אינגעל ווערט אין דער חנוכה־וואָך דריי־צעהן יאָהר, וויל זי איהם „סורפּרייזען", איבערראשען מיט א רעליגיעזע מתנה.

— דו זעהסט, — האָט זי זיך געווענדעט צום מוכר ספרים ווייזענדיג אויף איהר גאָלדענעם צלם׳ל — דאָס האָט מיר דעם אינגעל׳ס פּאָטער, מר. אייזעק, געגעבען א קריסטמעס־פּרעזענט און איך וויל איהם אָבדאנקען. מיר זיינען גוטע פריינד מיט די אייזעקס.

אָט די מעשה האָט פּאסירט א וואָך פאר חנוכה. נאָך קריסט־מעס אָבער, האָט מיר דערצעהלט דער מוכר ספרים, האָט מיסטער אייזעק אָבגעבראכט צוריק דעם טלית׳ל, ערקלערענדיג, אז זיין אינגעל ניצט דאָס ניט און דארף דאָס ניט און אז דאָס איז געקויפט געוואָרען דורך א טעות, „ביי מיסטייק"... אייזעק האָט פערלאָרען א דאָלאר און אָבגעגעבען צוריק דעם קריסטמעס פּרעזענט...

אַ פרומער שניידער־באָס.

געהענדיג פון דער ספרים־קראָם האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער געשיכטע פון דעם „גוטען שניידער באָס“, וואָס בענשט אַ גאַנץ חנוכה, יעדען אָבענד, נאַטירליך, חנוכה־ליכטלעך אין ווערקשטאַט. ער הייסט אַלע ארבייטער מפסיק זיין פון דער ארבייט, אָבשטעלען אַלע מאַשינען, זיך אויפהויבען פון דער ארבייט ביז ער בענשט אָב חנוכה־ליכט און אַלע ארבייטער ענטפערען „אמן“... דערצו האָט ער נאָך געקליבען געלד פאַר די אידישע קרבנות פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד...

אָט די דאָזיגע געשיכטע האָב איך געהערט פון צוויי אידען, וואָס האָבען גערעדט וועגען דעם זיצענדיג אין אַ טראַמוויי. דאָס האָט מיך שטאַרק פעראינטערעסירט און זיך דערוויסענדיג דעם גוטען שניידער־באָס' אדרעס האָב איך זיך בעשלאָסען צו בעזוכען זיין ווערקשטאַט צו דער צייט, וואָס ער בענשט חנוכה־ליכט.

איך בין שוין לאַנג אין קיין „סוועט־שאַפּ“ ניט געוועז און דער געדאַנק אליין דאָס צו בעזוכען האָט מיך געמאַכט שוידערען. צוויי זאַכען וועל איך אין לעבען ניט פערגעסען: רוסלאַנד און די סוועט־שאַפּ. געגען רוסלאַנד'ס טיראַניי האָב איך ניט פיעל גע־קענט טאָן. איך האָב פערלאָזען רוסלאַנד נאָך איידער איך בין גע־וואָרען אַ מענש. איך האָב איהר געאָפּפערט מיין קינדהייט און איידער איך האָב צייט געהאַט זיך אַ שפּיעל צו טאָן מיט דער יוגענד, האָט מיך דער גלות אריינגעשליידערט אין סוועט־שאַפּ, דער רוסלאַנד פון אַמעריקאַ.

געגען די סוועט־שאַפּ האָב איך געקעמפּפט. גאַנצע ביכער האָב איך אָנגעוויינט, גאַנצע טייכען האָב איך אויסגעוויינט, דאָס גאַנצע הארץ ארויסגעקלאָגט, מיין גאַל און מיין נשמה האָב איך

בענוצט אַלס כלי־זין נעגען דעם סיביר פון דער מאָדערנער אמערי־קאנער אינדוסטריע, געגען דער ספּעציעלער אידישער שקלאַפעריי.

דער צופאַל צו בעזוכען א סוועט־שאָפּ נאָך אזוי פיעל יאָהר, גראָד אום חנוכה, האָט אין מיר אויפגעוועקט פערשיעדענע רעיונות און שטימונגען. איך האָב זיך געפיהלט ווי איינער, וואָס האָט זיך גע'גט מיט א פינסטערע, שרעקליכע ארורה, וועמעס אנדענקען עס האָט איהם געשראָקען, געהט אין עטליכע יאָהר ארום צו איהר צו גאַסט. איך האָב געפיהלט ווי א בעפרייטער פון טויטען־קאַמער געהט בעזוכען זיין פריהערדיגע געפענגניס.

איך בין ארויף אויף אַלע דונקעלע, דומפּפּע, פערשאָלטענע, עלענדע טרעפּ ביז צו דער סוועט־שאָפּ, איך בין דאָרט אריין.

די חנוכה־ליכטלאך האָבען שוין געברענט און האָבען געהאַלטען ביים אויסגעהן. פּונקט אַנטקעגען דעם בלעכענעם חנוכה־לעמפּעל האָבען זיך געמאַטערט, ווי די צאַנקענדע קנויטלאך, עטליכע יונגע, בליהענדע שניידער־מיידלאך, זיי זיינען אויך אויסגעגאַנגען. כאָטש די מאַשינען האָבען גערוישט און די ארבייטער האָבען זיך געצאַ־פּעלט, האָט זיך מיר פון דעסטוועגען געדאַכט ווי אַ ל ע געהען דאָרט אויס, ווי אַלע שטאַרבען דאָרט פּונקט ווי די דינע חנוכה־ליכטלאך, און אָט די ליכטלאך, האָט זיך מיר געדאַכט, ברענען ווי איבער גע־וואַלד, און ווי פון זייערע פייערלאך פּראָטעסטירט דער שטאַרקער גייסט פון די מאַקאַבעער געגען די אונבעהאָלפענקייט און שוואַכ־קייט פון די מענשען...

אָבער אין מיטען פון מיינע געדאַנקען בין איך פּלוצלונג אויפ־געשפּרונגען פון א געשריי: „מערדער! גזלן! גיב מיר צוריק מיינע צעהן דאָלאַר! מיינע אָרעמע צעהן דאָלאַר גיב מיר! גנב! דו בענשט חנוכה־ליכטלאך אין שאָפּ און בערויבסט אָרעמע גרינע!“

דאָס האָט געשריען א גרינער יונגער מאַן, ביי וועמען דער כרומער שניידער האָט גענומען צעהן דאָלאַר אויסצולערנען איהם

אפערייטאריי, און איהם שפעטער בעשעפטיגען ביי זיך, אבער ער האט דעם גרינעם ארויסגעטריעבען. איך האב באלד ערפאהרען, אז דער פרומער שניידער־באס מאכט ממון קרח פון די ארעמע גרינע אידען.

דער גרינער אבער האט ניט לאנג געשריען. דער שניידער־באס, א איד מיט א רויטע בעזימדיגע בארד, און זיינע זיהן האבען דעם גרינעם יונגען מאן צושלאגען און צובלוטיגט און אראבגעוואר־פען פון די טרעפען.

די לעצטע חנוכה־ליכטעל האט זיך פערלאשען...

פינפטער קאפיטעל.

אזא מענש איז געוואוינט צו רייזען קען ער ניט זיצען אויף איין ארט, בפרט אזא מענש, וועמעס רייזע־בילדער עס האבען נושא חן געווען ביי לייטען. אזא בעל נסיעה קען געוויס ניט מעהר פיהרען קיין בטלנ׳ישען לעבען; זיך אריינגריב־לען אין א ספר און חלום׳ן. איך רייד דאס טאקע וועגען זיך אליין. איך בין אזוי צוגעוואוינט צו וואנדערען מיט מיין נאטיץ־ביכעל איבער׳ן אידישען קווארטאל, אז קוים האב איך זיך א פאר וואכען אבגערוהט, פיהל איך, אז דא האבען זיך װעלטען איבערגעקעהרט, אז דער קווארטאל איז אוועקגעלאפען העט, א שטיק פאראויס, און איך וועל מוזען איינשפאנען דעם אמעריקאנער וועטער־נביא איהם צו דעריאגען.

איך וויים ניט אויב איך וועל קענען כאפען אלע בילדער און סצענקעס, וואס איך האב פערפעהלט, ווייל זיי בייטען זיך דא ווי אין א פאנאראמא. אט איז שניפעשאק און אט איז בראנזוויל. אט גיבען נאך קבצנים געלד פאר קרבנות פון די פאגראמען אין רוס־

לאנד און אַט מעלדען בריעף, אז דאָס איז שוין צוטהיילט צווישען הוליגאנעס, פּאַגראַמשטשיקעס און פּראַצענטניקס. אַט זעה איך „פערברענטע" אפיקורסים און אַט קריכען זיי ארוים פון אש גע־לייטערטע אָרטאָדאָקסען מיט יארמולקעס אויף די קעפּ און מיט גאָט אין קעשענע. אַט זעה איך אַן אַניטאַטאָר און אַט דערקען איך איהם אַלס פעסימיסט...

אין א וואָך ווערט מען דאָ „איבערצייגט", מען פּראָפּאַגאַנ־דירט, מען איז זיך מיאש, מען ווערט א גרונט־אייגענטהימער, אָדער אַן אונטערקלייד־פאבריקאנט. אַט זעה איך בערג מיט נייע אי־דישע צייטונגען און אַט זעה איך בערגלאך מיט מצבות נאָך די אַלע גליקען. אַט זעה איך ווי מען קריטיקירט, מען לאַכט, מען „בלאָפט", מען בעריהמט זיך, מען „שמייסט" און מען פאָהרט.... און אַט געהט מען שוין צוריק פון מארק מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ ווי נע'שחט'ענע כפּרות, עס איז שוין נאָך אַלעמען !

אַט דאָס אַלץ ווערט אָבגעטאָן אין עטליכע טעג, פּונקט ווי מיט א כשוף. עס האַלט אין איין שפּילען זיך, און דער פאָרהאנג אין איין פערקאשערען און זיך ארונטערלאָזען. האָסטו פערפעהלט א סצענקע איז דאָס דיין אייגענע שולד. באַלד קומט א נייע סצענע, א נייע בילד, א נייער געדאנק, א נייער טיפּ, א נייער עפעקט און דו ווייסט ניט דעם צוזאמענהאנג. אין איין וואָך ווערסטו א „ריפּ וואַן ווינקעל", א מין „חונה המעגל" ; ניט דו קענסט דעם קווארטאַל, ניט דער קווארטאל קען דיך. דו מוזט ווידער אָנ־פאנגען פון „אלף בית" צו דעריאָגען העסטער סטרים.

מען „קיבוצט זיך."

אָבער ניט נאָר די בילדער בייטען זיך דאָ, נאָר דער לשון אויך. אונזער בעסערע העלפט פון דעם אונטערשטען טהייל פון

ניו־יאָרק — אונזער „דאון־טאון“ — האָט זיך אויסגעארבייט אַן אייגענעם „כלי־זמר־לשון“, וואָס ווערט נאָר פערשטאַנען אין געוויסע קרייזען. די „פּאַטריאָטען“ און רכילות חברים פון פערשיעדענע קלייזלאַך האָבען זייער אייגענעם ווערטער־בוך, וואָס ווערט גע־ברויכט צווישען טהעע מיט מילך און טהעע מיט לעמאָן אין אינ־טעליגענטע קאַפע הייזער.

זאָגט דעם אמת! אייער טאַטען האָט מען ווען עס איז „גע־קיבוצט“?

ביי אַן אינטעליגענטע גלאָז טהעע „קיבוצט“ מען זיך.

איך ווייס ניט אויב דאָס וואָרט „קיבוצען“ קומט פון „קיבוץ־גליות“, אָדער דאָס שטאַמט פון כיבוד, מכבד זיין, און מאַנכער אינטעליגענטער „למדן“ האָט געמאַכט פון „כיבוד“ „קיבוץ“, און פון „קיבוץ“ „קיבוצען“ א. ז. וו. — איך ווייס אָבער, אַז דאָס איז אַ גלות „קיבוץ“, אַז גלות־אידען „קיבוצען“ זיך, קהל׳ן זיך, נעהמען זיך צוזאַמען אין האָפּטעס, און קיבוץ׳ן ארום אַ טויבען טהעע־טי־שעל, מיט געדולדיגע פּיס, און גיבען די צונג די שפּאָרען, דעם מח — אַ שמעק טאַבאַק, דעם אויער אַ שלאָף־טרונק און דעם קאַפע־הויז אַ פּנים פון אַ היימישע חסידים־שטיבעל, אָדער עפּעס אַנדערש — און מען „קיבוצט זיך“.

— נו, ווי געפעהלט דיר דעם בלאָפער׳ס קיבוץ? גוט ארייג־געפאָהרען, הא? — זאָגט אַ בלאַסער איד, מיט אַ דינעם אויסגע־צויגענעם נאָז, צווישען אַ זופּ טהעע און אַ ציה סיגארעט. — נישט־קשה, די וועכענטליכע „בראָדעוועקע“ וועט שוין מעהר ניט בלאָפען; נאָך אַזאַ קיבוץ ליגט מען איינגעלייגט און מען האַלט ס׳מויל.

— וואָס? ווילסט שוין מיר אויך קיבוצען? איך וועט אַ שטאַרקע גלאָז טהע מיט לעמאָן און אַ טיקעט אין רוסישען טהע־אַטער, אַז דער קיבוץ איז קיין קיבוץ ניט, זאָגט, חברה קיבוצער, הייסט דאָס געקיבוצט?

אַט אַזוי ענטפערט א לאַנגער „חבר“ צווישען אַ זופּ און אַ גענעץ...

— און וואָס זאָגט איהר צו דעם וועכענטליכען „נעכטיגען טאָג“, ער האָט גוט דערלאַנגט די „לינקע יאַשטשירקע“ ? גוט אריינגעקיבוצט אַלעמען ? אַ כח אויף אַלע קיבוצער !

—אָבער וואָס הערט זיך מיט׳ן „באַראַבאַן“ און דעם „מאָרגען זשורלאַן“ ? זיי האָבען זיך פיין געקיבוצט !

— יאַ, אַ פיין קיבוצעל ! — מישט זיך אריין אַן אויסגעדיענטער סאָלדאַט פון דער פּערצייטיגער „בעוועגונג“, האַלטענדיג אין איין האנד אַ פּערלאָשענעם סיגארעט און אין דער צווייטער — אַ שטיק פּוטער־קוכען...

— הורריי ! טרי טשירס פאר דער „בראָדעווקע“, פאר דער „יאַשטשורקע“, פאר׳ן „באַראַבאַן“, פאר׳ן ריסישען טהעאַטער, פאר׳ן „נעכטיגען טאָג“ און פאר׳ן „מאָרגען זשורלאַן“ אָדער „שאַרלאַטאַן“! זיי זיינען אַלע גוטע קיבוצער ! הורריי !

דערביי אָבער זיצט די גאַנצע צייט אַ פערשלאָפענער „גענאָסע“ אָנגעשפּאַרט אָן אַ לעדיגע גלאָז, פונקט ווי ניט איהם מיינט מען דאָס און פלוידערט פון חלום : „קי....בוץ....קיבו....צען... נעכטיגער טאָג... באַ...ראַ... באַן... שאַר—לאַ—טאַן.“

דאָס איז אַ פעסימיסט. ער האָט שוין אָט די אַלע זאַכען לאַנג אריבערגעלעבט, זיין איינציגער וואונש איז — מען זאָל איהם לאָזען שלאָפען און ער זאָל זיך איה"ש אויפכאַפּען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

דער גאון פון בראָקטאָון.

אוועקגעהענדיג פון טישעל, בין איך ארויפגעפאַלען גלייך אויף דעם בראָקטאָנער „גאון“. דאָס הייסט, ניט חלילה אויפ׳ן „גאון“

גופא. גאָט זאָל מיר היטען פון אזאַ פאַל, נאָר אויף זיינע איין אנאָנסע, אָבער אָבגעהיט זאָל איך ווערען פון אזאַ פאַל אויך. איך האָב זיך שיער אויסגעבראָכען די צייהנער אָן זיינע שבחים, און האָב זיך איינגעשמירט פון קאָפּ ביז די פיס פון יענער צייטונג, וואו דער „גאון" האָט זיך אריינגעשטעלט....

אָט לייענט, כ'לעבען, און האָט הנאה!

אַ „גאון" אין בראָקטאָן, מאַסס.

„פון בראָקטאָן מעלדעט מען (!) דאָס דאָרט איז אָנגעקומען אַלס רב, מרא דאתרא, פּרעדיגער און פּרעזידענט פון היברו אַקאַדעמי (חדר בלע"ז) דער בעוואוסטער געלעהרטער ענד פילאָזאָף (סרעקלאך!) הרב הג. דאָקטאָר נח... זאָל לעבען... מיט דיזען גרויסען געלעהרטען, מטיף ומחבר שטאָלצירט די וועלט, (ער לאַכט דאָס). ער איז איינער פון יחידים ושרידים אשרי א"ד קורא, וואָס פעראייניגט תורה וחכמה, גמרא מיט פילוסופיא, (גיט א שמעק טאַבאַק!) ארמית, יונית לשון קודש און שפות לע"ז, ער האָט סמיכה פון ראָסיינער רב, הרב הג' אַלעקסאַנדער משה לפידות, קעניגסבערגער רב, מאיר ליבוש מלבים, ביאליסטאָקער רב ענד פון רבי שמואל מאָהליווער, האָט דיפּלאָמאַס פון פערשיעדענע (?) אונווערזיטעטען, ער איז איינער פון די בעסטע רעדנער אין ענגליש (גאָר אזוי!) און איינער פון די בעסטע שרייבער אין שפת הארץ (וואָס איז דאָס וויעדער?) דער מחבר פון ר' נחמן בר' לאַכמען, דער מעתק פון דניאל וגבריאל מארמית לעברית. ער איז געווען פון די בעסטע רבנים ענד דרשנים אין פילאדעלפיא (דאָס איז אַלץ אמת). האָט פיעל געלייסטעט פיר יודענטהום אין אַלגעמיין ענד די י ו ג ע נ ד בעזאָנדערס (דאָס מיינט מען ווידער מלמדות). בראָקטאָן מעג כ'לעבען שטאָלצירען מיט אזא וויכטיגע פערזאָן (א שאלה) ענד מיר (דער אדוועֹרטייזמענט) זאָגען יפה בחרתם.

נו, רבותי, ווי געפעלט אייך דער צעטעל? איך וויים אסור

וואו די קליינע בראָקטאָון טהוט זיך נעבאך אהין מיט אזא גרויסען „גאון“? ער וועט דאך דארט פאַנאַנדערשפּאַרען די וואַנד און אויפהויבען די דעכער. א רחמנות נעבאך אויף דער אָרעמער בראָק־טאָון! וואו וועט זי יעצט אהינקומען? אז בראָקטאָון איז ניט גענוג גרויס פאר בראָקטאָון און פאר׳ן „גאון“ איז מעהר ווי זיכער. איז מיר איבערהויפּט א חידוש ווי אזוי אזא גרויסער, גוואַלדיגער, הויכער, באַכמאַטנער „גאון“ האָט זיך גאָר דאָרט אריינגעקוועטשט? איינס פון דיביידע. אָדער בראוקטאָן וועט מוזען אָבטרעטען דעם „גאון“, אָדער דער „גאון“ בראָוקטאָון׳ען, און דער צווייטער פאַל וועט משמעות זיין דער אמת׳ער.

שוין איז אָבער, וואָס דער „גאון“ האָט זיין „סמיכה“ פון לויטער טויטע גאונים. לפידות איז שוין לאַנג טויט. דער מלבים איז אויף יענער וועלט א קאַרגען פערטעל יאהרהונדערט, דער מאַהליווער איז טויט פון א יאָהר 9. ווי בעקאַנט, פאר דער גרויסער אידישער וועלט, האָבען „מלבים“ און „מאַהליווער“ קיינמאָל קיינעם קיין סמיכה ניט געגעבען. ווייטער איז דעם „גאון׳ס“ העתקה פון דניאל ווי אויף צופוקענים גענומען פון רש״י און דאָרט, וואו דער בראָקטאָון׳ער „גאון“ מישט זיך אריין, איז גרויסע צרות. ווען ניט דער גרעסטער „פילוסוף“ און רעדנער „בשפת הארץ“ וואָלטען מיר אויך ניט געוואוסט, אז בראָקטאָון האָט א „אידישע אקאַ־דעמיע“. צוליעב דעם אליין האָט שוין געלוינט מיין יעצטיגע נסיעה אין אידישען קוואַרטאַל. זאָל די וועלט וויסען, וואָס בראָקטאָון האָט....

סיי־ווי־סיי האָט אָבער דער „גאון“ פון בראָקטאָון, מאַסס., צוגענומען אלע טיטלען פון דער גאַנצער וועלט. נאָך ווייס, ער איז אפשר א מאַנדאַרין אויך. ווען ער וואָלט בעצאָהלט פאר גאָך א פּאָר שורות, וואָלט מען איהם אויסגערעכענט דעם גאַנצען יחוס...

האָט, הייסט דאָס, דער בראָקטאָון׳ער „גדול“ אלע טיטלען און

איך האָב ניט קיין ברעקעל טיטעל פאַר דעם ברוקלינער פּאָעט, וועלכער איז דאָס ווערט, דערפאר וואָס ער וויל קיין געלד ניט פאַר זיין פּאָעזיע. איך האָב מורא, אז איך וועל זיך מוזען אריבער־באפּען אין ברוקלין צוליעב דעם ברוקלין׳ער, דען אויב ער איז ניט קיין „גאון“, דער ברוקלינער פּאָעט, א בעל־דברן איז ער א געוואַל־דיגער, און ער איז ווערט איך זאָל איהם קענען פערזענליך.

לעזט און ערקוויקט זיך:

„צו מיין פיעל געליעבטע ציימונג לעבען!
„אזוי ווי איהר האָט פון מיר קיינמאָל קיין גראמען געהערט,
זאָג איך אייך בעפאָר, אז עס איז קיין פּעני ניט ווערטה.
איך מיין ניט חלילה איהר זאָלט מיר דערפאר עפּעס געבען,
איך פערדין מיר עטליכע טאָלער און מאַך מיר א פיינעם לעבען.
אַ טאָלער אַהין, אַ טאָלער אַהער,
איך ווייס ניט וואו איך בין און וואָס איז מיט מיר דער מעהר.
איך וועל בעטען דעם עולם ער זאָל זיין רוהיג און שטיל,
וועל איך אָנהויבען צו מאָלען ווי א מיהל.
אז עס וועט זיך אויפהויבען ביז׳ן זיעבעטען הימעל.
און אין מיינע ווערטער זאָלט איהר האָבען א געפיהל.
אָט דאָס איז געוועזן מיין שטיקעל הקדמה,
נור איך פאַרשטיי אז אייך האָט אָנגענומען א קליינע הסכמה,
מיינע ליעבע ברידער זאָל גאָט געבען אָבער און ווידער
מיר זאָלען קומען אין אונזער פאָטערלאַנד מיט גערידער.“

אזעלכע פּאָעטען קען מען אויך נאָר געפינען אין אידישען קוואַרטאַל, פּונקט ווי די גרויסע „גאונים“, הימעלשרייענדע ארטיס־טען און געפעהרליכע קינסטלער. וועה די גוים, וואָס האָבען זיי ניט, און וואויל אונז אידען, אז מיר האָבען זיי! וואויל אייך, ברוק־לין, בראָקטאון, וואשינגטאָן, פּיטסבורג און כל קהלות הקודש און על כולם — וואויל דיר, ניו יאָרק!

זעקסטער קאַפּיטעל.

(אַ פּסח׳דיגע נסיעה)

אין אַ בריטשקע דורכ׳ן אידישען קוואַרטאַל. דאָס איז געוועזן מיין פּעסטער בעשלוס. און איך האָב דאָס דורכגעפיהרט.

איך בין חלילה נישט געפאָהרען פון מאָדע וועגען. ווען איך האָב געקענט געהן אין דער „איסט סייד" מיט געזונדע, קרעפטיגע טריט, זיכער און רוהיג, אָהן אַ שטעקען... האָב איך דאָס געטהאָן. איך האָב פיינד צו פאָהרען, וואו מען קען געהן צו־פוס... יעצט אָבער פעלט דאָס מיר שווערלאַך.

יא, דאָס מאָל בין איך געפאָהרען.

איך וואָלט אפשר געריטען, קען איך דאָס ניט. איך האָב נאָך קיינמאָל אויף ק י י נ ע ם נישט געריטען. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געוועזן „אויפ׳ן פערד" אויסער אויף דעם „פּעגאַזוס", דער געפליגעלטער, פייערדיגער שימעל, וואָס טראָגט די דיכטער אין די עולמות עליונים. אַזאַ פויגעל איז אָבער געוועזן אַ רחמנות צו טרייבען דורך די „איסט סיידער" בלאָטעס...

סאַי ווי סאַי יום טוב, האָב איך געטראַכט, איך וועל דורכפאָהרען דעם אידישען תחום און זעהן ווי מיינע אָרעמע ברידער לעבען. ווי זיי פרעהען זיך מיט דעם „יום חרותנו". איך האָב שוין לאַנג זייערע בלייכע פּנים׳ער ניט געזעהן, זיך צווישען זיי ניט געפרעהט און נישט געוויינט.

איך וואָלט דאָס געטהאָן אין אַ מיטען וואָך, דאָך זייער וואָכעדיגע צורה איז מיר צו גוט בעקאַנט, זי האָט מיך געקאָסט צו פיעל יאָהרען. ווען דער קוואַרטאַל לעבט אויף אין מיר, איז אין מיין זכרון נישט יום־טוב׳דיג. איך זעה אין איהם זיין פינסטערע, ביטערע ענגשאַפט, אין זיין דריקענים און עלענד, ווען ער פרייכט פאַר יגיעת נפש. איך בין דערפאַר געפאָהרען אום יום־טוב.

אַ אידישער געשפּאַן.

בעשעהרט געוועזן אָבער מיין נסיעה צו זיין אין גאַנצען אידיש. אפילו דער געשפּאַן איז אויך געוועזן אַ אידישער. איך וועל חלילה

נישט זאָגען, אַז דער פערד איז געווען אַן אָרטהאָדאָקס, אָדער אַ ירושלמי, אַז זיינע פּאַטקאָוועס האָבען געהאַט אַ הכשר, ספּעציעל געכשר'ט לכבוד פּסח; איך וויל אויך ניט זאָגען, אַז די ברישקע האָט געהאַט אַ מזוזה... איך קען זיך אפילו נישט בעריהמען, אַז איך האָב געדונגען דעם געשפּאַן אין דער אידישער גאַס, אין אַ אידישען שטאַל, אויף וועלכען עס זיינען אויפגעשריעבען די לוסטיגע פּסוקים פון די שבעה ברכות: „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה... גילה, רינה, דיצה, חדוה"... א. ז. וו. ניין! איך קען זיך דערמיט ניט בעריהמען, דען איך האָב גאָר געמאַכט דעם מסחור ביי דעם סאַמע גוי'שען גרענד סענטראַל דעפּאָ.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ קוטשער אין אַ ליוורעי מיט געלע קנעפּ און אַ הויכען הוט און האָב איהם אַ פרעג געטאָן:

— ווייסטו וואו פּיטט סטריט איז?

— רידזש סטריט אויך.

— עססעקס סטריט?

— לודלאָוו סטריט אויך.

— מאָנראָו סטריט?

— טשעררי סטריט אויך.

— נו, און די רעדאַקציעס פון די אידישע צייטונגען?

— איהר מיינט הפּנים, אַז איהר רעדט דאָס דאָ צו אַ גוי, האָט מיר דער קוטשער געענטפערט ווי ברוגז'לאַך. — איהר דאַרפט וויסען, אַז איך בין אַ יאַהודי.

— אַ „יאַהודי"! איך בין געבליעבען שטעהן אַ פערבליפטער און האָב אויסגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר אויגען ווי מצה־קניידלאַך. איך האָב מורא פאַר אַ „יאַהודי", ס'הייכט פאַר אַ דייטשען איד, וואָס קען קיין דייטש ניט און איז קיין איד ניט. איך ווייס, אַז „יאַהודים" האָבען פיינד דעם אידישען קוואַרטאַל, און זייערער אַ חברה־מאַן קען מיך נאָך פערפיהרען דער שוואַרץ יאָהר ווייס אַוואו. איבערהויפּט די ניו יאָרקער „יאַהודים", וואָס זוכען איבערצופיהרען אַלץ, וואָס אידען האָבען איינגעפיהרט. דער קוטשער האָט געזעהן מיין פערלעגענהייט און האָט מיר עפּעס ווי וויסענדיג ערקלערט, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ סאַפּעטקינער און די מאַמע אַ מינסקער, אַז ער איז געקנעטען און געפלאָכטען פון גאָלע ליטוואַקעס...

אַ שטיין איז מיר אַראָב פון האַרצען. איך האָב זיך מיט דעם

מינסקער „יאהודי“ אביסעל צו'טענה'ט, אין ענגליש נאטירליך. ער האט גערעדט נאר ענגליש, ער איז געווען א געבארענער אין פארסייט שטראססע... דער כלל, מיר זיינען מושוה געווארען און איך בין אריינגעקראכען אין ברימשקע. קריכענדיג האב איך געווארפען א בליק אויף דעם געשפאן, אויפ'ן סוס און אויף די לאבעדריקעס, עפעס האב איך שוין אויף זיי געקוקט מיט א פער־דאכט... זיי זיינען, דאכט זיך, געווען אין דער בעסטער ארדנונג, נאר אן פערד'ס אראבגעלאזענעם קאפ האב איך ווי דערקענט, אז ער איז א אידישער...

פערד, גנב און קאפעלוש.

די בריטשקע איז געווען אן אפענע, א „הענסאם קעב“ כדי איך זאל קענען אלץ און אלעמען גענוי בעטראכטען. דער קוטשער איז געזעסען אויף א הויכען זיץ פון הינטען און איז אויסגעקומען גלייך מיט'ן דעכעל.

— וואו זאל איך פאהרען צום ערשטען? האט מיך דער קוטשער געפרעגט

— אין גאליציאנער געגענד, האב איך איהם געענטפערט, און ער האט א קנאק געטהאן מיט'ן בייטש.

עס איז אוועק ווי געשמירט.

ער איז אריינגעפאהרען מיט מיר אין האוסטאן סטריט, איז אבגעפאהרען איינינע קווער גאסען און איז געבליעבען שטעהן. האוסטאן סטריט איז פערנומען, זי איז „נישט צום האבען...“ א לעבעדיגער בארג ראיעט זיך אין מיטען וועג און די טראטוארען „גימזשען“ מיט מענשען. אין מיטען פון אט דער דאזיגער גרומאדע שטעהט א פאליציסט און הויבט אלע רגע זיין „וואלגערהאלץ“ איבער אן אלטען, אבגעקראכענעם רעקעל, אין וועלכען עס איז איינגעוויקעלט א בינדעל דארע ביינער, וואס הייסט „גנב“.

וואס דער בלייכער, צושראקענער, אידישער יונגערמאן האט גע'גנב'עט, וויים איך נאך יעצט אויך נים, איך וויים נאר, אז מען האט איהם געכאפט און געשלאגען מכות רצח. א גנב, — אבער עס האט מיר פערקלעמט דאס הארץ ביז טרערען, א ביטער געפיהל האט מיך ארומגענומען צו חלש'ן קוקענדיג אויף זיין צובלוטיגט, צו'הרג'עט פנים. און איך וואלט אפשר גע'חלש'ט פאר ערגערניס און עקעל ווען אין סאמע מיטען פון דעם מענשישען מוראשניק,

הארט נעבען מיין בריטשקע, וואָלט ניט געשטאַנען אַ בעיאָהרענטע בתולה אין אַ גרויסע פריהלינגס־היטעל אויפ'ן קאָפּ, אָן אמת'ע לאָנקע מיט גראָז, זאַנגען און בלעטער, וואָס מיין פערד האָט זיך לאַנגזאַם געקאַיט...

די נקבה האָט זיך נעבאָך געוואָלט ראַנגלען, אָבער די הענד זיינען איהר געווען צוגעדריקט צו די זייטען, דער מענשען־שטראָם האָט זי אַריינגעטראָגען אין מיטען פון דעם צומישעניס, זי האָט זיך ניט געקענט אַ קעהר טהאָן און דער פערד איז געשטאַנען גלייכגילטיג, ווי ניט איהם מיינט מען דאָס, און האָט געטהאָן דאָס זייניגע...

אַ שטאָדטיש פערד, האָב איך געטראַכט, עס ווייס אפילו ניט דעם חילוק פון אמת'ע גראָז און פאַלשע... הײנט האָב איך סתם מורא געהאַט מען זאָל איהם ניט „לינטשען“ פאַר'ן עסען די „חמץ'דיגע זאַנגען“ אום פּסח אין מיטען גאַס... דאָס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען וואָס איך בין געוואָרען אין כעס אויף אַ פערד... איך האָב פשוט רחמנות געהאַט אויף דער אָרעמער בתולה, וואָס האָט בעצאָהלט מיט מיטאָגס פאַר איהר פסח'דיגען קאָפּעלוש... און דאָ שטעהט אַ פערד און עסט איהם אויף... מיין קוטשער האָט זיך קוים מיט צרות אַרויסגעדרעהט פון האָוסטאָן סטריט, נאָר פאַר מיין געדאַנקען־בליק האָט אומ־געשוועבט דער צו'ממית'טער גנב און די צוקאַיטע היטעל...

קריזים.

פאָהרענדיג האָב איך געזוכט דעם געוועהנליכען יום טוב פון דער אידישער גאַס: כאָטש די געמאַכטע פרעהליכקייט פון דעם אידישען אָרעמאַן, אָבער איך האָב דאָס ניט געפונען. דאָס איז געווען דער צווייטער טאָג פון די ערשטע טעג פּסח. דאָס וועטער איז געווען גינסטיג פאַר שפּאַציערגאַנג, פאַר פרעהליכע יונגע מיידלאך און בחורים, נאָר אַנשטאַט די לוסטיגקייט פון לעבען איז געהאַנגען אַן אומעט אין דער לופטען.

עס האָט זיך ניט געשפּירט די צייט פון „שיר־השירים“ אין אידישען קוואַרטאַל. דאָס לעבען איז עפּעס געווען ווי איינגעשרומפּפען, די גאַסען האָבען געאָטהעמט ווי יאַדושליווע, קורץ און כריפּנע.

איך האָב געזוּכט דעם גאַליציאַנער אידישען טיפּ וואָס איז

אזוי כאראקטערנע גלות־אידיש. דאָ און דאָרט זיינען געשטאנען אָדער געגאנגען קופּקעס אידען, גאליציאנער אידען, מיט געגאָלטע פּאטיל־ניצעס ביז טיעף הינטערן קאפּעל, מיט יוסטע, בכבוד'ע בערד, מיט צילינדער היטלען אויף די קעפּ און לאנגע ליולקע ציביקס אין די חסיד'ישע מיילער... זיי האָבען אלע גערעדט, מאנכעס מאָל זיך וויעגענדיג, האָבען געמאכט מיט די הענד, מיט די גראָבע פינגער, נעקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשמייכעלט, אין אלגעמיין אָבער האָבען זיי נישט אויסגעזעהן „האל בתעצומות'דיג"...

קינדער האָבען געקישעט און זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. אומעטום זיינען זיי פול געווען, וואו מען האָט נאָר געוואָרפען א בליק. עס האָט ווי דערמאָהנט אָן מצרים, וואו אידען האָבען זיך „געווידמעט" און געפּרוכפּערט אויף להכעיס... נישט פיעל קינדער האָבען געטראָגען נייע רעקלאך, אָדער שיכלאך, די מעהר־טע כמעט זיינען געווען קוים בעקליידט און בעשוכט. זייערע פּנים'לעך זיינען ניט געווען בעגאָ־ען מיט דער שכינה פון יום טוב, זיי זיינען געווען בלייך און ניט איבעריג מוטהיג.

נאָר קינדער פון דעסטוועגען, זיינען זיי געלאָפען, געשפּרונגען, האָבען געקלעטערט, געשטיפט, געשריען, געשפּיעלט פּילקעס. מיר האָט זיך אָבער גערדאכט, אז זייער פּילקע פליהט ניט מיט אזא שנעלקייט ווי אמאָל; אז זיי האָבען איהר ניט קיין כח צו ווארפען און איך האָב א טראכט געטהאָן: א פּילקע וואָס ווערט געוואָרפען מיט די קראפט פון „מעות חטים" פליהט ניט ווייט...

די פיער קשיות.

פאָהרענדיג דורך דעם גאליציאנער געגענד האָבען זיך מיר נאָר געוואָרפען אין די אויגען די הונדערטע רעסטאָראנטען און רעסטאָראנטלעך מיט זייערע „כשר לפּסח'ס", מיט זייערע טויזענדע קוריאָזע, פערגרייזטע אויפשריפטען אויף די שילדען און פענסטער. איך האָב געלייענט די דאָזיגע אנאָנסען און געקלערט: אויב אין די רעסטאָראנטען איז אזוי אויסגעקאָכט ווי אויף זייערע שילדען איז „אויסגעלעגט", אויב אין די פּ־ח'דיגע געריכטען זיינען דאָ אזוי פיעל „גרייזען" ווי אין די אויפשריפטען, דאן וועט אם ווענינגסטענס באלד נאָך יום טוב שווינדען דער קריזיס אין דער אינדוסטריע פון גלויבער־זאלץ...

איבערהויפט האָב איך זיך געוואונדערט אויף די הונדערטע „קוויק לאָונטש“ רעסטאָראַנטען, די על רגל אחת־קיכען. אַמאָליגע יאָהרען האָט מען זיי ביי אידען גאָר ניט געזעהן. דאָס איז אַן אַמעריקאַנער אויפטהו. „אייל זיך־טראַקטירען“, „האָררי־אָפּ“־המוציא׳ס, זיי זיינען דער פּראָדוקט פון אַמעריקאַניזירונג...

אַמאָליגע יאָהרען האָט מען כאָטש אין אַ אידישען כשר רעסטאָראַנט געגעסען אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד און פערטרונקען מיט אַ כפל שמונה׳דיגען „אַרבייטער פריינד“ ביז מען האָט זיך אָנגעגעסען מיט „דיספּעפּסי“, מיט מאָגען־קאַטאַר, יעצט אָבער געדויערט דאָס דריי מינוט און מען איז אַ פאַרטיגער... דער כלל, מיר פּראָגרעסירען.

צום שטאַרקסטען האָט מיך פעראינטערעסירט אַ מילכיגער טראַקטיר,אַ „דעירי“, וואָס האָט געהאַט אויפ׳ן פענסטער דעם דאָזיגען מערקווירדיגען אויפשריפט:

„כשר׳ע דאַירי לפסח און קוועק לאָנש קאַנטער, מילכיקעס אַ
ספּעציאַליסט, גרעסטער קאַלבס בראַטען אין שיטי.
קומט שנעל און צאַיגט זעך איפּער“.

איך האָב זיך אָנגעהויבען אַליין צו פרעגען פיער קשיות. ע ר ש ט ע נ ס: אויב דאָס וואָרט „דאַירי“ מיינט דאָס ענגלישע וואָרט „דעירי“, אַ מילך־געשעפט, אָדער טאַקע ווי עס איז אויסגעלעגט אויפ׳ן פענסטער „ד אַ י ר י“, אַ בויך־וועהטאָג, שלשול, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט. צ וו י י ט ע נ ס: ווי קומען פליישיגע מאכלים אין אַ מילכיגער גאַר־קיך? ד ר י ט ע נ ס: ווי קומט אַ גרויסער קאַלבס־בראַטען, דער גרעסטער אין „שיטי“ אין אַ „קוועק לאָנש“ „קאַנטער“ אין אַ „אייל־זיך“ טראַקטיר? און פ ע ר ט ע נ ס, צו וואָס דאַרף מען אַ „קוויק לאָונטש“־רום אין אַ קריזים? ווער האָט דאָס קיין צייט ניט?

איך וואָלט אפשר פּראָבירט זוכען אַ תירוץ אויף די פיער קשיות, אבער דאָ האָט מיין פערד נעקראָגען מיט אַ „קניידעל“ אין זייט און האָט אָנגעהויבען לויפען ווי אַן אָבגעבריהטער.

אַ כל בו׳ניק מיט אַ המשך.

ניט ווינציגער מערקווירדיג אין דעם געדיכטען אידישען קוואַרטאַל איז די וואַריאַציע, די פערשיעדענאַרטיגקייט פון די קראָמען, געשעפטען און „פרנסות“, וואָס געפינען זיך אין איין איינציגער

טענעמענט־הויז. מיך האָט געאַרט די פראגע, ווי אזוי א פרעמדער קען אמאָל דערגעהן א טאָלק אין אזא מין „דזשינגעל“, אזא ווילדען פלאָנטער, אזא כל בו'ניק?

איין הויז אין דער גאליציאנער שכונה האָט איבערטראָפען אַלע אנדערע אין דעם געמיש פון מסחרים און „פרנסות“. דאָרט איז געווען אַן אמת'ע „פּאָפּורי“ פון געשעפטען, א וכל מאמינים־הויז.

זי איז פון אונטען ביז אויבען געווען פערשמירט מיט בלאָטע און מיט ביזנעס...

ברוכגארטלען, קאָרסעטס, קוליעס, שליסלען, א געל־גיסער, א מוהל, א „רעוורענד“, אַן אפטייק, א דאמסקער שניידער, א קוזשנע, א „מכשף“, א שטאַל און, להבדיל, א חסידישער מנין...

איך האָב געזוכט א שטיקעל המשך צווישען אָט די אַלע מכשירים, מטלטלים און אַלץ מיט אנאנדער, און האָב קוים מיט צרות געקענט בלויז ע פּ ע ס צוזאמענשטעלען כלאמר: אויב דו ווילסט א ש ל י ס ע ל צום קאָרסעט, טאָ גרייט זיך פאר איינס אָן א פּאָר ק ו ל י ע ס, און אפשר א ב ר ו ך־ג א ר ט ע ל אויך....

ליכט און שאטען.

איך האָב געהייסען דעם קוטשער פאָהרען פּאוואָליע. וואָס טיעפּער איך בין אריין אין קווארטאל, אַלץ אינטערעסאנטער איז ער געוואָרען.

אָט שטעהט א גרינער אין א פּאָר גרויסע שטיוועל מיט לאנגע כאָליאָוועס נעבען א שמוציגע קעסטעל אויף צוויי שטעקענס. דאָס איז א „קאמערא“, א פאָטאָגראפישער אפּאראט, און דער גרינער איז א „פאָטאָגראפער“... ער מאכט פאר א „ניקעל“ א „בילד“ אויפ'ן מיטען גאַס. דאָס איז א גאלערי, וואָס קאָסט נים קיין דירה־געלד.

דער „אפּאראט“ איז אָנגעשטעלט אויף צוויי אָרימע, בלייכע קינדער, א אינגעלע מיט א מיידעלע, נאָך גרינע, זעהט זיך, די מאמע שטעהט דערביי און קוועלט. פאר פינף סענט וועט זי האָבען די „בילדער“ פון איהרע קינדער. זי וועט דאָס אפשר אוועקשיקען אין דערהיים צו דער באָבען...

ווי טרויעריג אינטערעסאנט!

איך האָב זיך נעבען דער דאָזיגער „פאָטאָגראפיע“ אָבגעשטעלט. עס איז צוגעקומען א הויכער, דארער איד אין א מין „פרינץ

אלבערט“, וואָס האָט זעהר קאָמיש אויסגעזעהן. דעם אידענס באָרד איז געווען צואוואָרפען אין א פּאָעטישער אונאָרדנונג... איין „קאלאָשע“ האָט געשטעקט אין שוך און די צווייטע איז געווען אריבערגעלאָזט. אויפ׳ן האנד האָט ער געטראָגען א קינד פון אן אונבעשטימטען קאָליר... וואָס האָט געהאלטען ניט אין קיין צו ריינע הענטעל א שטיק צוגעסמאליעטע מצה... דער איד האָט א קוש געטהאָן דאָס קינד, איך האָב זיך פערקוקט... דאן האָט ער דערלאנגט דעם „פאָטאָגראפער“ א „ניקעל“ און האָט געהייסען זיך ארונטערנעהמען.

איך וויים ניט ווי די בילדער זיינען ארויסגעקומען, איך וויים אויך ניט ווי אזוי אזא מין „גאלערי“ ארבייט, איך וויים נאָר, אז אויב העלקייט און דונקעלקייט שפּיעלען א ראָלע אין דער פאָטאָגראפישער קונסט, איז דאָ געווען גענוג ליכט און שאטען...

קאָרנער „איך וויים ניט“.

מיר זיינען וויטער געפאָהרען און קומענדיג צו א „קאָרנער“, אן עק גאס, האָב איך האסטיג געהייסען זיך אָבשטעלען.

— נישטאָ דאָ איבעריגס וואָס צו זעהן, — האָט דער קוטשער צו מיר אריינגערעדט.

— שאדט ניט, — האָב איך איהם געענטפערט, שטעה! זאָג מיר וואָס דאָס איז פאר א „קאָרנער“!

דער קוטשער האָט זיך אָבגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און געענטפערט: „איך וויים ניט, נישטאָ אויפגעשריעבען קיין נאָמען פון א גאס אין דער גאנצער „איסט סייד“.

איך האָב פערנאָטירט „קאָרנער איך וויים ניט“.

מיך האָט אייגענטליך ניט געארט דער „קאָרנער“, נאָר דאָס איינגעהויקערטע, איינגעבראָכענע בריעפקעסטעל, וואָס דאָרט איז געשטאנען. א ביטערער רחמנות האָט מיך אָנגענומען קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען קעסטעל. איך האָב, דאכט זיך, קיינמאָל אין מיין לעבען אזא אומעטיגע, טרויעריגע און פערצווייפעלטע בריעפקעסטעל ניט געזעהן. מיר האָט געשיינט, אז דאָס קעסטעל איז אלט און צובראָכען געוואָרען פאר דער צייט, בלויז פון די יסורים פון די בריעף, וואָס געפינען זיך דאָרט... א ים מיט אימה׳דיגע רעיונות זיינען איבער מיר געקומען דענקענדיג וועגען דעם דאָזיגען בריעפקעסטעל פון דעם פער׳חושך׳טען אידישען קווארטאל, ווען אזוי

פיעל אָרימע און עלענדע פערטרויען זייערע שווערע הערצער.

ווען איך בין געזעסען אין אזעלכע אומעטיגע מחשבות, איז צוגעקומען צום קע־טעל אַ מיידעל, האָט אויפגעהויבען דאָס צו־בראָכען דעקעל, אביסעל נאָכגעדענקט, און שנעל אריינגעוואָרפען איהר בריעף. איז נאָך געשטאַנען אַ רגע פערטראַכט און לאַנגזאַם, און ערנסט אַוועק צוריק.

נים, צייהנער און פאָנאָגראַפען.

מילא אז דער אידישער קווארטאַל איז בעריהמט פאַר זיינע פעדלערשע „פּוש־קאַרטס“, שטופּ־וועגעלעך, איז שוין קיין נייעס נים. ניטאָ וועגען דעם פיעל וואָס צו רעדען, די דאָזיגע ערשיינונג האָט מיך נישט איבערראַשט. איך וויים, אַז אַ סך, גאָר אַ סך אָרימע מענשען שטופּען פון אָט די שטופּ־וועגעלעך ווי־עס־איז דורך אַ שטיקעל חיונה. אויפפאַלענד און אויסערגעוועהנליך איז מיר אבער פאָרגעקומען דאָס, וואָס כמעט אלע „פּוש־קאַרטס“ זיינען געוועזן פול מיט נים און ניסלעך, גרויסע און קליינע.

די שייכות פון פסח מיט נים איז פאַר מיר געוועזן אַ האַרטער נוס צום צוקנאַקען. איך האָב דאָס נים פערשטאַנען. מיך האָט דאָ אויך געאַרט נאָך אַ זאַך. ווער קנאַקט אין אמעריקא אַזוי פיעל נים, אז אלע האָבען ביי די היגע פרייהייט די צייהן פערלאָרען ?... איך האָב זיך אָבער באַלד דערמאָנט אָן די גרינע, איבערהויפּט די רוסישע, זיי קומען נאָך אַריבער מיט צייהנער נאָך אַמעריקאַ...

די אינטערעסע פון די „פּוש־קאַרטס“ מיט די נים האָט זיך גלייך פערלאָרען אין די משונה'דיגע מוזיק פון צוויי הייזעריגע פאָנאָגראַפען, וואָס האָבען געזונגען פון צוויי בעזונדערע צוקערקעס־קרעמלאַך פוןביידע זייטען טראָטואַר. איינער האָט געזונגען „מיר, מיר אידעלעך“, און דער צווייטער קאַרוזאָ'ס אַריע פון „לוטשיא דע לאַמערמור“. ביידע „מנגנים“ האָבען זיך געריסען אויף דער גאַל, פונקט ווי איינער וואָלט וועלען אַריבערשרייען דעם אַנדערען.

משמעות, אַז מיין פערד איז פון די מוזיק שטאַרק בעגייסטערט געוואָרען. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט זיך גענומען אַרומקוקען... ער האָט זיך פּשוט געוואָלט אָבשטעלען, נאָר ער האָט דערשפּירט דעם בייטש און האָט זיך האַסטיג פערקירעוועט צוריק אַהיים....

ביבעל און באבעל

אויפ'ן בארג, אונטער'ן בארג
שטעהען א פאר דייטשען,
מיט די לאנגע בייטשען,
הויכע מענער זיינען זיי,
קורצע קליידער טראגען זיי,
אבינו מלך א. ז. וו.
(א פאלקס־מאטיוו.)

מיט ליעב אונז אונזער גאסט!
מיט ליעב זאלען מיר לעבען.

פראפעסאר פריעדריך דעליטש, דער פערפאסער פון „ביבעל און באבעל“, איז דא.

ער איז א דייטשער געלעהרטער און איז געקומען אזש פון דייטשלאנד, פונקט ווי דא איז אמאל געקומען זיין חנ'עוודיגער לאנדסמאן דר. אלווארד, צו דערצעהלען, אז אידען זיינען גנבים. דער אונטערשיעד איז נאר דאס, וואס אלווארד האט געזאגט, אז אידען גנב'ענען געלד, און דעליטש זאגט, אז מיר אידען האבען גע'גנב'עט די תורה.

נאך א בעריהמטער דייטש האט א מאל „אויפגעוויזען“ מיט אותות ומופתים, אז אידען האבען גע'גנב'עט „כל נדרי“, אז אידישע נשמות זיינען טרוקען ווי א דייטשער קיווער, אהן א טראפען מוזיק אדער פאעזיע און אז היינריך היינע איז בלויז געוועזן א „פאליטי־שער בדחן“.

וועלכער פון די „דייטשען מיט די לאנגע בייטשען“ עס טהוט

אונז מעהר וועה איז א שטאַרקע פראגע. אָבער ווי זאָגט עפּעס די מסכת בבא קמא „הצד השוה שבהם“, דאָס הייסט, די אונ־טערשטע שורה איז, אז „דרכם לילך ולהזיק“, אז זיי זיינען אַלע דריי מזיקים.

עס איז קיין פראגע ניט, אז פּראָפעסאָר דעליטש איז אַ קענער. אויב אַ אידישער רב וואָלט געמעגט קענען לשון קודש, וואָלט דע־ליטש געקענט זיין א רב הכולל אפילו אין בראָנזוויל, דאָך אויב דער געעהרטער פּראָפעסאָר מיינט, אז ער האָט מיט זיין „ביבעל און באבעל“ שוין אַלץ בעוויזען, האָט ער א טעות.

הערט אדרבא!

נאָך כמה יאָהרען זוכען און גריבלען האָט ער ערשט קוים מיט צרות „אויסגעפונען“, אז די עשרת הדברות, אפשר די עשר מכות אויך, זיינען קאָפּירט געוואָרען פון די באבילאָניער.

אויב אזוי, הייסט דאָס, איז גאָר קיין „מתן תורה“ ניט געווען, איז גאָר גאָט אויפ׳ן בארג סיני ניט אראָב און משה איז אין הימעל ניט ארויף. (דאָס האָט דאָך די גמרא שוין לאַנג געזאָגט. דער זעצער.) אידען האָבען גאָר קיין אייגענעם גאָט אויך ניט, זאָגט דעליטש, זאָנדערן זיי האָבען איהם געבאָרגט ביי די כנענים און אזוי ווי די כנענים זיינען שוין לאַנג טויט, האָט זיך ביי אונז אָבגעשטעלט זייער גאָט, אָבער ער איז א פרעמדער. יעצט, אז מען האָט אונז געפּאַקט ביי דער האנד, מוזען מיר איהם אָבשטעקען צוריק.

אַ שענער עסק, כ׳לעבען!

מיט איין וואָרט, פּראָפעסאָר דעליטש האָט ענטדעקט א „באבעל אין ביבעל“, דאָס הייסט דערלאַנגט דער אידישער אמונה „מיט א גוברנאַטאָר אין זייט“.

מען קען ניט לייקענען, דאָס איז אן ענטדעקונג, נאָר איך מוז זאָגען דעם ענטדעקער, אז איך האָב אויך עפּעס ענטדעקט און נאָך

אפשר א וויכטיגערע זאך ווי זיינע. ער איז געגאנגען אויסגראבען די אלטע באבילאנישע קולטור, וואס ליעגט שוין לאנג אין דר'ערד, אום אויסצוגעפינען דארט דעם אמת, וועלכער ליעגט אויך אין דר'ערד, איך אבער האב נעעפענט די אידישע קברים גופא, און איך האב אויך געפונען...

איך וויים ניט אויב מיר האבען קאפירט די באבילאנישע תורה, איך האב אבער אויסגעפונען, אז מיר האבען קאפירט דעם דור הפלגה.... מיר האבען ניט נאר א בבל אין חומש, ווי דעליטש זאגט, נאר אין אונזער גאנצען לעבען, רבותי, ווי איך זאג אייך.

וועלענדיג ארויפקריכען אין די וואלקען און זיך פערהערען מיט דעם רבונו של עולם, וועלכער איז לויט די נייע ענטדעקונג גאר ניט אונזערער, זיינען מיר אזוי צומישט געווארען, אז מיר ווייסען ניט איינע פון די אנדערע. די „אויבערשטע" פערשטעהען ניט די אונ־טערשטע און יעדער איינער טהוט פונקט פערקעהרט ווי ער דארף טאן...

עס איז דער טהורם פון בבל.

פון דעסטוועגען האט דעליטש אויפגעטאן א גרויסע זאך. ערשטענס, וועלען די אידען אויפהערען צו האבען פרעטענזיעס צום רבונו של עולם פאר וואס ער האלט זיי אזוי לאנג אין גלות. זיך דערוויסענדיג אז אונזער גאט איז בלויז אונזער שטיעף־גאט, אז ער איז אונזערער א ווילד־פרעמדער, וועלען מיר אנהויבען זוכען א מי־טעל זיך אליין צו העלפען.

נאטירליך האט אבער דעליטש, מיינענדיג זיך נוקם צו זיין אן די אידען, דערווייל „ארייגערוקט א קלין" דעם אנטיסעמיטיז־מוס. פון איין זייט פרעהען זיך די אנטיסעמיטען, וואס די „ביבעל איז א ליגען" און אידען זיינען גנבים, פון דער צווייטער זייט אבער, קריינקט דאס זיי, וואס די קריסטען וועלען מעהר ניט קענען האבען

צו אונז קיין פּרעטענזיעס, אז מיר האָבען גע'הרג'עט זייער גאָט, וועלכער איז גאָר א באבילאָניער.

דער צלם וואָלט שוין סיי ווי סיי לאַנג ארוים פון דער מאָדע, ווען מען וואָלט ניט בעדארפט אויף איהם קרייציגען די אידען....

דערפאר האָבען זיך דאָס געפונען אמת'ע, גאָטספאָרכטיגע גלחים, וואָס ווילען זיך פּערהערען מיט דעם פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זיי צופייפט דעם גאנצען עסק... און אפילו די רעפאָרם־ראבבים האָבען זיך אויף דערשראָקען. וואָס וועלען זיי יעצט טאָן? אויב קריסטענטום איז אויף א „בלאָף" און דער „ראבבי פון נוצרות" איז דורך דעליטש'ס ענטדעקונג אויף „נעצר" געוואָרען, איז טאַקי א מיאוסקייט.

די אָרטהאָדאָקסישע רבנים זיינען שוין דערפאר א סך רוהיגער.

זיי געהט גאָר די גאנצע מעשה ניט אָן. זיי ווייסען פּשוט פון קיין שום פּותר חלום ניט.

ניט זיי ווייסען, אז עס איז פאראן א דעליטש, ניט זיי קענען די ביבעל און ניט זיי קימערט די אידען. ביי זיי ליעגט די גאנצע אידישקייט אויף'ן יאטקע קלאָץ און זיי היטען זי, ווי עכטע.... רבנים....

עס קען ר' קוצק און ר' אץ
ניט מעהרער ווי דעם יאטקע קלאָץ.
וואָס אַרט זיי ביבלישע קריטיק?
אין „בשר כשר" רוהט דאָס גליק.
מען דאַרף קיין פאָרשונג און קיין זין,
אבי מען קוילעט לויט דעם דין....
א תכשר דאָ, אַ תכשר דאָרט,
און אידען זיינען אידען פאָרט, —
מען היט דעם גאָרגעל און דעם פּראָד,
און האָט די גאַנצע וועלט אין באָד.

יאָ, מען פיהרט אונז אין באָד פון אַלע זייטען.

דעליטש קומט און דערצעהלט, אז די גאנצע תורה איז די ארבייט פון באבילאָנישע גלחים, אלזאָ האָט זיך שוין דער קישינע־ווער שמש אומזיסט מוסר נפש געווען נעבען דער סופר תורה, דער רבי'ל יאפפע פון בית מדרש הנאָדעל האָט אומזיסט געשאָלטען דר. הערצל אין טאַטענס טאַטען אריין דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געלייענט קיין קריעת שמע, און איך אליין כאַפּ אָפּט א שטיין אלס איד אויף נבוכדנצר'ס חשבון...

א געוויסער דאָקטאָר וויעדער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביי די ניו יאָרקער „יונייטעד היברו טשאַריטיס" צו אונטערזוכען קראַנ־קע אָרעמע לייט, האָט אָפּען ערקלערט, אז אידען האָבען גאָר גוי'שע קעפּ. דער דאָקטאָר האָט דאָס אויסגעפונען מעסטענדיג די קעפּ פון די אָרעמע לייט. און ער איז גערעכט, דער דאָקטאָר: אז דו ביסט א קבצן, האָסטו א גוי'שען קאָפּ אויף זיך, ווען דו וואָלסט געהאַט א יהודי'שען קאָפּ, וואָלסטו געשפּיעלט אויף דער בערזע.... און ער איז אויך א צווייטען מאָל גערעכט, דער דאָקטאָר: אידען וואָס געהען צו די היברו טשאַריטיס, האָבען קיין קעפּ ניט...

דען שטעלט זיך נאָר פאָר!

א געבעריכטער „בינגלער" געהט צו די טשאַריטיס נאָך א ברוכ־גאַרטעל, מעסט מען איהם גאָר דעם קאָפּ און מען געפינט אויס, אז ער איז א טאַטער, אז ער שטאַמט גאָר פון „פתרסים" און „כסלחים", אָדער פון די „חצר'מות'ניקעס". הייסט וויבאַלד אז יאָ אַזוי, טאָ וואָס ווילסטו פון די היברו טשאַריטיס? אז דו ביסט א כסלה, טאָ געה צו די כסלחים און זאָלען זיי דיר העלפען...

און מערקווירדיג! וויפיעל קעפּ דער דאָקטאָר האָט געמאָסטען ביי די אידישע אָרעמע לייט, זיינען זיי אַלע געווען פרעמדע קעפּ.

אלזאָ, איינער זאָגט, אז מיר האָבען גע'גנב'עט די עשרת הדברות, דער אנדערער זאָגט, אז מיר האָבען גע'גנב'עט קעפּ.

ס'הייסט אונזער תורה איז ניט אונזערע און מיר אליין זיינען אויך ניט אונזערע, בכן קומט אויס לויט דער דאָזיגער לאָגיקע, אַז מיר אליין זיינען גאָר ניט מיר, אַז מיר עקזיסטירען גאָר ניט, און אַז מען שלאָגט אידען דארפען מיר שווייגען. וואָס ארט דאָס אונז? זאָלען די אידען שרייען.... אַז אַ איד כאַפּט אַ קלאַפּ אין קאָפּ, דארף דאָס איהם קימערען ווי דער פאַר אַ יאָהריגער שנעע. זאָל זיך דער כסלוח זאָרגען...

בלייבט נאָך איבער די איינציגע פראַגע ווי קומט אַ אידישע צורה אויף אַ גוי'שען קאָפּ און ווי קומט דאָרט איבערהויפּט אַ אי־דישע נאָז? איז אָבער ווייעדער פּערקעהרט דער תירוץ, אַז טאַקע אָן דער נאָז אַליין דערקען איך, אַז מיר זיינען אידען. אַ איד דארף אַ לאַנגע נאָז צוליעב פערשיעדענע טעמים.

ערשטענס דארף ער אַ לאַנגע נאָז, ווייל ער מוז איהר אומעטום אריינשטעקען. צווייטענס, דארף ער אַ לאַנגע נאָז, כדי זיינע רע־דעל־פיהרער זאָלען איהם האָבען ביי וואָס צו פיהרען. דריטענס, דארף ער אַ לאַנגע נאָז ער זאָל קענען דערשמעקען דעם ריכטיגען טעם פון דעם דאָקטאָר'ס אנטראָפּאָלאָגיע און דעליטשעס ארכע־אָלאָגיע און זאָל אזוי מאָדנע פערקרימען די נאָז זי זאָל אויסזעהען ווי אַ גרויסער פראַגע צייכען....

בנוגע מיר אַליין, ארט מיך ווייניג ווער איך בין און פון וואַנען די עשרת הדברות שטאַמען. קוים זאָגען זיי, אַז מען טאָר ניט גנב־ענען און רצח'ענען בין איך איינפערשטאַנדען מיט זיי — און בין אַ איד.

שמחת תורה׳דיג

שוין אוים מיט „ס״ם״, דעם אבזר.
עס הויבען זיך די פיסלעך.
מען זאָגט אַ נייעם מחזור,
און מען פערזוכט צו ביסלאך....
און אין א נייעם קרענצעל,
בעפריוט פון מרה שחורה, —
כאַפּט דער איד אַ טענצעל
און ווערט א „חתן־תורה״.

ענדע גוט, אלעס גוט! געקומען זיינען די ימים טובים אָנגעבלאָזען, סטראשענדיג, מיט אַ פוריע ווי א קליינשטעדטעלדיגער דאָזאָרצע: „געה אוועק וואָרום איך פראסקע״! געענדיגט אָבער האָבען זיי זיך פרעה־לאך און לעבעדיג ווי א היימישע חתונה מיט א רומפעל.

אָנגעפּאנגען האָבען זיי זיך, די ימים טובים, מיט „ימים נוראים״, מיט מורא׳דיגע טעג, מיט סליחות, תפלה זכה׳ס, שופרות און מלקות, און ווער ווייס וואו מיר וואָלטען נאָך פערקראָכען אלץ אזוי, פערטרייבענדיג דעם שטן, ווען ניט דער שמחת תורה, וואָס האָט א געשריי געטאָן מיט דער אויטאָריטעט פון א ניו יאָרקער פּאָליסמאן:

— סטאָפּ דאָט!

יעצט איז שוין א גאנץ אנדער מעשה, מען נעמט א ביסעל בראנפען און מען געהט א טענצעל ארום באַלמעמער.

א שענער יום טוב שמחת תורה! אַ לעבעדיגער יום טוב!

ער הייסט לעבען און זיך פרעהען. ער מאכט דעם אלטען, צרה־דינען, צוברֿאָכענעם ישראליק׳ען גאָר פון דאָס ניי פאר א „חתן“. עפעס א נייע מאָדנע מין חתונה, א גאָלדענע האָכצייט....

און דער מידער, דערשלאָגענער, קוים זשיפּעדיגער „חתן“ נעמט פּלוצלונג הויבען די צוקאַליעטשעטע, צובלוטיגט־וואונדיגע פיס, און פאנגט זיך אָן ווייעדער צו דרעהען ארום זיין „כלה“, די אַל־טעטשקע, די איינגעשרומפּענע „זקנה“, וואָס מען האָט אויסגעפּוצט פאר איהם אין „עסיג און אין האָניג“ און עס נעמט איהם נאָך ווייעדער אָן א חשק, דעם אלטען יצמח, איהר א קוש צו טאָן...

דער חזן מיט די משוררים דערמאָנען איהם די אלטע נגונים. די ערשטע ליעבע ערוואכט. ער כאפּט זיך אויף, דער אלטער בעל־עבירה, און רוקט זיך נאָך ווייעדער צו און גיט דער באָבעצע א קיצעל, פּונקט ווי ער זאָל זאָגען אָהן ציינער, זיך פערהוסטענדיג אויפ׳ן קול:

— געדענקסטו, געליעבטע, ווי מיר האָבען א מאָל געלעבט א טאָג אין די וויינגערטנער פון עין גדי? געדיינקסט, דו, אלטער, פער־וועלקטער אתרוג מיינער, ווי איך פלעג דיר ברייננגען די שענסטע רויזען פון שרון און דו פלעגסט זיי איינפלעכטען אין דיינע לאָקען, אין די געקרויזטע, שווארצע לאָקען, וואָס פלעגען פלאַטערען אין ווינד?

אוי, ביסטו דאמאָלס שען געווען, א פּרינצעסין!

געדיינקסטו נאָך אונזער אמאָליגען שדכן און די אונטערפיה־רער אונזערע, און די טייערע כלה־מתנות?....

געדיינקסטו נאָך דעם טאַטען? די נדן וואָס ער האָט דיר געגעבען; דאָס הויז, און דאָס פעלד, און דעם גאָרטען, און די בע־דיענערשאפט?...

ניטאָ, ניטאָ מעהר קיין שפּור דערפון, אלץ אוועק, אוועק ווי א זומער־חלום נעבען ירדן.... און די שולד איז מיינע, יאָ, מיינע

און ווייטער קיינעמס ניט. איך ווייס איך בין ווערטה שמיץ... איך בין ווערטה, איך בין ווערטה.... איך, אלטער ימח שמו׳ניק!... איך...

דאָ מוז מען איהם דערלאַנגען א קאַפּעטשקע אין מויל אריין, דעם אונגליקליכען „חתן־בחור“ ,ער זאָל זיך פערגעסען, פערטומלען א ביסעל און ווידער אָנהויבען זינגען אַ פרעהליכעס...

דאָס איז א גרויסער מאָמענט, דאָס איז שען, ערהאַבען, אי־דישלאָך, נשמה׳דיג, שמחת תורה׳דיג. און קוקענדיג, פערגעסענדיג נעהמען זיך מיר אויך הויבען די פיס, עפּעס ווי אין א טרוים, און עס ווילט זיך מיר אויך כאַפּען א פאָהנע מיט א ליכטעל און אויס־שרייען :

„שישו ושמחו בשמחת תורה“ !...

אָבער דאָ כאַפּ איך זיך פּלוצלונג אויף פון דעם זיסען דרעמעל און בלייב שטעהן א צומישטער : איך ווייס ניט וועלכען פאָהן איך זאָל נעהמען ?...

דאכט זיך איין שוהל, איין פאָלק, איין אומה אידען, און אזוי פיעל פערשיעדענע פאָהנעס ! דאכט זיך אלץ אידישע פאָהנעס, מיט אידישע אותיות, אידישע צאַצקעס און אידישע פּסוקים פון אויבען, און דאָך איז מיר שווער אויסצו־קלייבען די ריכטיגע. שוין אָבגעזעהען דערפון, וואָס זיי זיינען אלע פּאַפּיערענע, וואָס מען צורייסט מיט א בלאָז, בעלאַנגען זיי נאָך דערצו צו פערשיעדענע לאַגערען...

און ווי מאָדנע אָט די פּאַפּיערענע פאָהנעס אונזערע זיינען אויסגעארבייט ! וואָס׳ר א צומישעניס, א תוהו ובוהו עס הערשט אויף זיי ! ווי ווילד, ווי מטושטש די פיגורען און געשטאַלטען אויף די דאָזיגע פאָהנעס זיינען צונויפגעפּאַרט !

דר. הערצל און דער ווילנער שטאָדט־מגיד, דר. נאָרדאו און א גבאי פון ארץ־ישראל פושקעס, אַן אמעריקאנער פּרעזידענט מיט דעם קראַטינגער עלוי, ישראל זאַנגוויל און דער טאַלנער קטן, א ספר

TAYLOR INST. OXFORD

תורה און א מענעדזשער פון א „קאָנצערט האָל“, משה רבינו מיט די לוחות און א אידישער קאַנדידאט פאר שעריף!...

אידען קלייבען ניט איבער. גיט זיי א פאָהן וועלען זיי אריינ־שטעקען א ליכטעל און זינגען „שישו ושמחו בשמחת תורה“!.... אידען שרעקען זיך ניט פאר פאָהנעס און פאר תורה׳ס, זיי נעמען דאָס סיי ווי סיי ניט ערנסט.

האָבטו א תורה וועלען מיר איהר מקבל זיין, אויף מאָרגען וועלען מיר מאכען אן עגל און טאנצען און שרייען: „אלה אלהיך ישראל! אָט האָסטו, ישראל׳יק, א נייעם טאטע פאָטער, און שפרינג קדוש!....“

אָט טאקע נאָר דערפאר אליין בלייב איך ניט געטאנצט, שוין זייט יאָהרען ווי איך זוך אן אלגעמיינע פאָהן און קען איהר ניט אויסקלייבען... איך וואָלט שוין, דאכט זיך, געפונען איינע, מיר האָבען זיי בה״ש אזוי פיעל, זיינען אָבער פאראן אויף יעדע פאָהן צוויי פנים׳ער, צוויי צורות: איינע ציהט מיך צו און די צווייטע שטויסט מיך אָב.... דערפאר קען איך זיך ניט מיטדרעהען מיט׳ן עולם צו די הקפות, שפרינגען ווי א באָק פאר שמחה און ארונטער־קריכען מיט „כל הנערים“, מיט דער גאנצער כאָפטע אונטער איין טלית און זאָגען „המלאך הגואל“...

צוויי פאָהנעס זיינען אָבער יא פאראן (נאָר ניט אין שול), צו וועלכע איך בלייב געטריי. יא, צו צ ו ו י י פאָהנעס, אָבער נאָר צו א י י ן ה א ל ב ע פון יעדערע, וועלכע מאכען א י י ן ג א נ צ ע, איין ריינע, הייליגע, כשרה פאָהן, פאר וועלכע איך וואָלט זיך גע־לאָזט ממית׳ן, וועלכע איך וואָלט פערטיידיגט מיט די בלוט פון מיין לייב און מיט די מארך פון מיינע ביינער. ביי מיר זיינען ב י י ד ע פאָהנעס א י י ן פאָהן און ב י י ד ע תורה׳ס א י י ן תורה, ביי וועלכע איך האָב אן אייביגע „שמחת תורה“ און ארום וועלכע

איך געה שטענדיג הקפות מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ און אן אויסגעשטעלטע ברוסט, מיט פרייען מוטה און אָפענע אויגען.

און ניט פון א מערען אָדער בוריק איז דער לייכטערל אויף מיין הייליגע, שטאָלצע פאָהן געמאַכט, ווי דאָס איז געמאַכט ביי דאָס רוב פאָהנען־טרעגער.... מיין הארץ האָב איך ארויסגענומען און האָב אויף מיין פאָהן ארויפגעשטעלט, א לייכטער האָב איך גע־מאַכט דערפון און א גרוים ליכט האָב איך אין דעם לייכטער ארייג־געשמעקט, מיין פלאַמענדען גייסט, צו בעלייכטען די גאַנצע וועלט מיט דער אמת׳ער שיין פון דער ר י כ ט י ג ע ר ת ו ר ה...

א י ד ע ן און א ר ב י י ט ע ר, איהר פערשטעהט מיך?

און וואָס אייגענטליך אַארט מיך, אז איהר פערשטעהט מיך ניט? מעגליך, אז איהר וועט מיך דערפאר בעסער בעלוינען, דען אָפטמאָל וואָס ווייניגער איהר פרשטעהט א זאך, אלץ מעהר פער־געטערט איהר דאָס.

איהר פערשטעהט ניט אייער גלות, דערפאר איז ער אייך ליעב געוואָרען. איהר בעגרייפט ניט אייער יאָך, דערפאר איז ער אייך גרינג צו טראָגען. איהר קענט ניט אייער עבלוט־זויגער, דערפאר דיענט איהר זיי אזוי טריי און איבערגעבען, איהר זעהט ניט אייער אונטער־גאַנג, דערפאר טאַנצט איהר אויף׳ן ראַנד פון אייערע קברים און פאַלט אין זיי איין מיט איבערראשונג.

וואָס ווייניגער איהר ווייסט
אַלץ מעהר געפינט איהר טרייסט
און פרייד, און לוסט אין ליידען,
וואָס קנאַפּער איהר פערשטעהט
אַלץ לוסטיגער איהר געהט
צום חלף ער זאָל שניידען.

איהר זעהט פאר זיך אַ וועלט
און ווייסט ניט אז זי פעהלט
אי אייך, אי איי׳רע ליעבע.
איהר זעהט און ווייסט ניט וואָס,
און האָט ניט קיין פערדראָס,
און זוכט ניט נאָך די סיבה.

איהר קענט ניט אייער נויט
דרום זעהט איהר ניט דעם טויט,
וואָס גלאָצט אייך גלייך אין פנים.
איהר ווייסט ניט אייער שטאַנד,
דרום הויבט איהר ניט קיין האַנד
אַנטקעגען איי׳רע שונאים.

דאָס לעבען קומט און געהט,
אַ ראַשער ווינד פערוועהט,
דאָך איהר פערבלייבט צופריעדען.
יא, אייער וועה בלייבט שטעהן,
איהר האַלט עס צו אליין,
אָ, ארבייטער און אידען!

דערפאר טאקע, ארבייטער און אידען, ווערט שמחת תורה אזוי גרויסארטיג געפייערט דאָס אנדענקען פון משה׳ן, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געווען א ריכטיגער אידען־פריינד און אן ארבייטער־פריינד, וואָס האָט דער ערשטער מיט טויזענדער יאָהר צוריק ארייננעהאקט אין דר׳ערד אן עגיפטישען פאַרמאַן און געלערענט די בלוט־זויגער דרך ארץ פאר שלאָגען א אידישען טאָגלוינער.
אָבער אידען און ארבייטער האָבען זיך צו שפּעט ארומגעזעהען

ווער משה איז געווען, אז ער איז פון זייערטוועגען געקראָכען אין די הימלען און האָט געהאַט צוליעב זיי שטענדיגע „פייטס" מיט אַלערליי לומפען, קרח'ס און עמלקים.... ערשט יעצט מאַכען זיי פון זיינטוועגען א שנעפּסעל און פרעהען זיך מיט איהם, ערשט יעצט פאַלען זיי אויפ'ן שכל. דאָס איז נעבעך שטענדיג דער אונגליק מיט אונזערע אידעלאַך, וואָס יעדער איינער פון זיי מיינט אז ער איז אליין א משה און יעדער „אלדד ומידד" וויל נביאות זאָגען אין דער מחנה. דערפאַר האָבען מיר שטענדיג אזוי פיעל משה'ס.... אז מען דערקענט קיינמאָל ניט דעם ריכטיגען משה'ן ביז וואנען ער שטאַרבט.

א ריכטיגער משה ביי אידען מוז פריהער שטאַרבען, אום מען זאָל איהם אריינשטעלען אין מחזור און שרייען „טרי טשירס פאר משה רבינו"! דאן אויך טוען דאָס נאָר אידען, ווען זיי זיינען א ביסעלע מבושם'דיג. און אפילו דאן פערגינען זיי דאָס איהם אויך ניט און „בשעת חדוה", ווען זיי שרייען „משה שמח בשמחת תורה", רעכענען זיי אוים א גאנצען צעטעל פון די, וואָס האָבען זיך אויך מיטגעפרעהט מיט איהם. דאָס הייסט: נאַ, זעה, אז דו ביסט פאָרט קיין יחסן ניט. זעה, אז דוד האָט זיך געפרעהט און שמואל האָט זיך געפרעהט און אליהו האָט זיך געפרעהט און אברהם'ל האָט זיך געפרעהט און יאנקעל האָט זיך געפרעהט און אפילו שלמה האָט זיך אויך געפרעהט. און ווי ווייט שלמה האָט זיך געפרעהט אום שמחת תורה זאָל אייך „דער גבאי זאָגען", ווען ניט פרעגט, זייט מוחל, זיינע טויזענד פלונית'טעס, וועלען זיי אייך דערצעהלען.....

איי איז דאָך די קשיא, שטייטש? איז דער תירוץ: מיר האָבען א פאָלק מיט „משה'ס"...

היינט האָבען ווידער אידען א נאַטור איבערצוזאַלצען.

פריהער קענען זיי דיך גאָר ניט, זיי לאָזען דיך אוועק אויפ'ן וואסער.... אָדער זיי טרעטען דיך סתם מיט די פיס, קוים אָבער

געפינט זיך א „בת פרעה", א בעריהמטע פערזאָן פון די אומות העולם און פראָקלאַמירט דיך אלס משה, דאן וועלען זיך שוין א לאַז טאָן די „בני משה".... און וועלען דיר געבען מעהר נעמען ווי א אידישען שונד־ראָמאַן, וועלכער בעקומט ביי יעדעס מאָל איבערדרוקען אין דער זעלביגער צייטונג אַן אנדער נאָמען, ביז די מעשה קריגט אזוי פיעל נ ע מ ע ן, אז מען וויל איהר מעהר אין האנד ניט נעהמען.

ווען משה האָט זיך א ביסעל פערשפּעטיגט מיט די לוחות און די עגיפּטישע ציבעלע און קנאָבעל פרעסער, דער קלאָגעדיגער דור המדבר, דאָס שקלאַפען־געזינדעל האָט זיך שוין ווידער געוואָלט בוקען פאר דער גאָלדענער קאלב, האָבען זיי זיך א זאָג געטאָן מיט דעם געוועהנליכען שקלאַפען־מיסטרויען און גרינג־שעצונג צו אמת'ע בעפרייער:

„קומט, חברה, לאָמיר זיך מאַכען א געטעל! וואָרום אָט דער דאָזיגער, ווי רופט מען עפּעס, אָט דער משה, דער וואָס מאכט זיך פאר א גאַנצען קנאַקער, זוימט זיך צו לאַנג". יעצט פערגעטערען אידעלאך יענעם הייליגען אויגענבליק, ווען משה איז ארויף אין הי־מעל, און האָבען דערפאר משה'ן צוגעלייגט נאָך 9 נעמען צו דעם נאָמען, וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט אָהן זיי... אָט זיינען זיי, די צעהן נעמען ווי זיי שטעהען און געהען, אויסגערעכענט אין שמחת־תורה'דיגע יוצרות:

„משה, נתנאל, שמעיה, אבי סוכו, אבי זנוה, חבר, יקותיאל, טוביה, ירד און אביגדור."

נאַטירליך דארף יעצט משה אלע צעהן נעמען אויף צעהן כפּרות, אָבער ווידער דאָס אייגענע: וואָס טוט מען מיט אונזערע „משה'ס", ביי וועמען א לעבעדיגער משה האָט א פּנים ווי א לאָך פון אַן אויפגעגעסענעם בייגעל?....

איך ווייס דעם שווערסטען גראם צו גראמען
פונקט לויט מיין פערלאַנגגען,
ווי מען קען א אידען צאַמען
בין איך ניט דערגאַנגגען.

ער איז איצטער נאָך דער זעלבער,
וואָס אין מדבר פּרן.
און ער טאַנצט פאר גאָלד'נע קעלבער
ווי אין י ע נ ע יאָהרען.

ער איז נאָך דער קנעכט פערבליבען,
כלומרשט מענש דורך גויט נאַר, —
די נביאים, וואָס איהם ליעבען,
קען ער נאָך'ן טויט נאַר.

דער רעגענבויגען

פערשיעדענע קאָלירען פון לעבען

א

א גליק פאַר צייטונגען.

אויף אַלץ קומט א צייט, אפילו אויף די צייטונגען. זיי האָבען שוין לאַנג ניט געהאַט אזא וואוילטאָג ווי די לעצטע פאָר יאָהר. עס איז דאָ יעצט נייעס אויפ'ן פוד. כאַטש נעהם און שרייב מיט ביידע הענד און בעט ביי גאָט א ווײדעל אראָבצושרייבען די פליעגען, דען ווער האָט עס צייט דערצו? איהר מיינט, אז דאָס וואָלט געוועזן אזא גרויסע נייעס. די „חכמים זאָגען", אז אדם הראשון האָט געהאַט אזא עק. א בפירוש'ע גמרא: „זנב היה לאדם הראשון", און אדם האָט געהאַט אַן עק, ווארום זאָלען דאָס ניט האָבען די צייטונגס שרייבער? זיי זיינען דאָך די זנבות האודים פון פאָלקס מיינונג.

דאָך, ווי עס שיינט, קען זיך א אידישער שרייבער ניט גלייכען צו אדם הראשון. אגב איז צייטונגס־שרייבעריי א „מעשה אָהן אַן עק", גראדע ווי א שונד ראָמאַן, וואָס וואו איהר וועט מיט איהם האַלטען, זייט איהר אַלץ אין מיטען... עס איז אַן אייביגע פערפאַלענים ווי אין דאַנטעס גיהנום.... קוים ביסטו דאָרט איינמאָל אריינגעפאַלען, ווערסטו שוין מעהר ניט ארויס.

ווי די זאַך איז אָבער, אבי די צייטונגס־שרייבעריי האָט אויפגעלעבט. די אַלטע נייעס איז שוין טאַקע ממש מיאוס געוואָרען.

אין אמת'ן וואָס זיינען דאָס געווען פאר געשעהעניסען? אלע טאָג די זעלבע פזמונים: אַ ניגער האָט פערגוואלטיגט אַ קעז, אַ מילב האָט זיך אויסגעלונקען אן עהלענבויגען, ביי אַ מפיל אין באָסטאָן רינט פון נעזעל, געשטעלט אַ חופה אין אַ סוועט שאָפּ וכו' וכו'. דאָס איז שוין אלץ אזוי אַלט ווי די בשר ודגים וכל מטעמים אין די „ערשטע קלאסע" כשרה רעסטאָראַנען....

די לעצטע צייט אָבער לעבט, רעש'ט, קאָכט אַ וועלט. פריהער פלעגט זיך מאַנכע צייטונג דארפען מאַטערן צו פערפאסען אַ „פּאָגראָם הינטער די הרי חושך", שפּעטער פלעגט קומען אַן אנדער צייטונג און דאָס אויסכאַפּען מיט קולי קולות, אַז דאָס איז גאָר איהר פּאָגראָם און די גאַנצע המוציא מיט האָניג קומט נאָר איהר. יעצט זיינען אַזעלכע זאכען ניטאָ. איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען ווי אַ בלאַט, וואָס זאָגט, אַז זי האָט ששים רבוא לעזער חוץ קאליקעס, שבת גויה'ס און גרים, איז אַ מאָל ארויס מיט אַ געוואַלט ארויסכאַפּענדיג אַ „ספּעציעלע דעפּעשע" פון אַן אנדער צייטונג, וועלכע האָט זיך אויף דעם געמאַטערט אפשר אכט טאָג. די דאָזיגע בלאַט איז דאַן ארויס אין איינעם פון איהרע שפּאַלטען מיט אַ לשון, וואָס האָט געקלונגען אומגעפעהר אזוי:

„בלאָף, בלאָף, בלאָף!

„גלויבט ניט יענע צייטונג, זי איז אַ בלאָפערקע. דאָס איז אונזער פּאָגראָם. מיר האָבען אָנגעזאָגט כל ישראל די שרעקליבע, שטוינענדע, צופּוקענדע, הימעל און ערד, בערג און טהאָל, יבשה און ימים אויפריהרענדע נייעס. מיר זיינען שטענדיג די ערשטע אויסצורופען אין דער מחנה ישראל אַלע פּאָגראָמען, מיר ברענגען אלע צרות אויף אידען.... מיר, מיר אַליין און קיין אַנדערער קיינער קען דאָס ניט.... מיר האָבען אייביג געבראכט און וועלען אייביג ברענגען אַלע אידישע קלאָגען אין אמעריקא... מיר האָבען דערצו ספּעציעלע שרייבער,

אמת'ע מזיקים, וואָס קיין רעדאקציע האַלט זיי ניט און וועט זיי ניט האַלטען.... אַלעס, וואָס זיי שרייבען איז א געוואַלט אין דער וועלט, עס הויבט זיך אַ מת. מיר האָבען ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטען פון יענער זייט פישון און חִידקל און אין כוש זיינען מיר ווי ביי אונז אין דער היים. לייענט ניט קיין אנדער בלאַט, לייענט נאָר אונזערע. אַי, איז אונזער בלאַט שען, א מחיה, אַ פיינע צייטונג, אַנדערע בלעטער טויגען ניט, אונזערע טויג.... זוכט אלע רדיפות, אלע מסרות, אַלע לומפּעריי געגען אידען נאָר ביי אונז אַליין.... אַלע בלעטער וואַרטען ביז זיי קריגען נייעס, מיר דרוקען זאָגאַר איידער זיי פּאַסירען. מיר ווייסען וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, מיר ווייסען וואָס עס געהט פאָר ביי אידען און ביי גוים.... פערגעסט ניט, אז ניט אומזיסט האָבען מיר ששים רבוא לעזער צווישען האָטענ־טאָטען און כינעזער."

* * *

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ווען עס האָגעלט מיט נייעס, געהט מען ניט ארויס מיט אזא ערקלערונג צו „פאָלק ישראל". דאָס פּאַסירט נאָר דאַן, ווען עס איז א הונגער אין די רעדאקציעס און מען דארף האָבען א ליטעראַרישען העלד צו נעמען א שורה ליגען און איהר אזוי אויסציהען, אז זי זאָל גרייכען פון איסט בראָדוויי ביז דעם טייך באַיקאַל. יעצט אָבער איז דאָס ליהודים, אמת'ע פּאָגראָמען, אמת'ע שרפות, אמת'ע מלחמות און אמת'ע טעלעגראַמען.... יעצט איז ניטאָ וואָס זיך צו ערגערען. הרג'עסטו יאַפּאַנעזער, מערדער איך קאָזאַקען, קריכסטו אין קאָ־רעא, קריך איך אין טיבעט. שניידסטו אָב אַ בריק אין פינג יאַנג, קער איך אום ראַקום אַ טריין אין נאַגאַסאַקי, זינקסטו אַ שיף, זינק איך א פלאָטע, עס איז א מלחמה — די צייט פון זינקען....

* * *

יאָ, זינקט, וואָס גיכער! דאָס איז וואָס מיר ליגט אויפ'ן שפּיץ

צונג, ווען איך לייען פון די געזונקענע קריעגס־שיפען און טראנס־פארטס אין לאנד פון די „געלע", וועלכע זיינען ווי עס שיינט גאר ניט קיין „גרינע". זינקט, וואס פריהער איז בעסער. איהר זייט דערצו געשאפען געוואָרען, די וועלט וועט זיך ניט אייביג שפיעלען אין מענשען־יאטקע. זינקט, עס זיינען שוין גענוג געזונקען פאר אייך און איהר וועט ניט זיין די לעצטע. איך ווייס, איהר זייט ביידע גערעכט, איהר שלאָגט זיך דאָס אינ'ם נאָמען פון „ציוויליזאציאָן" און „גערעכטיגקייט".... איהר מאכט עס יעצט געשיכטע, וועלט־געשיכטע. זינקט, אז איהר פערשטעהט ניט בעסער. זיי דערצעהלען מיר פון דעם „פאלען און אויפשטעהן פון נאציאָנען", — קיין גוטער איד זאָל אייך ניט קאָנען! רוסלאנד איז דאָס איינע פון די געשטיגענע נאציאָנען. איהר קיסר וויל דאָס ניט קיין סריעג, ער האָט געהייסען די פעלקער צוברעכען די שווערדען, הארמאטען און טאָרפעדאָס, און ווערען הענדלער פון אלטע אייזען, „דזשאָנק דילערס", וועהרענד ער אליין האָט זיך אָנגעטאָן אין כלי זין פון קיווער ביז די אָבזאצען און טראכט: גלויבט, איהר נארישע שוטים, דאָך מיינע באָמבעס וועלען פלאצען, מיינע ביקסען וועלען קנאקען, ווי פליעגען וועט איהר פאלען. די פעלקער האָבען איהם כלומרשט צוגעשאָקעלט מיט די קעפ, און דער בעריהמטער פילאנטראָפ קארנעגיע, וואָס „שעהמט זיך צו שטארבען רייך", האָט געשאָנקען אין האאג די „מלאכי שלום" א „פריעדענס טריבונאל"....

צוברעכען ווילען זיי די שווערד,
ער זאָל אלס אקער־אייזען דיענען,
צו אקערען מיט איהר די ערד
אום דאָרט צו זוכען, צו געפינען
נאָך א שארפערע געוועהר,
וואָס זאָל קענען שניידען מעהר.

* * *

און דאָך וואָלט איהר זעהן, זאָגט מיין לאַנדסמאַן איציק ביילע דער געלערס, אז עס איז גאָר קיין מלחמה ניטאָ, און קיין פּאָגראָם אודאי נים. אז די גאנצע זאַך איז לא היה ולא נברא. עס, סתם א מעשה בעלמא, אָהן א ברעקעל ממשות. עס איז לחלוטין גאָר ניטאָ קיין יאפּאַן, און קיין יאפּאַנצעס און די גאנצע געשיכטע איז נאָר אויסגעטראַכט.

— נו, וואָס זאָגסטו היינט, איציק? האָב איך איהם געפרעגט, ווייזענדיג א „ריכטיגע“ פאָטאָגראַפיע פון רוסלאַנד׳ס א געזונקענע קריעגס־שיף אין אַן ענגלישע צייטונג, — ווערסט שוין יעצט צווייפלען, אז עס איז פאראַן א יאפּאַן און מען זינקט שיפען?

— דאָס איז דאָך די קלאָגעדיגע, הילצערנע מולטערס, אין וועלכע איך פאָהר אלע טאָג צו דער ארבייט, — האָט איציק געזאָגט ערנסט, — זי האָט שוין כלעבען טאַקי געמעגט איינגעזונקען ווערען, דען קיין גוטס וועט פון איהר ניט ארויס, אזא אַלטע, פערפוילטע מולטער.

איציק איז א זעלטענער מענש. אין „דערהיים“ איז ער געווען א מלמד, דאָס הייסט אויף דעם אמעריקאנער שניידער־לשון: „אַן אַפּרייטער פון הייזקעס“. אין אמעריקא איז ער אויך געקומען על פּי סיבה. ער האָט גאָר געהאַט א טיקעט נאָך שווידען און וויים נאָך עד היום ניט ווי אזוי ער האָט פערבלאָנדזשעט אין קעסל־גאַרדען. ער איז שוין דאָ צעהן יאָהר און האָט נאָך קיין אי־דישע צייטונג נים געלייענט. איציק גלויבט נאָך אלץ, אז מען טאָר ניט שילטען דעם קיסר... און טראָגט נאָך איינגענעהט דעם פּאַספּאָרט אין טלית קטן. דעם רוסישער „פּערציגער“, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, האָט ער נאָך אלץ ניט אויסגעביטען. איהר קענט נאָך ביי איהם שטענדיג פּועל׳ן, אז ער איז טאַקע אין שוויי־דען און ניט אין טשערי סטריט. ער וויל ניט ווערען קיין בירגער, ווייל ער גלויבט, אז אידען וועלען דאָ קיין מאָל קיין דעה ניט האָ־

בען... ער איז א בחור, ווייל ער גלויבט ניט די ווייבער, און איז א „הייזקע אפרייטער", ווייל ביי קליינע „הייזקעס" — זאָגט ער — דארף מען קנאפער נייען....

ווען עס ווערט מיר אָפּטמאָל שטארק אומעטיג אויפ'ן הארצען פון צופיעל וויסען און פערשטעהען, בין איך מקנא מיין לאנדסמאן פון טשערי סטריט. איך וואָלט וועלען זיין איציק ביילע דער גע־לערם און מאכען „הייזקעס" אום זיך צו פערלייכטערען....

ב

א רב הכולל.

אוי, טאטע, דו לאכסט? ס'איז א קלאָג צום געלעכטער.... גענוג, זאָג וויצען, וואַרף „חכמות", ווען א פאָלק איז אין טרויער און דאָס הארץ ווערט צוטראסקעט פאר יסורים!

עפּעס א קאטאָוועס, וואָס דאָס איז געוועזן פאר א וואָך! א טויטער צדיק מיט לעבעדיגע קלעפּ. צושפּאָלטענע מחות און צו־בראָכענע שויבען. ערד־ציטערנים און סטרייקס, דונערען, בליצען, אספת הרבנים, און סתם גנבה, גזלה און רציחה.

ווען איך וואַרף אָבער א בליק אויף די אַלע זאַכען און דערזעה אין מיטען די העכסט טרויעריגע פּאסירונג מיט דעם ניו־יאָרקער רב הכולל, זיין לעבען, זיין טויט און זיין גרויסע לויה, פערגעס איך אָן אַלץ און פערטראַכט זיך. איך דערמאָהן זיך אָן לעגענדעס פון אַלטע, גאַנץ אַלטע צייטען, ווען אידען האָבען גע'מסר'ט א „בעל תוספות יום טוב", איהם אריינגעוואָרפען אין תפיסה און שפּעטער איהם פערהייליגט און נאָך, און נאָך עהנליכע אַלטע „סקאַזקעס" און מעשיות אָהן א צאָהל, פון וועלכע עס ווערט ניט פריילאָך... די געשיכטע מיט ר' יאנקעלע הריף איז אפילו אויף א גאַנץ אנדער אופן, איז גאַנץ אַנדערש, אָבער אויך ניט קיין לוסטיגע. עפּעס קלינגט זי אויך אזוי אַלט און אזוי אומעטיג...

עס איז געווען א רב, א „חריף“, א „גאון“ און אן „אמת׳ער צדיק“. מען האט זיך דערוואוסט פון איהם אין איינע פון די „ברכי הים“ און מען האט איהם אראבגעבראכט ער זאל ווערען א מנהיג ביי אידען, א מדריך און א מגן הדור. מען האט איהם עמפפאנגען מיט גרויס כבוד, מען האט געקושט דעם שטויב פון זיינע שיך. „ברוך אתה בבואך!“ האט דאס געקלונגען אין אלע גאסען... עס איז אוועק א קורצע צייט און דער עולם האט זיך אבגעקעהרט פון צדיק, מען האט איהם פערלאזען. פריהער איז איהם געווארען אומעטיג, שפעטער איז ער געווארען טרויעריג, גאר שפעטער איז ער געווארען הונגעריג און א היבשע צייט שפעטער איז ער געווארען קראנק און גאר שפעטער, שפעטער איז ער געשטארבען. דאן האבען איהם אידען געמאכט א גרויסארטיגע לויה, מיט קארעטען איז מען געפאהרען, מען האט געקושט די פערד, וואס האבען געפיהרט זיין טויטענוואגען... און מען האט געזאגט „צדק לפניו יהלך...“

א טרויעריגע, זעהר א טרויעריגע געשיכטע, נישט וואהר? ניטא קיין מאטעריאל פאר א לעבעדיגען, וויציגען „רעגענבויגען“. די קאלירען זיינען אלע אזוי שווארץ, אזוי מרה־שחורה׳דיג און קאלעמוטנע! און דאך, און דאך האט דיזע שוידערהאפטע דראמא אויך איהר קאמישע זייט.

אין מיטען פון די הונדערט טויזענד אבלים, וואס זיינען נאכגעגאנגען נאך דעם ארון פון דעם טויטען חריף, אין מיטען פון אט דער געוואלטיגער מענגע איז געגאנגען א אידענע אונטער־געקאטשעט אין ברעג קלייד אונטער׳ן פארטוך, די לינקע באק איינ־געמאכט אין מעהל און דער שפיץ נאז אין סאזשע און האט זיך נעהאקט אין קאפ מיט קולות: „וועה איז אונז“, האט זי געשריען, „א קלאג איז צו אונז א גרויסער, וואו ווען מיר איצט נעהמען

הכשרים אויף בשר כשר?..." ווי שווער מיר איז געווען אויפ'ן הארצען, האב איך דאך געמוזט א שמייכעל טאן.

נארישע אידענע, האב איך געטראכט, דער מאן, וואס דרוקט די „הכשרים" לעבט דאך, די משגיחים זאלען מאריך ימים זיין לעבען, גאט צו דאנקען, אויך; געשטארבען איז דאך נור דער רב הכולל... נו, מילא, וואס קען דאס העלפען? „השם נתן והשם לקח"... אידען וועלען געפינען אן אנדער רב, און וועלען נאך איה"ש וויעדער זינגען „ברוך אתה בבואך" און „צדק לפניו יהלך..." נישט־קשה, „כי לא אלמן ישראל", אידען זיינען נאך א פאלק. מען וועט אויך אייביג ניט וויינען, נאך א פאר שעה און דער רב וועט רוהען אין „גאט'ס שוים"... די אגודת הקהלות פון ניו־יארק קענען זיך ניט אוועקזעצען אויף דר'ערד און קלאגען, מען דארף זעהען די קבצנים זאלען ווייטער צאהלען...

נאר וואס וויים א אידענע? זי שרייט סתם אין דער וועלט אריין. זי מיינט, אז פריהער האט דאס דער רב הכולל געוואוסט פון יעדע „קלייניגקייט". א איד א חלוש, א בעל יסורים, מען האט איהם גאר ניט געקענט דערצעהלען פון יעדעם פיצעלע, מען האט געמוזט שאנעווען זיין געזונד... און ווענן „הכשרים" איז א קנאפע סכנה, קוים האט מען זיי איינמאל אויפגעהאנגען, ועלען זיי שוין הענגען... אלעס, וואס אידען האבען יעצט צו זארגען, איז שטעלען א שטיין אויפ'ן צדיק'ס קבר, די אלמנה זאל כאטש וויסען וואו שפעטער צו קומען אויסגיסען איהר ביטער הארץ...

יא, שטיינער פאר צדיקים! דאס איז אלץ, וואס זיי האבען ביים לעבען, און דאס איז, וואס מיר גיבען זיי נאכ'ן טוים... א שאד וואס איך בין ניט קיין מצבה־שלעגער! זאנסט וואלט איך אויף דעם רב־הכולל'ס מצבה אויסגעקריצט אט די דאזיגע צייל:

אייביגע שטיינער

אָט דאָ רוהט אַ צדיק,
אַ מגן הדור,
וואָס האָט אין ענוות
פערבראַכט זיינע יאָהר.
זיין שם האָט געקלונגען,
זיין תורה געברענט,
ער האָט זיינע טעג נאָר
אויף לערנען פערוועגט.
און דאָך האָט ער קיינמאָל
קיין מנוחה געהאָט,
קיין דירת קיין רעכטע,
קיין ברויט ניט צוזאָט.
פער'יתום'ט געוועזען,
פערגעסען, אליין,
און דאָך ניט פערגעסען
צו קריגען אַ שטיין....

מערקווירדיג איז אָבער ווי די לעצטע צייט איז געווען אַ סדרה מיט שטיינער! א שפאנישער פראָפעסאָר האָט אויסגעפונען, אז דער שטיין, וועלכען יעקב אבינו האָט זיך אונטערגעלעגט צו־קאָפּענס, געפינט זיך יעצט אין לאָנדאָנער פארלאמענט און עס שטעהט אויף איהם דער ענגלישער טהראָן. שפאניען, דארפט איהר וויסען, איז א מבין'טע אויף שטיינער.... אַ שענע פּאָר יאָהר האָבען מיר זיך ארומגעטראָגען מיט אונטערגעהאקטע „זשעברעס" פון שפּאניען'ס שטיינער. דער נאָמען שפאניען מאכט אויף אונז זייט דאן אזא שרעקליכען רושם, אז מיר האָבען אפילו מורא פאר א שפאנישע פליעג...

איך בין יעצט אויפגעבראכט אויף זיך אליין, וואס איך בין ניט קיין אבגעארדנעטער אין דעם ענגלישען פארלאמענט. איך וואלט דארט געכאפט יעקב אבינו'ס שטיין און דערלאנגט דער אלטער ימח־שמו'ניצע, ענגלאנד, אין קאפ. זאל זי וויסען, אז אידען זיינען אין כעס. הערט אדרבא, זאגט אליין! האט זיך „פריסוואיעוועט“ אונזער חומש'ל און האט איהם דוקא זעהר ליעב, זינגט אידישע הללויה'ס, האלט אן עולם ומלואו פון אונזערע נביאים, אפילו פון אונזערע געלד־זעקלאך... נאר ווי עס קומט צו אונז קבצנים, מאכט זי מיאוס'ע שטיק.

שוין זייט יאהרען ווי מען האלט אין ענגלישען פארלאמענט אין דערמאהנען רומעניען אן דעם „בערלינער פערטראג“, אז זי דארף ניט טרינקען קיין אידישע טרערען,—און רומעניען הערט דאס ווי דעם קאטער. נישט־קשה, ווען די מיקראסקאפישע מלוכה'לע וואלט געוואוסט, אז ענגלאנד מיינט דאס מיט אן אמת, וואלט זי געקראגען אן אפענדיסיטיס פאר מורא. זי ווייס אבער, אז די אלטע שטעקט אין דער שטיל ארויס א צונג.

ג

גט'ן און טארבעס.

לויט די בעריכטען פון די אמעריקאנער געריכטס־הייזער קומען דא פאר מאסען גט־פראצעסען און אין די מעהרסטע פון אט די פראצעסען האבען מאן און ווייב אויסגערעדט איינע געגען די אנדערע וואס אין קארט שטעהט און וואס עס שטעהט ניט. דער פנקס פון די גט'ן, אויף וועלכען עס זיינען אויסגעשריעבען די פערשיעדענע סבות, וואס האבען געפיהרט טויזענדע פארלאך צו א שיידונג, איז זעהר אינטערעסאנט.

מאסען גט'ן זיינען פארגעקומען צוליעב בארדער און בארדער־

קעס. אבער די מעהרסטע זיינען ארויסגעוואקסען ווי מאנכע אידישע ליטעראטען, רעוורענדס און פאליטישענס — אוים מאנגעל אין בעשעפטיגונג. עס איז ניט געווען פון וואנען צו לעבען האט מען זיך אזוי לאנג געריסען ביז מען האט זיך פאנאנדערגעריסען, און יעצט רייסט זיך וויעדער יעדער פון די צוריסענע, וואס גיבער זיך ארונטערצורייסען אונטער א נייע חופה מיט צרות. דער טייפעל דארף נאר צונעהמען די ברויט פון שטוב און דער גט קומט שוין ממילא.

איהר מעגט אייך רעדען וואס איהר ווילט, איך פערשטעה ניט אונזער „אמעריצקע“. איהר מעגט מיר אפילו צוהאקען אין „בשר כשר“, ווייס איך אלץ ניט, פארוואס דא קומען פאר אזוי פיעל גט'ן. ביי אונז אין גלילעוו פלעגט ארעמקייט ניט זיין קיין סיבה פאר א גט. גראד פערקעהרט. דאס האט נאך מעהר פערשטארקט די פעטליע פון דער פאמיליע, דער קנופ פון דער הייראט איז נאך ענגער געווארען... ניטא וואס צו עסען, איז אויך קיין אחריות, טארבעס זיינען דא? געהען ביידע אין די הייזער. ביי אידען איז די הויפטזאך די טארבע. א איד גיט טאקי, ער זשאלעוועט ניט, ער מוז אבער זעהן די טארבע פון אויבען, ער מוז אנטאפען דעם שנארער, ווי דער פסוק זאגט „וימש חושך“... זאלסט קומען צו א אידען סתם אזוי ווי א שטיקעל מענש און איהם דערצעהלען אז דיר איז א נויט, וועט ער דיר אנקוקען ווי א משוגענעם: סטייטש! אויף וועלכען אידען איז דאס קיין נויט ניט? וועלכער איד, וואס איז טאקי וואס מען רופט א איד, איז דאס ניט אין גלות? וועמען שיט זיך דאס די עשירות איבער די לאפטשעס? גאנץ אנדערש איז דאס אבער, ווען איהר געהט אריין מיט דער טארבע, דאן איז ניטא קיין קשיות און מען מוז אייך דערלאנגען...

און א אידישע טארבע איז ניט א טארבע ממש ווי ביי „זיי בניהם“, ביי אידען א טארבע איז גאנץ וואס אנדערש; ביי אידען

איז אלץ א טאַרבע. א חיבור איז א טאַרבע, א צילינדער־הוט — א טאַרבע, א כתב רבנות — א טאַרבע, א צייטונג — א טאַרבע, פּאָליטיק — א טאַרבע. כמה טאַרבעס טובות למקום עלינו! ווער איז דאָס אימשטאַנד אויסצורעכענען אַלע טאַרבעס וואָס גאָט ברוך הוא האָט צוגעטהיילט זיין פאָלק ישראל? וואויל איז דעם וואָס האָט א שטיקעל טאַרבע ביי אידען, אָט וואָס פאַר א טאַרבע דאָס זאָל ניט זיין, שלאָגט ער זיך דורך זיין וועלטעל און האָט נאָך א מאָל א „שאָו" זיך אַרויפצואַרבייטען... דאָס ערשטע וואָס א איד זאָרגט איז: „וואו נעהמט מען א טאַרבע?" דאָס איבריגע גיט ער זיך שוין אַן עצה. איהר הערט ווי א איד וויינט אין „שמונה עשרה", ווי ער קלאָגט און שרייט מיט תחנונים: „אוי, טאַטע, האַרציגער, דערבאַרעם זיך, טאַטע פאָטער, האָב רחמנות!" וואָס, מיינט איהר, בעט ער? — א טאַרבע! דער איד, וואָס דאַרף קיין טאַרבע, האָט שוין לאַנג אויפגעהערט דאַווענען...

ניין, ביי אידען איז דלות ניט געווען די אורזאַכע פאַר א גט. א אידען פּאַסט די אָרעמקייט ווי די גמרא זאָגט: „ווי א רויטען צוימעל אויף א ווייסען קיזשאַק". וואָס הייסט? גאָט גיט דאָך די אָרעמקייט, היינט ווער וועט דאָס געהן צוליעב דעם זיך גט'ן. אפילו פריעדריך שיללער, וועלכער איז גאַר געווען א דייטש, נאַר ניט קיין קאַלוואַריער און ניט קיין אַנטיסעמיט, האָט אויך געזאָגט: „ראום איזט אין דער קליינסטען היטטע פיר איין גליקליך ליעבענד פּאאַר". דאָס הייסט אויף „רעגענבויגען" לשון אונגעפעהר אזוי:

אפילו אין א שטיבעל,
וואָס איז גרויס ווי א גריבעל,
האָט מען אויך קיין פאַראיבעל,
וואו מאַן און ווייב
זיינען איין לייב.

מען דאַרף ניט האָבען קיין גרעסערען קבצן ווי מיין רבי ישראל יאַקיש לעמעל איז געווען; עס איז טאַקי ממש ניט געווען וואָס צו בייסען און וואָס צו ברעכען, ער פלעגט נעבעך א גאַנצען טאָג „עסען" די תלמידים און קאַיען די ערד אויף וועטשערע; דאָך האָט זיך די רבי'צין מיט איהם ניט גע'גט, אין גענענטהייל, זי האָט איהם נאָך אונטערגעהאָלפען. טאָמער האָבען איהם א מאָל אויסגעפעהלט קינדער, ער האָט געהאַט א שוואַכען „זמן", פלעגט זי זיך אַליין אונטעררוקען מיט א צווילינג. זי האָט איהם פערזאָרגט מיט אַן אייגענעם „חדר" און ער האָט געהאַט גענוג צו קנעלען...

פאַרוויז פלעגען זיי קומען און ווי אויף להכעיס האָבען זיי אַלע געלעבט. שלמה'קע מזיק איז געקומען מיט בערקע צאַיבאַק, לייבקע שטשור איז געקומען מיט יאַנקעלע זשעברע, יאָשקע פיפעץ איז געקומען מיט חעמקע לופאַץ, די איבריגע זיינען געקומען איינציגווייז, אָבער אַלץ „זיעבעטלאָך", גאָט האָט זיי געגעבען זיין חלק, דעם חלק אלה ממעל צום זיעבעטען חודש. „ובני ישראל" און ישראל'ס חברה, „פרו" האָבען זיך געפאַרעט אַלע אין איינעם אין איין אַלקיר, „וישרצו" און זיי האָבען זיך געווידמעט, „וירבו" זיי האָבען זיך געמעהרט, „ויעצמו במאד מאד" און זיי האָבען זיך געשטאַרקט א גוואַלד, „ותמלא הארץ אתם" און עס איז פול געווען מיט זיי גאַנץ גלילעוו. וואו מען האָט א שטיין געוואָרפען, האָט מען געטראָפען אין ישראל יאַקיש'עס א קדיש.

זעהט איהר, ווען מושע ראַניע שאַשע גיטעלס, אַזוי האָט מען גערופען מיין רבי'צין, וואָלט ניט געהאַט קיין קינדער וואָלט טאַקי געווען א גט־פּראָצעס. עפּעס א קאַטאָוועס א איד זאָל חלילה קיין קינדער ניט האָבען; ניט איבערלאָזען א דור... א שענעם פּנים וואָלט דאָס האָבען. אויף וועמען וואָלט מען געמאַכט פּאָגראָמען אין רוסלאַנד? וועמען וואָלט מען געיאָגט פון רומעניען און געמאָרדעט אין מאַראָקאָ? געגען וועמען וואָלט מען געמאַכט

א „אייליען ביל“ אין ענגלאנד, א באיקאט אין לימעריק, א דרייפוס־געשריי אין פראנקרייך א. ז. וו.? אידעלאך דארפען זעהן עס זאל זיין לעבעדיג אין שטעדטעל, עס זאל זיין „ליהודים!“

ד

תשליך און כפרות.

גאט צו דאנקען, אויסגעליידיגט דעם פעקעל! אויסגעטרייסעלט וואו נאר אן עברה׳לע, וואו נאר א שטיקעל חטא און עס געהט זיך גאר גרינגער אויפ׳ן „טאפ פלאר“...

אויס, אויס עברות, דער שווארצער חטא וואס מיר איז געבליעבען איז די פעדער. די שווארצע ממזרת מיט איהר קליינע געשליפענע מיילעלע, דיעזע מרשעת קלעפט אן מיר ווי א קלעק. זי טשעפעט זיך ניט אב און צווינגט מיך אלץ מעהר צום זינדיגען...

און די זינד פון א צייטונגס־שרייבער, רבותי, איז זעהר שווער צו פטור׳ן מיט „תשליך“, ווייל ווי זאגט עפעס דער קאזאק זאל לעבען:

„טשטא נאפיסאנא פעראם,
טא ניע ווישיביאש קאלאם“.

דאס הייסט אויף פראסט אידיש, ווי די אידישע אידען פער־שטעהען דאס און ווי דייטשע יאהודים וועלען דאס ניט פערשטעהן:

דער פעדער׳ס זינד פערבלייבען קללות,
אומזיסט דאס אויסשאקלען די פאלעס.

אלע שרייבער זינדיגען, אבער א אידישער שרייבער איז דער גרעסטער „חטאת“ אין דער וועלט, דען ער זינדיגט אומזיסט, עס בעצאהלט זיך איהם ניט ווי עס בעצאהלט זיך א שטייגער א שרייבער ביי די אומות העולם, וועלכער בייט שקרים אויף רענדלאך.

היינט סתם אין וואָס בעשטעהט דער גאַנצער חטא פון אַ אידישען ליטעראַט, מישטיינס געזאָגט, — אין זאָגען דעם אמת... ביי די אידען איז בה"ש אַלץ פערקעהרט, האָבען אידישע עברות אויך אַ גאַנץ אַנדער פּנים. דער גוי זינדיגט מיט רציחה און דער איד זינדיגט מיט רחמנות. דער גוי מיט הרג'ענען אַ מענשען און דער איד — מיט אַן אָבגעבראָכענעם פּטום.

אָט געהט אַן עדה אידען צום וואַסער, די הייליגע סטאַדע, די צאַן קדשים געהען צום טייך... אפּרייטערס, בייסטערס, ביגלער, פּעדלער, זיי געהען צו תשליך, אריינוואַרפען די עברות אין טיעפען תהום. אַ שאָקלעריי, אַ געוויין, אַ געבעט.

וואָס איז? וואָס איז געשעהן? אין וואָס בעשטעהט זייער חטא? — זיי קענען קיין לעבען ניט מאַכען. דער גרעסטער פּער־ברעכען ביי אַן אָרעמאַן איז זיין אָרעמקייט. וואָלט ער ניט געווען קיין אָרעמאַן, וואָלט ער פערשפּאָרט צו אַרבייטען האַלב אומזיסט, און אַרבייטען אומזיסט איז אַן עברה... און פערליערען אַ סטרייק איז אַ ג ר ו י ס ע עברה, אויף וועלכע יום כפור איז אויך ניט מכפר... ווען ער וואָלט ניט זיין קיין קבצן וואָלט ער געווען אַ נגיד און אַ נגיד האָט ניט קיין עברות...

פיעל אידישע הויז־אייגענטהימער, באַנקירען, אייזענבאַהן־מאַגנאַ־טען, בערזען־ספּעקולאַנטען און קליידער־פּאַבריקאַנטען האָט איהר בעגעגענט געהענדיג צו תשליך? קיין איינעם ניט! זיי זיינען ניט זינדיג, און אויב זיי האָבען אַ ביסעל חטאים, לאָזען זיי דאָס איבער דורכ'ן זומער אין ב ע ט ה ב י ט ש, אין ס אַ ר אַ ט אָ ג אַ ס פּ ר י נ ג ס, ביי דעם האָדסאָן ריווער, אויפ'ן ים הגדול, פאָהרענ־דיג נאָך איירָאָפּאַ, אויף די אַלפּען פון דער שווייץ, אויף די וואַסערן פון איטאַליען, אין עניפּטען, אין פּאַריז און אין אַל' די שוואַרצע יאָהרען. זיי בעשטאַטען דאָס אַזוי, אַז אַפילו דער טייפעל אַליין קען זיך במחילה אונטערדרייסען זיי צוזאַמענזוכענדיג, און דער

קטיגר שרייט טאקע דערפאר אוים: „טשאָרט פּאָבערי!" און לאָזט זיי לויפען ווי די משוגענע הינד.

ווי איהר זעהט, רבותי, געהען די רייכע אויף צו תשליך, זיי ווארפען און טרייסלען אויף אוים די פּאָלעס, זיי לופטערען אויף אוים אביסעל די קעשענעס, אָבער אויף א גאנץ אַנדער אופן. אין אלגעמיין שילדערט זיך אין קורצען די תשליך אומגעפעהר אזוי:

ארֿאָפּ אַ רעשטעל מעשים רעים
און אלץ איז גוט און פיין.
ארייננעשליידערט די חטאים
אין טיעפען ים אַריין.

אויסגעליידיגט די קאַפּאָטקעס
פאר די סטינקעס און די פלאָטקעס,
פאר דעם וואַסערס גוטע ברידער,
און מען נעהמט זיך חטא'ן וויעדער.

ניין, איך פערשטעה ניט, וואָס מען האָט צו די אָרעמע פיש, נעבאך, צו די בעשעפעניסען פון אַן אַנדער וועלט, וואָס זיינען גאָר די פיש־פעדלער די נשמה שולדיג? וואָס קאָרמעט מען זיי מיט פרעמדע זינד, מיט לייטישע פערברעכען? אַ קיילעבדינער שניי־דער־באָס גיט אַ שווערען טאָג ארבייט און ווארפט ארויף די זינד אויף אַ סטינקע. איינער האָט אַ פאַלשען ברייזעל און שליידערט ארויף זיין חטא אויף אַ שלייען. דער פּראָצענטניק, וואָס טרינקט בלוט פון אָרעמאַן, טרייסעלט אוים זיינע עברות צום קאַראַזש, וואָס קוויקט זיך נעבאך מיט וואַסער....

דאָס זיינען זאַכען, וואָס איך פערשטעה ניט און דעם איינציגען טעם, וואָס איך נעפין פאר די תשליך, איז ניט מעהר ווי דאָס, וואָס די פיש זיינען נעבאך שטום און קענען ניט פּראָטעסטירען. עהנ־ליך צו די תשליך איז אויך דאָס כפרות שלאָגען. די ווייסע הוהן

איז פערראַנטוואָרטליך פאר דאָס שווארצע ווייבעל, וואָס זינדיגט צו א קאָפּ אין דער פינסטער, און דער האָהן איז שולדיג, וואָס דער בעל הבית האָט לאַנגע הענד און קרומע מחשבות.

דאָס איז, נעבאָך, דער גורל פון די שטילע און שוואכע, וועלכע קענען זיך ניט אַננעהמען פאר זיך און מוזען טראָגען די זינד פון די גרויסע און שטאַרקע פערברעכער...

און עס וואָלט כלעבען געווען א מורא צו טרינקען די וואַסער פון טייך נאָך תשליך, עסען די פיש אָדער די כפרות, וועלכע זיינען אָנגעפיקעוועט מיט עברות, ווען די גאַנצע מעשה מיט די תשליך און מיט די כפרות שלאָגען וואָלט ניט געווען א נעכטיגער טאָג. חברה טרייסלען די פּאָלעס און דרעהען ארום קאָפּ נאָר פון לייטענס וועגען, אָבער די אמת'ע חטאים טראָגען זיי אין הארצען.

אַלטע צרות.

זיי טהוען כלומר'שט תפילה
און בלייבען ניעדערטרעכטיגע.
די שוואַכע און די שטילע,
זיי ליידען פאר די מעכטיגע.

דאָס זיינען אַלטע צרות
פון אַלטע, אַלטע צייטען,
יאָ, תשליך און כפרות
צו נאַרען גאָט און לייטען.

ה
גוזמאות ביי אידען.

יעדעס פאָלק האָט זיינע גוזמאות. דאָך מיר אידען זיינען אין דעם רייכער ווי אלע פעלקער. גוזמאות, אָדער, ווי דאָס קען הייסען אין פּראָסט אידיש, איבערטרייבונג, זיינען גאַנץ אלטע זאכען און שטאַמען נאָך פון יענער צייט, ווען די פאַנטאַזיע האָט

געארבייט מעהר ווי דער שכל און דער מענש האָט אומגעשוועבט מיט זיין כח הדמיון אין די עולמות עליונים.

די אומות, וואָס זיינען אין פערלויף פון די טויזענדער יאָהרען געזעסען אויף איין אָרט און האָבען זיך געווידמעט צום פּראַקטישען לעבען, האָבען בלויז יענע גוזמאות, וואָס איז געבליבען פון אַמאָל אין זייערע פּאָעטישע מעשה׳לעך. אָבער אזוי ווי מיר אידען שווע־בען נאָך ליידער אין עולם הדמיון ביז היינטיגען טאָג, בענוצען מיר זיך מיט משונה׳דיגע איבערטרייבונגען איבעראַל.

דער מענש, וואָס האָט זיך צו רעכענען מיט טרוקענע פאקטען, איז ווייט פון גוזמאות; אָבער דער מענש, וואָס פאַרעט זיך מיט חלומות, איז ניט מקפיד אויף די לאָגיק און ער ערלויבט זיך צו איבערזאָלצען זאכען טויזענד מאָל מעהר ווי זיי זיינען. די אומות, וואָס זיינען געזעסען אויף אַן אָרט און האָבען זיך בעשעפטיגט מיט קאַלטע לעבענס־פראַגען, האָבען אויסגעבילדעט די אויסגערעכענטע און וויסענשאַפטליכע טעכניק, וואו עס זיינען קיין איבערטרייבונ־גען ניטאָ און אַלעס ארבייט נאָך א געוויסען געזעץ, און אונזער פאָלק, וואָס האָט שטענדיג געמוזט וואנדערן און האָפען אויף נסים, האָט אויסגעבילדעט די פּאָעטישע איינבילדונגס־קראפט מיט איהרע געוואַלטיגע איבערטרייבונגען.

דער אונטערשיעד צווישען אונז און די פעלקער איז דאָס, וואָס זייער מיטהאָלאָגיע איז שוין לאַנג טויט און, אַנשטאָט צו דיענען די געטער און דערצעהלען פון זייערע מלחמות און ליעבעס און פערשיעדענע וואונדער, בעשעפטיגען זיי זיך יעצט מיט דער ווי־סענשאַפט; ווערהענד אונזער רעשטעל נסים פערגרעסערט זיך פון טאָג, און אונזערע גוזמאות האַלטען זיך אין איין פערמעהרען.

מיר זיינען, נעבאך, אזוי אויסגעהונגערט, אזוי אויסגעדארט געוואָרען אין גלות; מיר האָבען זיך אזוי שווער און ביטער אָנ־געהאָרעוועט און אָנגעפלאַגט, — אז ווען משיח וועט קומען, וועלען

וואקסען פארטיגע בולקעס, קוילעטשעס און קיכלעך אויף די בוימער. מען וועט ניט דארפען אָפּקומען שבת מיט אַ קעלבערען קעפּעל אָדער אַ שטיקעל לונגען. עס איז פאראַן אַ „שור הבר", וואָס עסט אויף טויזענד בערג אַ טאָג, און דעם חברה־מאַן וועט מען דאָס קוילענען פאר אידען אין יענער צייט, וואָס וועט זיין אייביג שבת. ניט מעהר קיין ביליגע פישלעך, עס לעבט אַ „לויתן", וואָס איז ארומגעדרעהט ארום דער וועלט און האלט דעם עק אין מויל... נאָך יעדען גירוש, נאָך יעדער גזרה און נאָך יעדען פּאָגראָם וואקסט צו אַ שטיקעלע נס, אַ וואונדערעל און אַן איבערנאַטירליכע האָפנונג אויף עטוואָס בעסער, דען היתכן, אז אזוי וועט עס בלייבען?...

„די געוואָהנהייט איז די צווייטע נאַטור", זאָגט אַן עולם'שעס ווערטעל, און די גוזמאות האָבען זיך אונז אזוי איינגעוואקסען אין די ביינער, אַז זיי ווייזען זיך ארוים אין טעגליכען לעבען אויף יעדען טריט, און אויב זיי זיינען ניט שעדליך, זיינען זיי אָבער ניט זעהר פּראקטיש און דאָס רוב זיינען זיי אויך שטארק שעדליך. עס האַלט שוין אזוי ווייט, אַז עס איז כמעט ביי אונז קיין מיטעלוועג, קיין דרך הממוצע ניט פאראַן. מיר זעהען נאָר עקסטרעמען. אַ צדיק אָדער אַ רשע, אַ פילאָזאָף אָדער אַ אידיאָט, אַ ריעז אָדער אַ קארליק, „ויתן לך" אָדער די תוכחה... די מאַיאָריטעט פון אונזער פאָלק האָט זיך אָנגעזויגען מיט גוזמאות, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין זיין ארט דענקען, אין זיין ארט רעדען און זיין אומגאַנג מיט מענשען.

מיר ווייסען, צום ביישפּיעל, אַז ר' אליעזר בן הרסום איז געווען אזוי רייך, דאָס ער האָט פערמאָגט „טויזענד שיפען אויפ'ן ים און טויזענד שטעדט אויף דער יבשה!" אָט די גוזמאות ווייזען זיך ארוים אין אידישע צייטונגען, אין בע־

ריכטען פון אידישע שוהלען און חברות, וואָס וואַרפען זיך מיט „גאונים", „מפורסמים", מיט „משכילים", מיט „מנגנים", מיט „מטיפים", מיט „עשירים", מיט „פילאַנטראָפען" און מיט וואָס איהר ווילט נאָר הערען און געדענקען. דאָס לעבען האָט אונז אַזוי צוטומעלט און צודרעהט אַז מיר זעהען זאַכען אַנדערש ווי זיי זיינען, און יעדע זאַך ווערט ביי אונז אין מח פערקלענערט אָדער פערגרעסערט. מיר זיינען אַזוי איינגעוואָהנט מיט די גוזמאות, אַז מיר קענען זיך אָהן זיי ניט בעגעהן.

מיר ווילען אויף קיין פאַל ניט צוגעבען, אַז עס זיינען פאַראַן שטופען אין מענשען פונקט ווי עס איז פאַראַן שטופען אין דער נאַטור.

איז דאָס שוין אָבער ניט די העכסטע צייט פאַר אונזער פאָלק אַוועקצוּוואַרפען די גוזמאות און אָנהויבען צו בעטראַכטען מענשען און זאַכען ווי זיי זיינען?

פערשיעדענעס

צאַצקעס

קויפט פאר אייער קינד א צאַצקע און ערגערט זיך ניט ווען עס צוברעכט זי, דען צאַצקעס קענען ניט און טאָרען ניט אייביג לעבען. אויב ניט *יעצט* איז *שפעטער*, זיי מוזען צובראָכען ווערען סיי ווי סיי. אַ קינד וואָס האַלט זיך צו לאַנג מיט אַ צאַצקע בעלאַנגט צו דעם פראָסטערען זאָרט; זיין מאַרך איז ניט טהעטיג און זיין מח שפעקולירט ניט. וואָס קליגער אַ קינד איז אַלץ גיכער ווערט איהם מיאוס זיין שפיעלצייג, אַלץ שנעלער צוברעכט ער דאָס, און וואָס קליגער די עלטערן זיינען, אַלץ גיכער קויפען זיי איהם נייע שפיעלצייג, ער זאָל וויעדער האָבען, וואָס צו צוברעכען.

צאַצקעס זיינען אַ קינד'ס פריינד אין לעבען. זיי זיינען אויך זיינע ערשטע לעהרער.

נאַרישע טאַטע־מאַמע גיבען זייער קינד א צאַצקע און ווילען, אַז דאָס קינד זאָל זיך דערמיט האַלטען אין איין פרעהען, וועהרענד זיי אַליין זוכען שטענדיג נייע סענזאַציאָנען אין די צייטונגען, נייע ראָמאַנען, נייע טעאַטער־שטיקער, נייע מאָדעס, נייע ליעדער צום זינגען און נייע בעקאַנטשאַפט אין דער וועלט, נייע פריינד צו בעזוכען און נייע מענשען צו בערעדען. די צאַצקעס קומען לויט די יאָהרען. די שפיעלצייג, וואָס איהר גיט אַ קינד פון אַ יאהר וועט איהר נישט געבען אַ קינד פון פינף אָדער זעקס יאהר. די צאַצקעס, וואָס איהר גיט וויעדער *אַזאַ* קינד וועט איהר ניט געבען צו קינדער פון צוועלף, דרייצעהן יאהר, און זייערע צאַצקעס וועלען וויעדער נישט טויגען פאר קינדער פון פינף־און־צוואַנציג, פערציג אָדער זעכציג יאָהר. אַנדערע יאָהרען, אַנדערע צאַצקעס,

אנדערע בעגריפען און אנדערע שפּיעלצייג. די צאַצקעס קומען לויט דער עלטער. אונז געפעלען ניט מעהר „יענע" חכמות, „יענע" פריידען און „יענע" גליקען. מיר צוברעכען זיי און זוכען אַלץ „אנדערע", שענערע, בעסערע און קינצליכערע, און אויב מיר אַליין קענען זיי מעהר ניט צוברעכען און פערניכטען, דאַן שטעהען אויף אנדערע און טהוען דאָס...

בעשטראָפען קינדער דערפאַר, וואָס זיי צוברעכען צאַצקע און ווילען א נייע, אַן אנדערע, קומט פון צו־וועניג וויסען און פער־שטעהען דעם קינד'ס נשמה און פון דעם ניט־בעגרייפען, אַז אין קינדישע צאַצקעס ליעגט די פילאָזאָפיע פון לעבען און די טיעפע געהיימנים פון דעם אייביגען קאַמפף צווישען די געגענוואַרט און די צוקונפט; צווישען דעם קאַלטען קאָנסערוואַטיזמוס און דעם ברענענדיגען פּראָגרעס.

ווי פיעל קרבנות האָט שוין די מענשהייט געבראַכט פאַר'ן צוברעכען די אַלטע צאַצקעס און זוכען נייע! די אַלטע דורות האָבען שטענדיג געשריען, געשאָלטען און געשלאָגען זייערע „קינדער" מכות רצח דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט געהיט די צאַצקעס, וואָס מען האָט זיי געגעבען, און האָבען זיי צובראָכען אין שטיקלאַך. די וועלט וואַקסט ווי א קינד און זי קען זיך ניט פרעהען מיט די זעלבע זאַכען. די מענשהייט האָט שוין צובראָכען און צוריסען א סך „צאַצקעס": רעליגיאָנען זיינען צופּיצעלט געוואָרען ווי פּאַפּיערענע שיפּלאַך, אַלטע, אנערקענטע וואַרהייטען זיינען צובראָכען געוואָרען ווי הילצערנע שווערדלאַך, און עלעמענטען זיינען צושמאָלצען געוואָרען ווי די בליי פון חנוכה־דריידלאַך. די אַלטע שוטים האָבען דערפאַר געשמיסען צום טויט, און וואָס האָבען זיי אויסגעפיהרט? דער שטרעבענדער גייסט איז אַן עקשן און מיר פרעהען זיך מיט נייע „צאַצקעס"...

די קינדער זיינען אויך נישט אַלע גלייך. איין קינד האַלט

אין האנד א שפּיעלצייג און וויל עס א ווארף טאָן אָן דר'ערד און צוברעכען. מען טהוט אויף איהם א געשריי: „נישט, ווארום איך וועל שמייסען!"... דאָס קינד דערשרעקט זיך און טהוט עס ניט. אָן אנדערער אָבער, מיט א מעהר שפּעקולירענדען גייסט, מיט מעהר ענטשלאָסענהייט און וועניגער מורא, קוקט אייך גלייך אין די אויגען און טהוט דאָס זייניגע. דו שריי, סטראשע, שלאָג זאָגאר און איך צוברעך דאָך אָט דאָס, וואָס איך קען ניט ליידען. מאסען אזעלכע איינגע'עקשנ'טע „קינדער" האָט געהאט די וועלט. מען האָט געשמיסען שפּינאָזאָ'ן, מען האָט איהם מיט די פיס געטרעטען: „ברוך'קע, טשעפּע ניט, א שאָד אזא פיינע צאצקע!"... דאָך האָט ער די צאצקע צובראָכען און געשליידערט אָן דר'ערד. דאָס זעלבע האָט געטאָן א גאלילעי, א לאסאל און א דארווין און דאָס זעלבע טהוען נאָך קאפּריזנע קינדער אויך היינטיגען טאָג.

א שען פנים וואָלטען מיר געהאט ווען מיר וואָלטען זיך נאָך יעצט געשפּיעלט מיט תרח'ס, כדרלעומר'ס און סנחרב'ס „צאצקעס". פיין וואָלטען מיר אויסגעזעהען ווען מיר וואָלטען נאָך יעצט פּערריסען די קאפּאָטקע און געטאנצט מיט דער צאצקע וואָס אהרן האָט אונז געמאכט אין דער מדבר...

גיט די קינדער צאצקעס, זשאלעוועט ניט און גריזשעט זיך ניט, ווען זיי צוברעכען דאָס! נישט-קשה, זאָלען זיי זיך שפּיעלען. ווען איהר זייט יונג געווען האָט איהר זיך אויך געשפּיעלט, און אפילו איצטער שפּיעלט איהר זיך אויך, דען אלץ וואָס איהר האָט און וועט האָבען זיינען און וועלען זיין ניט מעהר ווי צאצקעס....

קעניגרייכען, רעפּובליקען, טראָסטס, קירכען, יוניאָנס, צלמים, רויטע פאָהנעס, פּלאָטען, ארמעען, שפּראכען, מאָדעס, חכמות — דאָס זיינען אלץ „צאצקעס", וואָס וועלען צובראָכען ווערען ווי גראָשענע ליאלקעס און די „קינדער" וועלען זיך שפּיעלען מיט נייע צאצקעס...

מוטער־ליעבע

(פריהלינגס־געדאנקען).

די זון שיינט, די ערד קליידט זיך אן אין גרינס, די לערכען פויגעלע גיסט אראב איהר געזאנג פון די וואלקען, די וואלד־קאפעליע הערט זיך דורכ'ן לאנד. דער פריהלינג איז דא; די גאלדענע צייט פון ליעבע איז געקומען.

ליעבע?.... ליעבע?... איז דען דא אזא זאך ווי ליעבע אויף דער וועלט? אויב די זינגער פון ליעבעס־ליעדער מיינען מוטער־ליעבע, דאן זיינען זיי גערעכט, אבער אזא ליעבע דארף קיין אויס־געכאפטע סעזאנען, קיין עקסטרא צייט. אזא ליעבע איז אייביג יונג, אייביג פריש און גרין, ווי דער מאי.

א מאמע ליעבט איהר קינד אין א קאלטען, וואלקענדיגען דעצעמבער־טאג, ווי אין דעם ליעבליכען מאי, ווען די בלומען שפראצען.

די ליעבע צווישען א מאן און א פרוי איז א משוגענע, זי האט איהרע ווילדע קאפריזען און זי איז אונבעשטענדיג ווי דער וועטער, ווערענד מוטער־ליעבע איז אייביג ווי גאטהייט. עס איז טאקע דערפאר א הארבע שאלה אויב די ליעבע צווישען מאן און ווייב דארף אזוי שען און גלענצענד בעזונגען ווערען ווי אין די פארפיומיר־טע ליעדער פון ירושלים'ס דיכטער־פרינץ און אין די שמעקעדיגע ליעבעס־געזאנגען פון היינריך היינע'ס „בוך דער ליעדער“.

אונזערע אלטע זיטענלעהרער, די בעלי־המשנה, האבען גאנץ גוט פערשטאנען דעם אונטערשיעד צווישען א ליעבע, וואס האט אן

אורזאכע, און א ליעבע, וואָס איז ריין און הייליג, אָהן א שום סיבה, אויסער די ליעבע אליין.

די ליעבע צווישען מאַן און ווייב איז, ווי דער תנא זאָגט, „אהבה התלויה בדבר“, א ליעבשאַפט צוליעב עפּעס. דיזער עפּעס איז אָבער דורכאויס ניט קיין הייליגער. ער ווערט מיט דער צייט פערצעהרט פּונקט ווי אלץ, וואָס איז שטערבליך און פערגענגליך. די יאָהרען אָדער די אומשטענדען פערענדערן די אורזאכע, דעם עפּעס פון דער ליעבע, און דער רוהיגער, זיסער פאַמיליען־לעבען ווערט אָפט פערוואַנדעלט אין א גיהנום.

מיר דארפען ניט ווייט זוכען אזעלכע ביישפּיעלען, וואָס זאָלען שטעלען די פּיעל־בעזונגענע ליעבע אין איהר ריכטיגע ליכט. די גנזעך־ביכער אין די געריכטס־הייזער זיינען אונבעשטרייטבארע עדות פון אויסגעלאָשענע ליעבע, וואָס האָבען זיך זאָגאר פערוואַנדעלט אין בלוטיגען האַס.

די „אלבאַסטער קלאָרע הענטלאך“ מיט די „ווייסע ליליען־פינגער“ האָבען זיך פערוואַנדעלט אין אייזערנע גראַבלער, די „הימעל־בלויע“ אָדער די „קאַרשען־שוואַרצע אויגען“, וואָס פלעגען „קוויקען ווי דער מאָרגען און רעדען די הייליגע הימעל־שפּראַך, וואָס שטעהט העכער פון דקדוק און ווערט פערשטאַנען שטומערהייט“ — אָט די געטליכע אויגען פינקלען ווי ביי א טייפעל און וואַרפען א פחד. דער גוטער מאַן איז געוואָרען אן אשמדאי און די גוטע פרוי — א לילית.

וואו איז די ליעבע? וואו איז דער הייליגער צויבער פון פאַר דער חופּה? וועלכער שד האָט אויסגעבלאָזען דעם הימלישען שטורקאַרץ, וואָס האָט געפלאַקערט פאַר'ן „הרי את מקודשת לי“?

די אורזאכע האָט זיך שנעל אויסגעניצט, דער עפּעס איז בעפריעדיגט, די „הייליגע ליעבע“ איז גאָר קיינמאָל הייליג ניט געוועזען, זי איז אויסגעקראָכען ווי די האָר פון אן אלטען פעלץ, זיך

אויסגעברענט ווי א שטשאפּע האָלץ און געלאָזען נאָך זיך א מיאוס'ן רויך — עס איז געוואָרען א סוף פון דער ליעבע.

יענע ערהאבענע ליעבשאפט, וואָס גלענצט אזוי מאיעסטעטיש אין די ראָמאנען, אין די לירישע ליעדער און אויף דער ביהנע, יענע ליעבע איז קיין ליעבע ניט. די אמת'ע ליעבשאפט איז די, וואָס דארף ניט קיין גרינע לאָנקעס און זילבערנע טייכלאך זיך צו בע־גייסטערען, דאָס איז די ליעבע צו קינדער.

שיללער בעזינגט אויך די ליעבע און ער זאָגט, אז „די קלענסטע שטיבעלע איז גרויס גענוג פאר א פּאָר פאָלק וואָס האָט זיך ליעב". דער אמת איז אָבער, אז די קליינע שטיבעלע ברענגט טאקע גרויסע מחלוקות און די גרעסטע ליעבע ווערט איינגעקאָרטשעט אין אן ענ־גען צימער. פון וואנען קומט דאָס בעז לעבען? „ווען עס איז נישטאָ פון וואנען צו לעבען", זאָגט א אידישעס שפּריכוואָרט, וועל־כעס איז פיעל ריכטיגער ווי שיללער'ס שענע חלומות אין זיין הער־ליכען געדיכט „דער יונגלינג אם באכע".

צופיעל הארץ און געפיהל ווערט פערנוצט אויף דער ליעבע, וואָס דויערט א רגע, און צופיעל פערשוויעגען איז די ליעבע וואָס דויערט אייביג. עס איז דאָ א ליעבע וואָס איז גרויס גענוג אפילו אין דער קלענסטער שטיבעלע, דאָס איז די מוטער־ליעבע. א מאמע געהט בעטלען צו שפּייזען איהרע קינדער, פאר'ן מאן אָבער וויל זי ניט געהן אין די הייזער און טרייבט איהם ארבייטען.

יא, געבענשט איז די ליעבע, וואָס דארף ניט קיין לוח צו ווי־סען ווען עס איז פריהלינג. געבענשט איז די מוטער־ליעבע, וועלכע איז אייביג. די מוטער־ליעבע איז אמת, א מאמעס הארץ איז דער קדשי קדשים אויף דער ערד. איך ליעב נאָר אין דער פרוי די מ ו ט ע ר, אָבער ניט דאָס ווייב, ווייל א ווייב בייט זיך און א מאמע ניט.

דער פריהלינג איז דאָ, אָבער איך זעה אין דער נאטור רי מו־

טער און ניט די „געליעבטע“. דער גרינער טאפּעט איז דער מאַמעס
אייביג פרישע, אייביג יונגע ליעבע. אין פויגעל׳ס טרעלען דערהער
איך די זיסע, ליעבע שטימע פון דער מוטער. אין דעם טיפעז,
בלויען הימעל זעה איך איהר ריין, גרויס הארץ, וואָס האָט קיין ברעג
און אין דעם שטילען מורמלען פון דעם קלאָרען טייכעל הער איך
דער מאַמעס ברכות.

זיי געבענשט, דו אויפגעוואכטע נאַטור, ביזט פול מיט מוטער־
ליעבע !

בעריהמטהייט

ווען די, וואָס יאָגען זיך נאָך פּאָפּולאַריטעט, וואָלטען געוואוסט די צרות פון בעריהמטהייט, וואָלטען זיי נאָך צוגעצאָהלט מען זאָל זייער נאָמען ניט דערמאָנען.

עס וואָלט גוט געווען צו זיין בעריהמט, מען זאָל ניט דארפען קומען אין בעריהרונג מיט דער אלגעמיינער וועלט, אָבער אזוי ווי דאָס איז זעהר שווער איז גלייכער אז מען „מאַכט שבת פאר זיך“.

ווען דער מענש איז אונבעקאַנט האָט ער דאָס פערגניגען צו רעדען אויף אלעמען, דאָך ווען ער ווערט בעקאַנט, האָט ער די יסורים צו הערען ווי אלע רעדען אויף איהם, און דאָס בעסטע וואָס ער קען טאָן איז זיך מאַכען ניט־הערענדיג.

די פּאָפּולערע פּערזאָן איז ווי א קהל׳שער האַנדטוך, אָן וועלכען יעדער איינער ווישט אָב זיינע אונריינע הענד און שמוציגע ליפּען.

לויט די האַנדלונג פון דער מענשהייט זעהט דאָס אויס אזוי ווי זי וואָלט א מענשען מיט א כיון געגעבען א נאָמען אום איהם שפּעטער צו קענען ארונטעררייסען. א בעוויז דערצו איז דאָס, וואָס אלע גרויסע לייט ווערען ערניעדריגט און בעליידיגט.

ווען איינער פרעהט זיך דערמיט, וואָס ער האָט עס אויף אזוי ווייט געבראַכט, דאָס אלע קוקען אויף איהם און ווייזען מיט די פינגער: אָט געהט ער! אָט שטעהט ער! דאַן זאָל ער וויסען, אז ער איז ניט מעהר יחסן פון דעם צירקוס־עלעפאַנט, וואָס מען בעצאָהלט פאר אַ טיקעט איהם צו זעהען. דער איינציגער אונטער־שיעד איז נאָר, וואָס מיט דער גרויסער חיה האָט מען זיך מורא אָנצוהייבען און מען לאָזט זי געהן, ווערהענד דעם גרויסען מענשען לעגט מען שטיינער אין וועג.

צו ווערען בעריהמט הייסט צו קריעגען נייע שונאים, אויף וועלכע מען האט זיך גאר ניט געריכט, ווייל לויב און טאדעל געהען האנד אין האנד אויף דער וועלט, און דער קרייז פון די טאדלער פערגרעסערט זיך לויט דעם קרייז פון די פערעהרער.

אלץ, וואס דו האסט פון דיין גרויסקייט, אין בעסטען פאל, איז דאס, וואס מען זוכט דיך אויסצוניצען. ביזטו א בעריהמטער עושר, ווערסטו בעפאלען פון שנארערס, ביזטו א בעריהמטער רעדנער, ווייל מען אויסניצען דיין רעדען, ביזטו א בעריהמטער שרייבער, ווייל מען אויסניצען דיין שרייבען, ביזטו א בעריהמטער זינגער, ווייל מען אויסניצען דיין זינגען, דאך דיין צדקה ווי דיין רעדען און דיין זינגען ווי דיין שרייבען שטעלט ניט אלעמען צופריעדען און דו פיהלסט זיך א סך מאל ווי גוט דיר וואלט זיין, ווען די וועלט וואלט זיך אבגעטשעפעט פון דיר.

צו זיין בעריהמט און זיך היטען ניט בעליידיגט צו ווערען איז פונקט ווי צו טאנצען א „רזשיג" מיט א גלאז וואסער אויפ'ן קאפ און ניט פערגיסען. דאס איז א גרויסער קונץ און נישט אלע בעריהמטהייטען זיינען קונצען-מאכער...

איינע פון די אונאנגענעהמליכקייטען אין בעריהמטהייט איז אויך דאס, וואס דו ווייסט ניט מאנכעס מאל ווער עס לויבט דיך מיט אן אמת און ווער עם חנפ'עט דיך, דען אנדערע לויבען דיך מיט א כיון אום צוליעב דעם בעקאנט צו ווערען.

א נאמען! רבי חנינא בן דוסא האט אויך א נאמען, דאך ווען ער האט געלעבט האט מען איהם נעגעבען אנצוהערענים, אז אום צו זיין בעריהמט און גליקליך מוז ער לאזען צוהינקען זיין עולם הבא... און אזוי ווי ער האט דאס ניט געוואלט, איז ער געבליעבען אויף גרויסע צרות ביז אין טויט אריין.

ווען דו קענסט גאר ניט קענסטו עפעס, דאך ווען דו קענסט א סך קענסטו גאר ניט, דען די וועלט פארדערט פון

דעם קענער מעהר ווי פיעל זי קען פערשטעהען, און ווען דו ביזט שוין צו גרויס פאַר איהר זאָגט זי, אז דו טויגסט ניט. בעריהמטהייט הייסט אַלזאָ שטענדיג קריטיזירט צו ווערען און 99 מאָל פון הונדערט אונגערעכט.

גאָט האָט געוואָלט בעריהמט זיין און האָט געמאכט אַ וועלט, זיינען געקומען די מענשען און געוויעזען אַז זי טויג ניט.

צו געניסען נאָכאַנאַנד כבוד איז פונקט ווי צו עסען אַלע טאָג פאַרפעל־צימעס. עס עסט זיך צו און עס פאַנגט זיך אָן צו בענקען נאָך הערינג.

אומזיסט גיט דיר די וועלט ניט קיין בעריהמטהייט, דו גיסט איהר אין אויסטויש דאָס בעסטע, וואָס דו פערמאָגסט. דאָך דאָס דייניגע גיסטו איהר מיט דער גאַנצער גלוט פון דיין נשמה און דאָס איהריגע גיט זי דיר ווי זי וואָלט אָבגעצאָהלט אַ פערגעסענעם חוב, — זי טהוט דיר אַ טובה און צו יעדער געלעגענהייט שטעקט זי דאָס דיר צו.

ווען קיינער קען דיך ניט ביזטו אַ פרייער מענש, קוים ווערסטו בעריהמט, היט מען דיך ווי אַ גנב און דו וואונדערסט זיך מאַנכעס־מאָל פון וואַנען מען וויים, אַז דו לייענסט ניט קיין קריאת שמע. ווען דו ווערסט בעריהמט לאָזט מען אפילו נישט רוהען דיינע טויטע, דען עס געפינען זיך ליטעראַרישע היענען, וואָס גראָבען אויס דיין עלטער־זיידען, און וועה דיר ווען ער געפעלט זיי ניט!

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט, ווייזט דייטליך, אַז בעריהמטהייט איז נאָך ניט די גרעסטע שטופע פון גליק, און אַז די בלומען, מיט וועלכע מען בעוואַרפט דעם בעריהמטען, האָבען צו שאַרפע דערנער. נאַטירליך, ווען דו האָסט דאָס גרויסע אונגליק צו זיין בעריהמט איז פערפאַלאַען; נאָכיאָגען נאָך דעם זאָלסטו זיך ניט, ווייל דו וועסט האָבען צייטען ווען דו וועסט, אזוי ווי גאָט, חרטה האָבען אויף דיין אייגענע וועלט און איהר וועלען חרוב מאַכען און שפּעטער וויעדער חרטה האָבען...

מאַרטירער

קיין ליידענדער, קיין אונגליקליכער קריעגט אזוי פיעל סימפאַ־
טיע פון די מענשען, ווי דער וואָס איז זיך מקריב פאַר די
אינטערעסען פון'ם כלל.

דאָס הייליגסטע, דאָס אונפערגעסליכסטע אונטער דער זון איז
מאַרטירערטום.

דער, וואָס קען שטעהען פאַר אן אמת, איז פערעהרליכט און
דער, וואָס קען פאַר איהם פאַלען, איז פערגעטערט.

די גרויסקייט פון אַ פאָלק זיינען זיינע מאַרטירער און די
שענקייט פון אַ אידעע — איהרע געפאַלענע העלדען.

ווי ליכטיגע שטערען אין אַ דונקעלע נאַכט לייכטען די נעמען
פון מאַרטירער אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

דער שטאָלץ פון רעוואָלוציאָנען זיינען זייערע אומגעבראַכטע
פערטהיידיגער און די שטאַרקייט פון אמונות — זייערע קדושים.

די עדעלסטע פלאַנצונגען אין גן עדן פון מענשליכען פראָגרעס
וואקסען פון מאַרטירער־בלוט.

די נאָבעלסטע בלום פון „מאָרגען" בליהט ארויס פון דאָס
פערוואונדעטע הארץ פון „היינט".

די גרויסקייט פון מאַרטירער איז זיין אונפערגלייכליכער איינ־
פלוס אויפ'ן „שפּעטער".

קעמפּפענדיג אין דער ג ע ג ע נ וו א ר ט זיענט ער פאַר די
צ ו ק ו נ פ ט. זיין קבר איז זיין הימעל און די אונגעבאָרענע
דורות — די מלאכים, וואָס זינגען איהם קדושה.

די צוקונפטס־זון פון דער מענשהייט וועט אויפגעהן פון
ס י ב י ר און ניט פון ה א א ג.

די גאולה וועט קומען דורך די מ א ר ט י ר ע ר און ניט דורך די פשרה־מאכער.

די אידישע פּראָפעטען זיינען גרויס געוועזן דורך זייערע פייער־דיגע ווערק, דאָך זייער מארטירערטום האָט זיי נאָך גרעסער געמאַכט.

ווען ירמיהו און ישעיהו וואָלטען ניט געליטען אזוי פיעל פאר'ן אמת, וואָלט זיי געפעהלט די העכערע העלפט פון זייער אונ־שטערבליכקייט.

ווארהייט אָהן לײדען איז נישטאָ אויף דער וועלט און די יסורים פון אמת זיינען הייליג ווי דער אמת גופא.

אָבער אלץ, וואָס איז עהרליך, שען און גוט, שטעהט אין סכנה געשענדעט צו ווערען פון שווינדלער און בעטריגער.

נביאות איז אַ גרויסע זאַך, דערפאר האָבען מיר ג ע ה א ט און ה אָ ב ע ן מענשען, וואָס קליידען זיך אָן אין אַ מאַנטעל פון נביאים צו פערבלענדען דאָס פאָלק.

פערשטעלטע פּראָפעטען און מארטירער זיינען געפעהרליכער ווי אָפענע גזלנים, ווייל דער מערדער ו ו י י ז ט דיר זיין האַק און דער פאלשער נביא — טראָגט איהר אין הארצען.

„כאפט דעם גנב!“ שרייט דער גנב גופא אריינלויפענדיג אין עולם און עס פאָרדערט אַ געאיבטע אויג צו דערקענען דעם זשוליק צווישען דער מאַסע.

דער נביא הבעל, דער לינקער פּראָפעט, קומט כלומר'שט אויף העלפען דעם פאָלק. אונשולדיגע מענשען גלויבען איהם און ווען עס געפינט זיך אַ ריכטיגע אויג וואָס דערקענט די „שווארצע שעפּס“ אין דער גרויסער סטאדע, מאַכט אָט די דאָזיגע „שעפּס“ אַ מארטירער־פּנים און וויינט, און אפּעלירט צו די „צאן קדשים“ פאר רחמנות.

פאַלשע מאַרטירער האָבען שוין דער וועלט מעהר געשאַדעט ווי אמת'ע האָבען איהר געהאָלפען.

די גראַמאַדע אָבער פערשטעהט ניט, האָט קיינמאָל ניט פערשטאַנען און האָט זיך איבערגעענטפערט אין פאַלשע, פערפיהרערישע הענר.

מענשען זאָלען זיך דערפאַר ניט איילען אָנצוטהאָן איינעם די איידעלע קרוין פון מאַרטירערטהום איידער זיי האָבען גוט אויסגעפאָרשט זיינע אַלע כונות און האָבען זיך איבערצייגט אין זיין ערנסטקייט.

מיר האָבען מעהר פאַלשע ווי ריכטיגע זאַכען אין אונזער וועלט, און עס איז אויך גאַנץ נאַטירליך מיר זאָלען האָבען געפאַרבטע מאַרטירער, וואָס גיסען ציבעלע־טרעהרען, און העלדען מיט א מיין צו פערקויפען די פרעמדע אונשולד צוליעב אייגענע נוצען.

צופיעל פאַפיער וואָלט מען גערארפט פערניצען אויסצורעכנען די ביישפיעלען צו מיינע ווערטער. די געשיכטע שווימעלט און גריבעלט מיט זיי, מיט די דאָזיגע ביישפיעלען און מיר שלאָגען זיך אָב אָן זיי אין טעגליכען לעבען.

עס איז לייכטער גאָלד און דיאַמאַנטען צו פּרובירען ווי די מחשבות פון א פערפיהרער, ווייל אַלץ לערנט מען אונז אין די שולען, נאָר ניט ווי צו דערקענען א מענשען.

די שלעכטע און פערדאָרבענע, וואָס האָבען די הויפּט־דעה אין דער וועלט און בעהערשען דעם בוך און דעם שפּייכלער — זיי ווילען ניט, אז מיר זאָלען זיי קענען, און זיי מאַסקירען זיך פאַר אונז.

וואָס זיי טהוען יא פאַר אונז אין דעם פּרט פון מענשען־לעהרע, איז צו פערזייען אין אונזערע הערצער דעם חשד אויף די גוטע, דעם ביטערען ספק אין דעם אמת, ווייל ער איז געגען זיי.

איז ניט פרעה געווען א מארטירער, ווען זיינע שקלאפען האבען איהם אבגענארט?

זיי האבען איהם געזאגט, אז זיי געהען מקריב זיין קרבנות אין דער מדבר און האבען זיך דערווייל בעפרייט.

האט מען זיי ניט געדארפט נאכיאגען און ברענגען צוריק מיט גוואלד?

בעטראכט זיך ניט יעדער געבראכענער הערשער פאר א מארטירער, ווען זיין פאלק וויל זיך בעפרייען? וויינט ער ניט פאר דער קאזארמע, ווי א ציבעלע, אז יונגאטשעס, שונאים פון שלום און אחדות, ווילען חרוב מאכען דאס לאנד און בערויבען איהם אליין פון זיין רעכט צו הערשען?

די וועלט האט זיך נאך ניט געענדערט. עס זיינען געווען און עס זיינען דא פאלשע מארטירער, אבער אויב זיי וועלען זיין, אויף דעם וועט די צייט געבען א תשובה.

חוצפה און מוט

חוצפה — אנדערע מענשען פערבייטען דאָס אויף מוט; זיי האָבען אבער אַ גרויסען טעות. דער מוטיגסטער מענש קען אמאָל קיין חצוף ניט זיין פונקט ווי דער גרעסטער חצוף קען זיין אַ מיאוס'ער טרוס.

חוצפה איז ווי אַן אמעריקאַנער געשעפטס-אַגענט; ווען דו וואַרפסט איהם אַרויס דורכ'ן טהיר, קומט ער דורכ'ן פענסטער.

ווען הוצפה קען ניט אַריינקומען אין אַן אָרט טשעפעט זי זיך אָן אָן חניפה, פאַר ביידען צוזאַמען איז קיין שלאָס נישטאָ.

די חוצפה האָט אַ „שוואַרצע גבורה", דערפאַר ווערט זי קיינמאָל ניט רוים.

חוצפה איבערשטייגט אַלע גרעניצען אָהן אַ פּאַספּאָרט.

עס איז כדאי צו פאָהרען פון ניו יאָרק נאָך באָסטאָן איבער פּעטערסבורג אָבי אויסצומיידען אַ חצוף.

חוצפה קען ניט געווינען קיין רעספעקט פאַר זיך אַליין, און מוט קען אויסקעמפּפען די עהרע פאַר אַ נאַציאָן.

דער ארגומענט פון חוצפה איז הפקר און דער אויפטרעטען פון מוט איז ווירדע.

ווען דער נאַר וויל ווייזען אַז ער האָט מוט ווערט ער אַ חצוף.

חוצפה קען בעליידיגען גאָט און מוט קען בעקעמפּפען דעם טייפעל.

אַ חצוף קען זאָגען מבינות אויף אַ חזן טויבערהייט און געהען פערהערען אַ רב ניט קענענדיג קיין עברי.

זאָלסט זיך קיינמאָל ניט פערהערען מיט אַ חצוף, סיידען דו האָסט מוט גענוג איהם אָנצופּראַסקען.

מוטיג איז די פרוי, דען זי געהט אין לעבענסקאמפף מיט א מאַן און איז גאַנץ אָפט די „געווינערין".

דער חצוף זאָגט אַ דעה, וואו מען פרעגט איהם ניט און איז אין כעס פאר וואָס מען וויל איהם ניט פאָלגען.

חוצפה זאָגט: איך פרעג ניט קיינעם; מוט זאָגט: איך שרעק זיך ניט פאר קיינעם.

רפואות פאר א געזונדען מענשען איז ווייזען מוט, וואו מען דאַרף ניט.

דער חצוף ווייזט, אז ער קען בעליידיגען דעם גרעסטען, און דער העלד, אז ער קען אָבטרעטען דעם קלענסטען.

געגענגיפט פאר גיפט און חוצפה פאר חוצפה.

מוט איז בעסער פון גבורה, חוצפה מיאוס'ער פון נארישקייט, און טייערער פון לומדות — איבערלעגונג.

יעדער מענש מוז האָבען אַ ביסעלע חוצפה און א סך מוט.

מען דאַרף מאנכעס מאָל האָבען מוט צו זאָגען א ליגען און חוצפה צו זאָגען דעם אמת.

כל זמן דו האָסט קיין מוט ניט פערלאָרען האָסטו א האָפנונג פיעל צו געפינען; דאָך קוים געפינסטו ניט קיין מוט פערליערסטו די האָפנונג.

עקעלהאַפט איז דער חצוף, ווען ער איז אַן עם הארץ, דאָך ווען ער איז אַ למדן איז ער געפעהרליך.

רעספעקט פאר דעם, וואָס האָט מוט אויפצוטרעטען געגען זיין ברויטגעבער אין נאָמען פון אמת, ווייל ער ווייזט אז די וואַרהייט איז איהם טייערער ווי זיין לעבען.

געווינען מיט חוצפה איז אויך אַ געווינס, דאָך ניט אזא, ווי פערליערען מיט מוט.

ווען חוצפה האָט אָפטמאָל ניט וואָס צו טהאָן שרייבט זי קריטיק.

דער חצוף איז ביי זיך שטאָלץ, אבער די חצופה איז א געפאלענע.

ווען די חוצפה דערגרייכט שוין דעם הימעל פערליערט זי דעם באָדען.

אן אלטער חצוף איז מיאוס'ער ווי א יונגער בעל תאוה.

זיי ניט מקנא דעם, וואָס קריכט דוקא צום מזרח־וואנד ווייל דאָן זעהען אלע, וואָס פאר א חצוף ער איז.

א סך חוצפה איז בעסער ווי ווייניג מוט און בעהאלטענע נארישקייט ווי אויסגעשריענע חכמות.

פריינד און פריינדשאפט

(ווי זיך אומצוגעהן מיט מענשען)

ווען איהר קומט צו אייערען א פריינד אדער א בעקאנטען, וואלט איהר געוואלט ער זאל אייך געבען כיבוד און זיך אליין לעגען שלאפען ?

וואלט איהר צופריעדען געווען צו קנאקען ניס, עסען וויינפער־לאך, אדער טרינקען סאדא־וואסער און הערען ווי אייער מכניס־אורח ליענט און כראפעט ?

„עס הייבט זיך גאר ניט אן" — הער איך ווי איהר זאגט — „מיר וואלטען איבערגעלאזט דעם גאנצען קרעדענץ און פערזאנט א צעהנטען דארט מעהר ניט צו קומען."

דאס איז זעהר שען פון אייך. דאס איז ווירקליך דער ענטפער, וואס איך האב ערווארטעט. אזוי דארף מען טאקי טהאן. דען ווען יענער ווייס ניט ווי מיך צו בעהאנדלען, איז ער ניט ווערטה איך זאל בעטרעטען זיין שוועל.

אט דער ביישפיעל אבער דארף אייך דיענען אלס ווארנונג, אז איהר זאלט וויסען ווי צו עמפפאנגען אייערע געסט, ווען זיי קומען אייך בעזוכען.

איך רייד דא ניט פון אונגעווינשטע געסט, וועלכע ווען מען זעהט ניט צעהן יאהר, וואלט מען אריינגעווארפען אין פושקע, אז זיי זאלען נאך צעהן יאהר ניט קומען. איך רייד פון געסט, וואס מען איז גערן צו בעגעגנען.

עס זיינען פאראן מענשען, וואס זאגען, אז אן אמת'ער פריינד האט קיינמאל קיין פאראיבעל ווי איהר וועט איהם צונעהמען.

מעגליך, אז דאָס איז אַזוי, דאָך איהר דאַרפט אַזאַ גוטען פריינד זוכען ביי־טאָג מיט אַ לאַנטערנע. איך האַלט איבערהויפּט זעהר ווענינג פון אַזעלכע „פריינד", איך גלויב, אז יעדער מענש האָט אַ רעכט צו פערלאַנגען אַ מענשליכע בעהאַנדלונג. דער, וואָס פער־שטעהט ניט ווי בעליידיגט צו ווערען, האָט קיין פּלאַץ ניט ביי מיין טיש, דען נאָר אַ מענש פון עהרע קען זיין אַן אויפריכטיגער פריינד.

די חקירה, דאָס ווען אַן אמת'ער פריינד בעזוכט, דאַרף מען מיט איהם קיין שום צערעמאָניעס ניט מאַכען, איז גרונט פאַלש. דען אויב יענער איז ווירקליך איינער פון די זעלטענע, דאַן איז ער ערשט דער ריכטיגער מענש, פאַר וועמען מען דאַרף עפענען די טהיר מיט אַ שענעם „סקאַצעל קומט" און וואָס עפּטער ער בעזוכט, אַלץ ווארעמער דאַרף מען איהם אַנטקעגען געהן.

אַן אמת'ן גוטען פריינד איז, ווי אמת'ן גליק, זעהר שווער צו קריעגען, קוים אבער זייט איהר איינער פון די גליקליכע, דאַרפט איהר זיין פאָרזיכטיג איהם ניט צו פערליערען. דען יעדער הויז־פויגעל פליהט ארויס, ווען איהר עפענט איהם אַ פענסטער.

פריינדשאַפט איז אַ גוטע זאַך, איינע פון די בעסטע, און אַ גוטע זאַך דאַרף מען היטען. ווי וואויל אונזערע חכמי המשנה האָבען דאָס פערשטאַנען ! איינער פון זיי גיט זיך אַ זאָג : „וקני לך חבר" און קויף דיר אַ פריינד.

זיי האָבען געקענט די מענשליכע נאַטור, זיי האָבען גוט געוואוסט, אז פריינדשאַפט מוז מען קויפען און זיכער איז עס דאָס ווי טייער מען בעצאָהלט פאַר אַן אמת'ן גוטען פריינד, האָט מען אַלץ געהאַנדעלט אַ מציאה.

סיסערא, דער גרעסטער רוימישער רעדנער, זאָגט : „פריינד־שאַפט פערבעסערט גליקליכקייט און בעזייטיגט עלענדקייט, עס פערדאָפּעלט אונזער פרייד און צוטיילט אונזער קומער."

דער בעריהמטער רוימער קאטאָן זאָגט: „פריינדשאַפט ענדיגט זיך אַ מאָל אין ליעבע, אבער ליעבע אין פריינדשאַפט — קיינמאָל.“

אריסטאָטעל זאָגט: „פריינדשאַפט בעשטעהט פון איין זעעלע מיט צוויי קערפּערס.“

דר. סאמועל דזשאָהנסאָן זאָגט: „אַ מענש קען האָבען טויזענד נאָהענטע בעקאַנטע און אונטער זיי אַלעמען קיין איין גוטען פריינד, אויב דו האָסט איינעם זאָלסטו זיך שעצען גליקליך.“

אין דעם זעלבען זינען רעדט אויך דער ענגלישער פילאָזאָף לאָרד בייקאָן. ער זאָגט: „אַ חאַליאַסטרע איז ניט קיין קאָמפּאַניע און פנים'ער זיינען ניט מעהר ווי אַ גאַלעריע פון בילדער, ווען עס איז נישטאָ קיין ליעבע.“

דאָס אַלעס האָב איך אָנגעפיהרט צו ווייזען ווי טייער אַ פריינד איז און ווי גוט מען דאַרף איהם היטען.

האָבענדיג דאָס אַלץ אין זינען, איז אָבער אויך נויטיג צו וויסען, ערשטענס, דאָס אַ פריינד דאַרף מען ק ו י פ ע ן, אבער ניט א ו נ ט ע ר ק ו י פ ע ן. און צווייטענס, דאָס פריינדשאַפט ווערט געקויפט מיט פריינדשאַפט און ניט מיט געלד.

ביי אַזאַ גוטען פריינד, וואָס ווערט געקויפט ווי אַ בהמה אויפ'ן מארק, איז אויף די מילך פון פריינדשאַפט נישטאָ קיין שמאַנט און העכסטענס, וואָס מען קען דערפון מאַכען, איז זויערע גאָמעלקעס. אַזאַ פריינד, וואָס קומט נאָר ביי אייך געניסען, געוואָהר ווערען, וואָס עס הערט זיך און אַ „טאַפּ טאָן“ אויב איהר זייט נאָך „אָל־ראַיט“ אום צו וויסען אויב ער דאַרף נאָך מאָרגען בעזוכען — אַזאַ פריינד האָט גאָר אַנאַנדער דין. מיט אַזעלכע דאַרף מען האַנדלען לויט איינענעם פערשטאַנד, און יעדער מיטעל, וואָס קען נאָר געהן אַ גאַנג, איז גוט גענוג.

א פאַלשער פריינד איז אַ שרעקליכער שונא און מען דאַרף איהם וואָס ווענינער זעהן.

ביווי זאָגט: „פאַלשע פריינד זיינען ווי אונזער שאָטען, זיי האַלטען זיך נאָהענט צו אונז ווען מיר געהען אין זונשיין און פערלאָזען אונז די רגע, וואָס מיר טרעטען אַריבער אין דונקעלהייט.“

צו עמפּפאַנגען געסט איז איינע פון די גרעסטע קינסטע. איבערהויפּט דאַרף מען וויסען ווי צו עמפּפאַנגען אונ־גערווינשטע געסט. עס איז זאָגאַר פאַראַן אַ סוד, וואָס נאָר קלוגע ווייסען, דאָס ווען איהר ווילט ניט, אַז אַ געוויסער גאַסט זאָל אייך בעזוכען, זאָלט איהר מאַכען מיט איהם אַזאַ פּאַראַד און זאָלט דעם כיבוד אַזוי איבערטרייבען, דאָס אום אייך מעהר ניט צו בעלעסטיגען און מאַכען צופיעל הוצאות, וועט ער זיך שעהמען אייך אָבצושטאַטען צו אָפטע וויזיטען.

ווען עס בעזוכט אייך אייערער אַ פריינד, וואָס שפּיעלט ניט אין קאָרטען, שאַך אָדער דאָמינאָ און געפינט אייך גראָד פערנומען אין איינעם פון אָט די דריי שפּיעלען, זייט איהר מחויב אַזוי שנעל ווי איהר דערזעהט איהם, צו פערשיעבען אייער אונטער־האַלטונג אויף שפּעטער אָדער אויף אַנאַנדער מאָל און זיך „ארומ־כאַפּען“ מיט אייער בעזוכער. איהר קענט זיך אויך ענטשולדיגען פאַר אייער גאַסט און בעטען ער זאָל מוחל זיין זיצען ביז איהר וועט ענדיגען דאָס שפּיעל. דאַן אָבער מעגט איהר זיך צואיילען און ניט צופיעל מאַריך זיין אין אייער „קונסט“, דען אויב איהר פערליערט זאָגאַר אַ „גאַנג“, געווינט איהר דערפאַר אַ פריינד און דאָס צווייטע איז געוויס אַ גרעסער געווינס. אייער פריינד קומט מיט אייך רעדען, אויסטוישען געפיהלען און געדאַנקען דורך פריינדליכע ווערטער און ניט זיצען ווי אַ גולם, אָדער בלעטערען גענעצענדיג אייער פאַמיליען־אַלבום און איהר וועט זיך דערוואייל מאַכען נאַריש.

א סך מאָל איז דאָס אויך די שולד פון דעם בעזוכער. עס זיינען פאַראַן געסט, זאָגאַר אמת'ע גוטע פריינד, וואָס פאַלען אַריין פּלוצלונג, ווי „א יון אין סוכה", גראָד ווען איהר ריכט זיך ניט אויף זיי, אָדער גאָר אין אזא צייט, ווען איהר קענט זיך מיט זיי ניט אָבגעבען. קלוגע מענשען שרייבען שטענדיג א פּאָר ווערטער און בעשטימען פריהער די צייט פון זייער בעזוך, דאַן איז זיכער אז זיי וועלען ניט פאַלען צו לאַסט און זייער וויזיט וועט זיין בכבוד.

עס זיינען ווייטער פאַראַן געסט, וואָס ווייסען ווען צו קומען און ווייסען ניט ווען אוועקצוגעהן: אָט די מענשען לאַנגווייליען צום טויט. זייער אנגענעהמע געגענוואַרט פערוואַנדעלט זיך ענדליך אין איבערדרוס און מען הייבט אָן צו פיהלען א ניט־גוטקייט.

דער בעזוכער האָט פּפליכט פּונקט ווי דער, וועמען מען בעזוכט, אויף דעם איז פאַראַן א קאָדעקס מיט אונגעשריעבענע געזעצען. דער חכם קען זיי אויף אויסווענינ. און דער נאַר וואָלט זיי אפילו אינווענינ אויך ניט פערשטאַנען.

די אונטערשטע שורה איז: זיי א מענש!

שטילע מענשען

די מענשהייט, די אַנגעלעהרענטע, ערפאַהרענע מענשהייט, וועלכע האָט שוין בעצאָהלט אזוי פיעל רבי־געלד, איז נאָך, ווי עס שיינט, אַלץ ניט דערגאַנגען דעם סוד, אַז דאָס רוב געפעהרליכע בעשעפעניסען זיינען די „שטילע“. ניין, די מענשהייט וויים דאָס נאָך אַלץ ניט און פאַלט אָפט זעהר מיאוס אריין. דער „שטילינקער“ האָט נאָך אימער דעם כח צו נאַרען די אויג און געווינען דעם צוטרויען, וועלכען ער ניצט שפּעטער אוים צו זיינע צוועקען.

חכמים האָבען אונז אָנגעזאָגט מיר זאָלען זיך היטען פאַר כעסנים, זיי האָבען אונז דערצעהלט, אַז „דאָס שרעקליכסטע פון אַלע שרעקען“ איז דער מענש אין זיין אויפרעגונג, זיי האָבען אונז אָבער קיינמאָל ניט געוואָרענט פאַר די שטילינקע, די נעבאָך'לאָך, וועלכע ממית'ן מיט זייער רחמנות־פּנים'ל און זיינען מזיק מיט זייער שטילקייט.

די נאַטור איז ניט שולדיג, זי האָט די געפעהרליכסטע און שעדליכסטע פון אַלע ברואים — די שלאַנג — אריינגעשיקט אין גן עדן און נעגעבען דעם מענשען די ערשטע לעקציאָן אין דער געפאַהר פון די שטילינקע, ער האָט עס אבער פערגעסען און דאָס קאָסט איהם זעהר טייער. ניט איינמאָל שפּרינגט אויף דער מענש פערוואונדעט פון די פּילען, וואָס דער שטילער האָט אין איהם אריינגעלאָזען מיט אַ שמייכעלע. ניט איין לעבען ווערט פערלאָרען, ניט איין פאַמיליע צובראָכען, ניט איין ליעבע צודיסען און ניט איין זיסער טרוים פערוואונדעט אין שרעס דורך דעם צוטרויען צו די שטילע, וועלכע ברענגען טויט און פערדערבען.

מיר הערען זעהר אָפט ווי מענשען שרייען אויס פער־וואונדערט: „הטייטש, אזא שטילער, רוהיגער מענש, ווי קומט דאָס ער זאָל בעגעהן אזא פערברעכען? סטייטש, ווער וואָלט זיך דאָס געריכט, אז דער נעבעכיל, וואָס איז גאָר „גאָט די נשמה שולדיג", זאָל אויפטהאָן אזא נבלה, אזא שענדליכע טהאט?"

נארישע מענשען! ווען זיי וואָלטען געווען מעהר פסיכאָלאָגען, פערשטאנען בעסער די מענשליכע זעעלע און בעגרייפען די וואָרנונג וואָס די נאטור האָט זיי געגעבען, וואָלטען זיי זיך פערשפּאָרט צו וואונדערען. דאָס וואָס עס קען ניט געשעהן, וועט ניט געשעהן. ווען דער שטילער און רוהיגער מענש האָט פּלוצלונג גע'הרג'עט זיין חבר, איז א בעוויז, אז דער רוצח איז איהם געלעגען אין די בלוט, אז ער האָט געהאט אין זיך דעם געפעהרליכען קערן פון א מערדער, וואָס האָט אין איהם געדרעמעלט ביז א געוויסער מאָמענט האט עס אויפגעוועקט. א שעפּס קען ניט פערוואנדעלט ווערען אין א וואָלף, אָדער א וואראבייטשיק אין א קאָרשון. דער גזלן ווערט א גזלן געבאָרען, און דער געפעהרליכסטער איז אָפט דער שטילער, דער שווייגער, דען ער טראָגט זיינע בלי־זיין אין הארצען און זיין צונג פער'מסר'ט זיי ניט. דער איינציגער פערדאכט וואָס עס איז דאָ אויף איהם, איז זיין שווייגען. אָבער דוקא דאָס נעהמט די וועלט אָן פאר א מעלה, און זי פאלט אריין.

עס זיינען אויך פאראַן מענשען אויף דער וועלט, וואָס האלטען שטענדיג אין איין שמייכלען, דאָס זיינען אָפט געפעהרליכע מענשען. מען דארף אויף זיי שטענדיג האלטען אן אויג, אויב מען וויל זיך מיט זיי חבר'ן. דער ריכטינער, דער נארמאלער מענש קען ניט שטענדיג טראָגען א זיסען שמייכעלע אויף די ליפען. די נאטור אליין בעשטעהט אויך ניט פון לויטער זונשיין. זי האָט אויף איהר וואָלקען, איהר דונער און איהר בליץ. אפילו נאָט אליין

לאכט אויך ניט אימער און איז א מאָל אין כעס, און א מענש דארף ניט זיין בעבער ווי גאָט.

ווען איינער שמייכעלט שטענדיג, איז דער שמייכעל זיין כלי־זיין און מען מוז זיך פאר איהם היטען. ער איז ווי א לאכעדיגע חיה פון די אראבישע לעגענדען, וועלכע לאכט ארוים פון דעם רייזענדען די נשמה און טויטעט איהם לאכענדיג. אן אייביגער שמייכעלע פאסט נאָר פאר א שענע פרוי, וועלכע איז גאָט'ס שמייכעל אויף דער ערד, אָבער אויך זי איז זעהר אָפט א געפאהר און מען דארף זיך פאר איהר אויך היטען...

אייביג לאכען און אייביג שווייגען איז אפשר שען אין דער פּאָעזיע, אין לעבען אָבער קען דאָס ניט זיין, סיידען ביי די, וואָס מאכען דעם שווייגען און שמייכלען פאר א פּראָפעסיאָן צו נארען די וועלט, ווייל די וועלט גלויבט אין דעם און פערגעטערט דאָס. די בעלי המשנה און בעלי הגמרא האָבען אונז זעהר שטארק פער־לויבט דעם שווייגען אלס א געזונטע און גוטע זאך. מעגליך, אז דאָס איז א מאָל געווען א טייערע מידה, דאָך זייט די לומפּען האָבען ערפאהרען, אז די מענשהייט גלויבט אין דעם, האָבען זיי דאָס אָנגענומען פאר א מיטעל צו געמיינהייט און עס גליקט זיי זעהר גוט.

געוועהנליך ניט עס קיין רעגעל אָהן אן אויסנאהמע און שטילקייט און שמייכלען מעגען זיין ביי מאנכע מענשען געבאָרענע טוגענדען, דאָך זאָל מען זיך ניט איילען די שטילינקע און די לאַבעדיגע אָנצוּנעהמען אלס מלאכים׳לאך, כדי מען זאָל שפּעטער קיין חרטה ניט האָבען.

אונגעבעטענע געסט

אײלט זיך ניט צו דערלאַנגען יעדען אײנעם אײער װיזיטנע קאַרטיל, דען איהר קענט אַפּטמאָל טרעפען אויף אַ פּראָ־פעסיאָנעלען „בעזוכער“, און איהר װעט שפּעטער האָבען צו „קלאַפּען און צו בלאָזען“ צײט איהר װעט לעבען.

דער פּראָפעסיאָנעלער בעזוכער איז אַ בריאה, װאָס האַלט אין אײן זוכען בעקאַנטשאַפט און קוים האָט איהר איהם פאַר אײנעם פאָרגעשטעלט, האָט ער שוין אַ קרבן. ער װעט באַלד בעטען יענעמס אַדרעסע און פרעגען װען ער קען איהם „בעזוכען“.

איהר װעט אויסהײלען אַן אַבגעפרוירענעם אויער, פּטור װערען פון אַ היהנער־אויג, אַנטלויפען פון אַ פּיפּערנאָטער, דער־לײזט װערען פון אַ שװיגער און זיך אַרויסדרעהען פון אַ נודניק, איהר װעט זיך אָבער ניט אָבטשעפּען פון דעם פּראָפעסיאָנעלען בעזוכער, קוים האָט ער אײך אײנמאָל געפּאַקט, איז פערפאַלען, ער װעט אײך „װיזיטען“ און טהוט איהם עפּעס!

דער פּראָפעסיאָנעלער בעזוכער האָט שטענדיג פולע װעסטעל־קעשענקעס און בוזים־קעשענעס מיט אַדרעס־ביכלאַך. ער פיהרט מיט זײנע אָפּפער אַ גאַנצע בוכהאַלטעריע. קונדען געהען בײ איהם נאָכ'ן אלף־בית און ער טהוט דאָס בעסטע, װאָס ער קען, ער זאָל חלילה ניט שולדיג בלײבען קײן װיזיט — ער בעזוכט זײ אַלעמען.

דאָס ערגסטע מיט דעם פּראָפעסיאָנעלען בעזוכער איז דאָס, װאָס איהר קענט איהם ניט בעלײדיגען און ניט אַרײנברענגען אין כעס, דען אויב איהר האָט חײנט פאַר איהם קײן צײט ער זאָל אײך אַ קאָפּ פערדרעהען, אָדער סתם זיצען װי אַ געשװיר אויפ'ן

קארט, וועט ער זיך ענטשולדיגען און פערזיכערען, אז ער וועט אייך בעזוכען א צווייטען מאל און איהר מעגט איהם גלויבען, אז ער וועט האלטען ווארט.

פטור צו ווערען פון דעם בעזוכער איז סיידען אוועקצופאהרען אין אן אנדער שטאדט אדער אנטלויפען פון דער מדינה, דען ארויסציהען אין אן אנדער דירה וועט אייך נישט העלפען מחמת פיעלע טעמים: ערשטענס קען ער דאך אייער גאנצע משפחה, און אייערע לאנדסלייט, אייערע נאהענטע און ווייטע קרובים, אייערע פריינד און אייערע בעקאנטע. זייט איהר אן ארבייטער, קען ער אייער באס, און זייט איהר א באס, קען ער אייערע ארבייטער. אויב איהר זייט א סוחר, ווייס ער אייערע קונדען, אויב איהר זייט א קונד, קען ער אייערע סוחרים, ער ווייס וואו און מיט וועמען איהר האנדעלט און וואו איהר פערקעהרט, מיט איין ווארט — איהר וועט פון איהם ניט ענטרינען און ניט געגעזען ווערען. אויפ'ן לעצטען פאל איז ער נישט קיין „גרינער" און ער „פאקט" אייך דורכ'ן פאסט־אפיס אדער דורך די „הויזקיפערקע" און שטאטעט אייך אב א וויזיט.

דער פראפעסיאנעלער בעזוכער טראגט ארום גאנץ „גרויס ניו יארק" מיט זיך, דען וואו איהר ניט א ווארף א שטיין, האט ער א הויז, וואס ער בעזוכט, און יעדעס הויז איז ביי איהם פערשריעבען.

ווען איהר האט די זכיה זיך צו בעקענען מיט דעם פראפעסיא־נעלען „בעזוכער", מוזט איהר גלויבען אין דער מעשה פון שמריה נאז, וואס פלעגט לויפען פון ווילנא נאך באררדיטשעוו צו פוס כאפען ביי א בעקאנטען א שמעק טאבאק. דען דער „בעזוכער" פאלט אויך מאנכעס מאל אריין צו אייך מיט א מאדנע מעשה וואס איהר וואלט געגעבען א טאלער אבי נישט צו וויסען פון איהר.

עס איז כדאי צו פערשטעהן אז דער דאזיגער „בעזוכער" איז ניט קיין איבערקלייבער און ער בעזוכט ווייבער אויך. אויב דער

מאַן איז גראָד נישטאָ אין דער היים, איז די ווייב אויף אַ סחורה און וואָס עס האָט געזאָלט אויסגעהן צו א י ה ם, געהט אוים צו א י ה ר. ער פרעגט אוים און ד ע ר צ ע ה ל ט איהר אָן, פערדרעהט איהר אַ מח, אַז זי דאנקט גאָט, ווען זי ווערט פון איהם פטור.

דער פראָפעסיאָנעלער בעזוכער איז קיין מאָל ניט אייער אמת'ער פריינד, ער איז קיינעמס אַ פריינד. ער האָט איבערהויפט קיין פריינד ניט. ער האָט נאָר געגענשטענדע, וועלכע בעפריעדיגען זיין בייזע ליידענשאפט צו פלאגען מענשען און זיין נבזה'דיגע געוואָהנהייט צו זיצען אין פרעמדע הייזער.

דער פראָפעסיאָנעלער „גוט יום טוב ביטער" וועט אייך זעלטען, כמעט קיין מאָל ניט, איינלאַדען צו זיך. ער וועט נאָר געהן צו א י י ך. ער איז אזוי ווי דער בייזער גייסט, וואָס זוכט צו פערפאָלגען און צו שטראָפען די שטערבליכע מיט זיין פינסטערע געגענוואַרט, וואָס יאָגט זיך נאָך די מענשען. ביי דעם פראָפעסיאָנעלען „בעזוכער" איז די בעזוכענים אַ קראנקהייט. ער איז אונצופריעדען מיט זיין חולנית'דיגען „איך". ער געפינט אין זיין אייגענע פערפושערטע נשמה קיין מנוחה, און ער לויפט אום צו רויבען דעם פריעדען פון אנדערע. ער איז דער פערשאָלטענער רוח, דער גלגול, וואָס האָט ניט קיין רוה און זוכט זיך אריינצוכאפען אין אַן אונשולדיגע זעעלע.

דיעזער אייביגער ג א ס ט אָדער ג י י ס ט וועט קומען צו אייך מיט אַ שמייכעלע, שטענדיג אויפגעראַמט ביי זיך. ער וועט רעדען מיט אייך איבער פערשיעדענע זאַכען, איהר וועט איהם מאנכעס מאָל פערגעבען זיין צודרינגליכקייט און — רעכענענדיג איהם פאַר אַ פריינד — דערצעהלען אייערע צרות, ער וועט אייך אויסהערען מעכאַניש און וועט אייך אפשר מעכאַניש אַן עצה געבען, אָבער אין גרונט גענומען געהט איהר איהם ניט אָן, פערקעהרט, ער קומט אויסניצען דאָס ביסעל פרייליכעס און צופריעדענעס וואָס

עס געפינט זיך אין אייך. ער קומט אייך בעזוכען, אָבער ניט אומזיסט! ער וויל הנאה האָבען דערפון.

אָט דער סאָרט „בעזוכער" געפינט זיך מעהרסטענטיילס צווישען אַלטע בחורים, צווישען מענער וואָס האָבען סכסוכים מיט זייערע פרויען; צווישען באָרדער וואָס האָבען די ווייבער אין דער ליטאָ, רומעניען אָדער גאַליציען און זיי אַליין לויפען אום ווי די הונגעריגע וועלף זוכען, אפשר וועלען זיי עפּעס געפינען וואָס צו פערצוקען...

מאַנכע פון די פּראָפעסיאָנעלע בעזוכער בענוגענען זיך בלויז מיט איין פאַמיליע, אָבער קוים זעצען זיי זיך אָן אויף איהר, איז פערפאַלען. איהר מעגט עסען אָדער שלאָפען, בענשען אָדער לייענען קריאת שמע, צעהלען געלד אָדער צעהלען קללות, קושען די קינדער אָדער זיך „ווערטלען" מיט דער „אידענע", דער „בעזוכער" וועט אימער זיין דערביי. איהר ווערט מיט איהם אזוי איינגעוואָהנט, אַזוי בעקאַנט אויף אויסענווענינ, אזוי מורגל אין זיין צורה, אז ווען ער זאָל א מאָל ניט קומען, דאכט זיך אייך, אז ער פעהלט. נאָר דאן, ווען ער זאָל פּלוצלונג אויסלינקען א פּוס, כאַפּען א בעלעם אויף אַן אויג אָדער קריגען א שווערע ניערען־ענטציגדונג און זאָל נעלם ווערען אויף א האַלב יאָהר — דאן ערשט וועט איהר זיך ארומזעהען, אז ער פעהלט אייך ווי א לאָך אין קאָפּ.

זייט אַלזאָ פאָרזיכטיג מיט מאַכען בעקאַנטשאַפט און מיט געבען אייער וויזיטנע קאַרטיל צו א נייעם בעקאַנטען, דען מעגליך, אז איהר האָט שוין איין „טויט־מאַכער" און איהר וועט קריגען א צווייטען.

זי האט געווײנט

דאס האט געזאלט זיין א פּרעכטיגער באל מיט א פּרייז פאר דער „קעניגין“. זי האט זיך צו דעם דאזיגען באל געוואלט מאכען א שענע קלייד, אבער דאס איז איהר זעהר שווער געפאלען.

זי האט געהאט די סחורה, א העל־בלויע טולינע וואלענס, זי האט געהאט די פאזמענטור, דאס שניידער־געלד און איבערהויפּט א פינור מיט אלע מפרשים, מיט אלע ארטיסטישע שטריכען.

א געזיכט פון א מאדאנא, א ווייסען שוואנענהאלז, א ברוסט ווי א פאנצער, רונדע אבגעטאקטע היפטען און א דינע טאליע, ווי דאס העלזעל פון א שאמפּאניער־פלאש; אין גאנצען איז זי געווען שלאנק און פריש ווי א פאלמע. מיט אזא געשטאלט קען מען זיין די קעניגין פון א באל, אפילו ווען ראפאעל זאל בעשטימען דעם פּרייז.

זי האט אלץ געהאט, אפילו שכל אויך, און דאך האט זי ניט געגעבען געהען איהר קלייד צוליעב א פראגע, אן ערנסטע פראגע, וואס זי האט ניט געקענט פערענטפערען.

ווי זאל זי מאכען איהר קלייד?

זאל זי עס מאכען דעקאלטירט, אויסגעבלויזט פארענט און הינטען, מען זאל ארויסזעהן דאס נאקעטע לייב, אדער אפשר פערשטעלען די אויסגעבלויזטע ערטער מיט א מין לייכטע דורכזיכטיגע גאז, מיט א פענסי טול?

אפשר גאר ניט אויסנארסעווען, נאר אויסצאצקען פארענט א שענעם, פערמאכטען בוזים און הינטען א רייכען, גאנצען, פולען קארטשיק, א פיינעם „יאוק“, וואס זאל פערשטעלען די האלז ביז

אויבען ארויף און דארט זאל ער זיך פערזיעגלען מיט א זיידענעם שלייף און געגוג?

פריהער האט זי וועגען דעם אליין געטראכט, שפעטער האט זי זיך מישב געווען מיט איהרע חבר'טעס און בעקאנטע, און קענענדיג מיך, אלס פריינד פון איהר פאטער'ס הויז און אלס א „איצט־ וועלטיגען", האט זי זאגאר, האלב פערשעמט, האלב דרייסט, זיך געווענדעט צו מיר מיט דער הארבער שאלה: וואס זי זאל טהאן.

אן אנדערער אויף מיין ארט וואלט זיך אפשר גאר אויס־ געלאכט: א מעשה דאס איז א ביסעל! יא אויסגעגארסעוועט, ניט אויסגעגארסעוועט, וואס ווערט דא דערפון?

איך האב אבער די זאך אנדערש בעטראכט.

אין דער מיידעל'ס פראגע וועגען איהר באל־קלייד האב איך דערזעהן די מלחמה צווישען די אלטע אידישע „צניעות", די אלטע מאראל, און די נייע מאדע, דעם יונגען בעגריף וועגען פרויען־ אנשטאנד און פרויען־לעבען.

איך האב געזעהן, אז אן ארענטליכע אידישע טאכטער אפילו ווען זי ווערט א פרייע (דאס מיידעל איז געווען א בונדיסטקע), ערלויבט זי זיך אויך ניט אזוי גיך ארויסצושטעלען די נאקעטע טיילען פון איהר קערפער, וועלבע זייגען זאנסט בעהאלטען, אין א געזעלשאפט פון מענער.

דאס מיידעל האט געהאט געשניצטע גליעדער, וואס וואלטען אפילו א געטין נעטליבער געמאכט. אזא האלז, אזעלבע שולטערן זיינען א מצוה צו ווייזען פאר מענשען! זאלען זיי זעהען און בעוואונדערן גאט'ס בעשאף, די אוצרות פון דער נאטור. זאל זיך דאכטען זיי זעהען דאס אין א מוזעאום פון קונסט. אבער די אידישע שענהייט האט געקלערט: „וואס וועלען לייט זאגען?"

וועגען מאכען קורץ די ארבעל און לאזען א נאקעטע האנד, ראט זי ניט אזוי שטארק געטראכט, ווי וועגען די הוילע שולטערן.

זי האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען דעם ריכטיגען איינדרוק, וואָס זי וועט מאַכען אויף יונגע לייט. זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט זיי בעצויבערן, —דער שפּיגעל האָט זי ניט גענאַרט,— זי האָט אָבער ניט געקענט קומען צום בעשלוס, אויב מען וועט זי בעטראַכטען פאַר אַ וואולגאַרנע, ביליגע סחורה, אָדער זי וועט נאָך שטייגען אין ווערטה צוליעב איהר שענהייט.

זי האָט געוואוסט, אַז די גרעסטע צאָהל קאַוואַליערען וועלען איהר לאַדען צום טאַנץ; זי האָט אָבער ניט געקענט בעגרייפען דעם געפיהל פון דעם יונגען מאַן, וואָס וועט טאַנצען מיט איהר, ווען איהר קלייד וועט זיין אויסגעבלויזט ביז טיעף אין בוזים אריין.

וואָלט אַן עדעלער יונגער מענש, אַ מאָראַלישער מענש, איהר אויך געלאַדען צום טאַנץ און וואָלט ער וועלען הייראַטען מיט אַ מיידעל, וועמעס קאָרטשיק עס איז ליבעראַל אויסגעשניטען און דער סטאַניק כאַפּט פאָרענט טאַגען? זי ווייס, אַז זי איז אונ־שולדיג, ריין פון יעדע זינד, אפילו פון אַ זינדיגען שאָטען אין דער מחשבה, — וועט אָבער דער בחור, וואָס וועט טאַנצען מיט איהר, אויך דאָס זעלביגע וויסען?

פון וואַנען?

וועט דאָס נאַקעטע לייב ניט רעדען אַן אַנדער לשון?

דער יונגער מאַן וועט נאָר קוקען אויף די אויסגעבלייזטע ערטער. ער וועט זינדיגען מיט די געדאַנקען; ער וועט זינדיגען מיט איהר, ווען זי וועט ניט וויסען דערפון; ער וועט איהר מאַכען פאַר אַ געפאַלענע אין דער צייט, וואָס זי איז גאָר גאָט די נשמה שולדיג.

און וועמעס שולד וועט דאָס זיין, ווען ניט איהר איינענע? זי וועט דאָך איהם אַליין אויפרייצען מיט איהר פערשייטען קלייד; זי וועט דאָך איהם צווינגען דערצו.

גלייך האָט איהר געאַרט אַ צווייטע פראַגע:

איז די נאקעטע שענהייט אזוי צוציהענד, ווי די פערדעקטע? איז ניט די פארשטעלונגס־קראפט שטארקער, ווי די ווירקליכקייט? ווייזען צופיעל שענהייט איז פונקט ווי ווייזען צופיעל חכמה. עס מאכט א פערקעהרטע ווירקונג, און צו־וואס שטעלען טאקע פרויען ארוים אזוי פיעל זייערע הוילע גליעדער? אויף די רייכע אריסטאָקראטישע בעלער אָדער אין דער אָפּערא ערשיינען דאָך די פרויען און מיידלעך ממש האלב נאקעט.

איז דאָס אָרענטליך אזוי? איז דאָס מאָראליש, אפילו ווען אונזער מאָראל זאָל שוין זיין לויט דעם נייעסטען זשורנאל?

זי האָט נאָך אָבער געפונען אין הארץ א שטיקעל זכות פאר די שענע פרויען: יעדער מענש זוכט צו שטאָלצירען מיט זיינע מעלות, בפרט ווען ער קען נאָך דערמיט פערשאפען מענשען פערגעניגען. איז דאָס אָן עולה? בעהאלט די זון איהר גאָלדענעם שיין? זוכט דען ניט די לבנה צו קאָקעטירען, און ווינקען ניט די שטערן ארונטער? בעהאלט די רויז איהר פארב אָדער איהר פארפיום, און וואקסען ניט די בלעטער אויפ'ן בוים מיט די שענערע זייט פון אויבען?

מיאוס איז נאָר, ווען מיאוס'ע פרויען גאָרסעווען אוים זייערע קליידער. פוי! דאָס איז עקעלהאפט, עס בעליידיגט די אויג און קאליעטשעט די געפיהלען. ווי זינדיג דאָס איז ארויסצושטעלען א שווארצע ברוסט מיט פלעקען אָדער פימפּעלס, א דארע האנד מיט א שפּיציגען עלענבויגען, אָדער אן אויסגעצויגענע האלז מיט א קנופּ! דאָס איז גאָט'ס לעסטערונג, דאָס איז אונמאָראליש. א פרוי זינדיגט דערמיט; זי זאָל דאָס ניט טהאָן.

אָט מיט אזעלכע רעיונות איז זי ארומגעגאנגען און האָט ניט געוואוסט, וואָס פאר א קלייד זי זאָל זיך נעהען. זי איז הונדערט מאָל געשטאנען ביים שפּיגעל און געמאָסטען אויף זיך די ווארע. זי האָט אָבגעקנעפּעלט איהר כטאניק, אונטערגעבויגען איהר לייב־

בעפּוצונג מיט אַ שטיק איבער דער ברוסט. עס האָט איהר אַ קלאַפּ געטאָן אין הארץ, זי איז צום ערשטען מאָל אַזוי נתפּעל געוואָרען פון זיך אַליין, פון איהר אייגענעם קערפּער, זי האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי דאָס וועט אויסזעהען אין אַ פּולען זאַל מיט מענשען, איבערהויפּט מיט מאַנסלייט...

איהרע חבר'טעס האָבען איהר געראַטהען פערשיערדען. אַ פּאָר מיאוסע מיידלאַך האָבען געזאָגט, זי זאָל די קלייד ניט גאָרסעוועז... אַ שענע בלאָנדינקע האָט איהר געהייסען „גאָרסעוועז אַ ביסעל"... מיין מיינונג איז געוועזן, זי זאָל ערשיינען אַזוי שען ווי מעגליך.

איך בין אויפ'ן באַל ניט געוועזן, און האָב ניט געזעהן איהר קלייד, איך ווייס אָבער, אַז זי האָט געוואונען דעם פּרייז און, קומענדיג אַהיים, האָט זי געוויינט...

הלל צו דער לבנה

(פריי נאָך דעם ענגלישען)

צווישען די גרויסע, מוזיקאַלישע גאונים פון אַלע צייטען זיינען בלויז געווען עטליכע, וואָס האָבען זיך געקענט פערגלייכען מיט לודוויג וואַן בעטהאָווען. דיעזער בעריהמטער מאַן איז געבאָרען געוואָרען אין באָנן, דייטשלאַנד, אין דעם יאהר 1770 און איז געשטאָרבען אין וויען אין 1827.

מען מעג זיכער זאָגען, דאָס בעטהאָווען'ס מוזיקאַלישע חיבורים האָבען בעשאַפען א נייע צייט אין דער היסטאָריע פון מוזיק, און זיינע געפליגעלטע קאָמפּאָזיציעס פערליערען נאָך אפילו איצט אויך קיין שאָטען פון זייער גרויסקייט. פערקעהרט, מיט דעם לויף פון די יאָהרען קריגען זיי נאָך מעהר צויבער און מעהר חן.

בעטהאָווען'ס לעבען איז געווען א טרויעריגער. ער האָט, ווי א סך גרויסע גייסטער, געבלאָנדזשעט און געוואַנדעלט אַליין אויף דיעזער גרויסער וועלט... דערצו איז ער נאָך געווען טויב, נערוועז, קראַנק און צובראָכען, און דאָס רוב שלעכט בעהאַנדעלט און פעררא͏טהען פון די, וואָס האָבען זיך גערופען זיינע „פריינד“. דער ריכטיגער מזל פון א זשעני...

ווי וויים דער גייסט פון דעם מוזיקאַלישען שעקספּיער האָט זיך אָבער אריבערגעהויבען איבער אַלע צרות, ליידען און רשעות, קען מען נאָר פערשטעהן און פיהלען, ווען מען הערט זיין אונ־שטערבליכע מוזיק. די מעשה'לע, וואָס איך גיב איצט דערצעהלען, אילוסטרירט די גוטסקייט פון זיין נאַטור און וויזט, ווי מאַנכע פון זיינע מייסטערווערק זיינען די רעזולטאַטען פון זיין מאָמענטאַנער בעגייסטערונג.

דאָס איז געווען אין באַנן. אין א ווינטערדיגע לבנה־אבענד האָב איך בעזוכט בעטהאָווען, איך האָב געוואָלט מיר זאָלען זיך אביסעל דורכשפּאַציערען און נאכהער ביידע צוזאמען עסען אבענד־ברויט.

ער איז מיט מיר געגאַנגען, אבער דורכגעהענדיג דורך א שמאָלע, פינסטערע, אָרעמע געסעלע האָט ער זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און פערטראַכט.

„שאַ!" האָט ער געזאָגט, „וואָס הער איך דאָ פאַר קלאַנגען? דאָס איז פון מיין סאָנאַטע אין „עף". הער, ווי גוט דאָס ווערט געשפּיעלט!"

דאָס איז געווען א ניעדריגע, בויפעליגע הייזעל, פון וואַנען די טענער זיינען געקומען... מיר זיינען געשטאַנען דרויסען און זיך איינגעהערט. דער שפּיעלער האָט אַלץ ווייטער און ווייטער געשפּיעלט, אָבער אין מיטען פון דעם „פינאַל" איז ער פּלוצלונג שטיל געוואָרען; מיר דאַכט, אז איך האָב געהערט, ווי א טאָן איז געשטאָרבען... און באַלד האָט זיך דערהערט א הערצרייסענדע זיפצעריי:

„איך קען מעהר ניט שפּיעלען, איך קען ניט. אַך, דאָס איז אזוי שען, אזוי שען... עס איז אונמעגליך פאַר מיין אָרעמע קראַפט צו בעהאַנדלען אזא שטיק נשמה־אויסגוס, ווי עס געהער צו זיין. אַך, וואָס וואָלט איך ניט אַוועקגעגעבען, איך זאָל קענען געהן אין טעאַטער צום קאָנצערט!"

„מיין אָרעמע, אָרעמע שוועסטער!" האָט זיך אָבגערופען א צווייטע שטימע, „וואָס לוינט זיך צו ערגערן איבער א זאַך, וועו עס העלפט ניט? דו רעדסט וועגען געהן צו בעטהאָווען'ס קאָנצערט, מיין שוועסטער, ווען מיר קענען אונזער דירה־געלד ניט בעצאָהלען."

„דו ביזט גערעכט; דאָך וואָלט איך וועלען כאָטש איין מאָל

אין מיין לעבען הערען אמת־גוטע מוזיק. נאָר וואָס העלפט עס? דאָס וועט קיין מאָל ניט געשעהן..."

בעטהאָווען האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע טרוימע־רישע אויגען און האָט ענדליך געזאָגט: „לאָמיר אריינגעהן."

„אריינגעהן!" האָב איך אויסגעשריען. „צו וועלכען צוועק קענען מיר דאָרט אריינגעהן?"

„איך וועל שפּיעלען פאַר איהר!" האָט ער געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטימע. „דאָ איז פאַראַן געפיהל, זשעני, פער־שטאַנד. איך וועל שפּיעלען פאַר איהר, זי וועט מיך פערשטעהן."

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף דער האַלב־איינגעזונקענער הייזעל, אויף איהר קליינע, צופוילטע טהיר, און האָב נאָך געוואָלט עפּעס בעמערקען; אבער איידער איך האָב געקענט אויסרעדען אַ וואָרט איהם אָבצוהאַלטען, איז שוין זיין האַנד געלעגען אויף דער קליאַמקע. די טהיר האָט זיך געעפענט און מיר זיינען אריין.

אַ בלייכער יונגערמאַן איז געזעסען ביי אַ טישעל און האָט געמאַכט שיך, און נעבען איהם, ביי אַן אַלטמאָדישע, אָבגעריבענע פּיאַנאָ איז געזעסען אַ יונג מיידעל מיט אַ ים גאָלדענע האָר צולאָזען איבער איהר בליהענדעס, מעלאַנכאָלישעס געזיכט.

„ענטשולדיגט מיר," האָט בעטהאָווען געזאָגט. „איך האָב געהערט מוזיק און בין אריינגעגאַנגען. איך בין אַ מוזיקאַנט..."

דאָס מיידעל האָט זיך פערשעמט, און דער יונגער מאַן האָט אונז אָנגעקוקט שאַרף און אַזוי ווי אַ ביסעל אונצופריעדען...

„איך... איך האָב אויך עטוואָס געהערט, וואָס דו האָסט גערעדט," האָט בעטהאָווען פאָרטגעזעצט, זיך ווענדענדיג צו דעם פערשעמטען מיידעל, „זאָל איך אפשר עפּעס שפּיעלען פאַר דיר?"

די גאַנצע סצענע איז געוועזן אַזוי מאָדנע, און אין דער בענעהמונג פון מיין זשעניאַלען פריינד איז עפּעס געלעגען אַ מין

קאָמיזם און אַ טרייסטענדע אַנגענעהמליכקייט. דאָך דער שטילער צויבער איז באַלד אונטערבראָכען געוואָרען.

„מיר דאַנקען אייך,“ האָט געזאָגט דער שוסטער. „אונזער פּיאַנאָ איז אַלט, און מיר האָבען ניט קיין נאָטען...“

„קיין נאָטען!“ האָט בעטהאָווען האַסטיג אונטערגעכאַפּט מיט שטוינען. „ווי אַזוי האָט דען דאָס פריילײן...“ ער האָט זיך באַלד פערהאַקט און איז רויט געוואָרען, דען ווען ער האָט אריינגעקוקט אין דעם פּנים פון דעם יונגען מיידעל, האָט ער דערזעהן, אַז זי איז בלינד. — „איך... איך ביטע אום ענטשולדיגונג,“ האָט ער געשטאַמעלט. „איך האָב דאָס פריהער ניט פערשטאַנען. אַלזאָ שפּיעלט איהר פון געהער? וואו אָבער האָט איהר געהערט די מוזיק, ווען איהר בעזוכט ניט קיין קאָנצערטען?“

„מיר האָבען מיט צוויי יאָהר צוריק געוואוינט אין ברין און, זייענדיג דאָרטען, פלעג איך הערען אַ דאַמע שפּיעלען נעבען אונז. אין די זומער־אָבענדען פלעגט איהר פענסטער דאָס רוב אָפען זיין. איך בין בכיון אַרומגעגאַנגען דרויסען הין און צוריק און האָב זיך איינגעהערט, ווי שען און לעבעדיג זי שפּיעלט.“

זי האָט אויסגעזעהן אַזוי אונשולדיג, אַזוי זיס און ליעבליך, דאָס בעטהאָווען האָט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט, האָט זיך שטילערהייט אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ און אָנגעהויבען שפּיעלען.

ווי ניך ער האָט נאָר אַרויסגעצויבערט דעם ערשטען קלאַנג, האָב איך שוין פערשטאַנען, וואָס דאָ וועט געשעהן. קיין מאָל, אונטער די אַלע יאָהרען, וואָס איך האָב איהם געקענט, האָב איך איהם ניט געהערט אַזוי שפּיעלען, ווי ער האָט געשפּיעלט פאַר דעם בלינדען מיידעל און איהר ברודער.

ער איז בעגייסטערט געוואָרען ווי אַ נביא, און פון דעם אויגענבליק, וואָס זיינע פינגער האָבען גענומען וואַנדערן צווישען

די ביינדלעך, זיינען די טענער פון דעם טויטען אינסטרומענט געוואָרען אלץ זיסער און זיסער און האָבען גערעדט פון וועלטען און זאכען, פון טיעפע, הייליגע, אונבעגרייפליכע סודות, וואָס נאָר גרויסע נשמות קענען פערשטעהן.

דער ברודער מיט דער שוועסטער זיינען געבליעבען ווי פערגליווערט פאר וואונדער, איבערראשונג און ענטציקונג. דער ערשטער האָט ארויסגעלאָזען פון האנד זיין קאפּול, און די צווייטע, מיט איהר בלאָנדען קאָפּ עטוואָס אויסגעבויגען פאָראויס און איהרע הענד האלטענדיג שטארק צוגעפּרעסט צו איהר ברוסט, איז צוגעקראָכען ביז צום ברעג פון דער פּיאנאָ, פּונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אז דאָס קלאַפּען פון איהר איינענעם הארץ זאָל ניט שטערען דעם שוואונג פון די מאגישע טענער.

פלוצלונג האָט זיך דער פלאַם פון דער קליינער, שמינקלענדער ליכטעל גענומען טונקען, מאטערען, ציטערען, פאָכען מיט דער קליינער, אָרעמער אייזערנער נשמה — און איז אויסגעגאַנגען. בעטהאָווען האָט א רגע אויפגעהערט און איך האָב אויפגעמאַכט די לאָדען און אריינגעלאָזען א שטראָם פרישע לבנה־ליכט. דאָס צימער איז כמעט געווען אזוי ליכטיג ווי פריהער. די זילבערנע שטראהלען זיינען געפאלען צום שטארקסטען אויף דער פּיאנאָ און דעם שפּיעלער.

זיין קאָפּ איז איהם ארונטערגעפאלען אויף זיין ברוסט און זיינע הענד האָבען גערוהט אויף זיינע קניע; ער האָט אויסגעזעהן פערזונקען אין טיעפע מחשבות. ער איז אזוי געבליעבען עטליכע מינוטען. ענדליך האָט זיך דער יונגער שוסטער אויפגעהויבען און איז נייגיעריג און אונגעדולדיג צוגעגאַנגען צום פערקלערטען מייסטער.

„וואונדערליכער מאן!“ האָט ער געזאָגט מיט א ציטערנדען, נערוועזען טאָן. „ווער ביזטו?“

„הער זיך איין!" האָט בעטהאָווען געזאָגט און האָט גענומען שפּיעלען דעם אָנפאַנג פון זיין סאָנאַטאַ אין „עף".

אַ געפיהל פון בעגייסטערונג און אָנערקענונג האָט אויס־געבראָכען ביי די צוויי און אויסשרייענדיג: „אַלזאָ, זייט איהר בעטהאָווען!" האָבען זיי בעדעקט זיינע הענד מיט טרערען און קושען.

ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן, נאָר מיר האָבען איהם ניט געלאָזען. מיר האָבען איהם צוריקגעהאַלטען מיט תחנונים: „שפּיעל פאַר אונז נאָך איין מאָל, נאָר נאָך איין מאָל!"

ער האָט זיך געלאָזט פון אונז איבעררעדען און איז צוגעגאַנגען נאָך אַ מאָל צום אינ־טרומענט.

די לבנה האָט אַריינגעשיינט דורכ'ן פענסטער און האָט בעלויכטען זיין גרויסאַרטיגען קאָפּ און זיין מאַסיווע פיגור.

„איך וועל פערפאַסען אַ הלל צו דער לבנה!" האָט ער געזאָגט, אַרויסקוקענדיג פערטראַכט צום אויסגעשטערנטען הימעל. דאַן זיינען זיינע פינגער אַרויפגעפאַלען אויף די ביינדלעך ווי אַ חלום, און ער האָט אָנגעפאַנגען שפּיעלען אַ טרויעריגע, אונבעשטימטע און ליעבליכע פאַנטאַזיע, וועלכע האָט געפויזעט לאַנגזאַם און פּאַמעלאַך איבער דעם אינסטרומענט, ווי דער שטילער שיין פון דער לבנה איבער דער פערשלאָפענער ערד.

דאָס איז אָבער באַלד בעגליים געוואָרען פון אַ ווילדען איבער־גאַנג, אַ זעלטענעם, איבערנאַטירליכען „אינטערליוד", ווי דער טאַנץ פון גייסטער אויף אַ בעגרינטע וויזע. דאַן איז געקומען אַ שנעלע „אגיטאַטאָ פינאַלע", אַן אָטעמלאָזע, איילענדע, ציטערנדע בעוועגונג, אַ האַרץ־ און לייב־דורכבויערנדער גוסט, וואָס האָט אונז אויפ־געהויבען אויף פלאַטערנדע פליגעל און האָט אונז אַלעמען אַוועק־געטראָגען אין אַנדערע וועלטען און איבערגעלאָזען אין בעגייסטער־טער ערשטוינונג און וואונדער.

„פערבלייבט געזונד!“ האָט בעטהאָווען געזאָגט, אָבשטויסענ־
דיג פון זיך זיין שטוהל און זיך אומקעהרענדיג מיט זיין געזיכט
צו דער טהיר. „זייט געזונד!“

„וועסטו אונז נאָך אַ מאָל בעזוכען?“ האָבען זיי געפרעגט
ביידע אין איין אָטעם.

ער האָט זיך פערטראַכט און געקוקט מיט מיטלייד כמעט
צערטליך אויפ׳ן פּנים פון דעם אָרעמען, בלינדען מיידעל.

„יא, יא,“ האָט ער געענטפערט אין געשווינדיגקייט. „איך
וועל קומען ווידער און וועל געבען דעם יונגען פריילין מאַנכע
לעקציאָנען. זייט געזונד! איך וועל ווידער קומען!“

זייערע בליקען האָבען אונז בעגלייט מיט אַ שטילקייט, וואָס
האָט גע׳טענה׳ט מעהר ווי ווערטער, ביז מיר זיינען פערשוואונדען
געוואָרען.

„שנעל לאָמיר לויפען אהיים,“ האָט בעטהאָווען געזאָגט.
„איך וויל געהן אויפשרייבען די סאָנאַטע, כל זמן זי איז נאָך פריש
אין מיין זכרון.“

מיר האָבען אזוי געטהאָן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין
שרייב־טיש און געשריעבען אַ גאַנצע נאַכט ביז אין גרויסען טאָג
אריין.

קאטאלאג

פון די

אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

פרייז

פיליפ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, געבונדען,
יעדער באַנד .... .75
" " פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען 1.00
" " אַמעריקאַ פאר קאָלומבוס, געבונדען ...... .50
" " יציאת מצרים, פאַפיער .... .15
" " וואָס הייסט נאַציאָן .... .10

לעבענס־בעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער.
אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דענקער,
פאָעטען און שריפטשטעלער פון דער אַלטער און נייער
צייט, אין 3 בענדער, געבונדען, יעדער 1.25

מאָרים ראָזענפעלד, שריפטען, 1טער סעט, באַנד 1, געבונדען 1.00
" " " " " " 2 " 1.00
" " " " " " 3 " 1.00
" " נייע שריפטען 2טער סעט, באַנד 4, געבונדען 1.25
" " " " " " " 5 " 1.25
" " " " " " " 6 " 1.25

פרייז

ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 2 בענדער, געבונדען, יעדער באנד 75.

" איזיק שעפטעל, דראמא .... 15.

דר. קאספע, מעכאניקע .... 10.

" " כעמיע .... 15.

" " אסטראנאמיע 15,

יהואש, געזאמעלטע ליעדער, געבונדען 1.00

י. גארדין, ערצעהלונגען, געבונדען .... 75.

" " סאפפהא .... 25.

" " גאט, מענש און טייפעל .... 25.

" " אלישע בן אבויה .... 15.

" " דער אונבעקאנטער .... 20.

" " די אמת'ע קראפט .... 20.

מאקסים גארקי, ערצעהלונגען .... 15.

" " אינטערנזיום .... 15.

ליעוו טאלסטאי, איינציגער מיטעל .... 5.

" " פאטריאטיזמוס און רעגירונג .... 5.

" " צום ארבייטער פאלק .... 15.

דר. ח. זשיטלאווסקי, דער סאציאליזם און די נאציאנאלע פראגע .... 40.

ז. ליבין, געקליבענע סקיצען, געבונדען .... 75.

מ. באראנאוו, דער מענש און די נאטור .... 10.

לעאפ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא .... 20.

הענריק איבסען, די גייסטער " .... 20.

„קניאז פאטיאמקין" .... 20.

דר. ש. פעסקין, סטרייקס......................... 5.

OXFORD

פרייז

דזשאהן סטוארט מילל, פרייהייט, איבערזעצט אויס דעם
ענגלישען אריגינאל מיט א ביאגראפיע פון פערפא-
סער, פון דר. י. א. מעריסאן, מיט אן הקדמה פון
דר. ח. זשיטלאווסקי, געבונדען .... .75

דר. פאול עלטצבאכער, דער אנארכיזם, איבערזעצט פון דר.
י. א. מעריסאן, געבונדען 1.00

מיכל קאפלאן, גהעטא-קלאנגען .... .25

פאלגענדע ווערק ווערען פערפערטיגט צום דרוק:

אַ פאָלשטענדיגע אויסגאַבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען

דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען

ליעסינג'ס געזאַמעלטע ליעדער

יודישע פאָלקס־ליעדער געזאַמעלט פון י. ל. כהן

דער מטורף, דראמא אין 4 אַקטען, פון יעקב גאָרדין

ל. טאָלסטאָי'ס די שקלאַפעריי פון אונזער צייט

" " דער סוף פון דער היינטיגער וועלט

" " די אויפשטעלונג פון גיהנם

" " וועגען דער געזעלשאַפטליכער בעוועגונג אין רוסלאַנד

" " תחית המתים

היינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי

געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט פון י. ענטין

אדרעסירען:

The International Library Pub. Co.

102 & 104 W. 38th ST.

NEW YORK.

DOMINUS ILLUMINATIO MEA

Taylor Institution Library
OXFORD

PRESENTED BY
M. & Mme Valier
in memory of
Benjamin Fastag/Kessler

Bodleian Libraries
UNIVERSITY OF OXFORD

This book is part of the collection held by the Bodleian Libraries
and scanned by Google, Inc. for the Google Books Library Project.

For more information see:

http://www.bodleian.ox.ac.uk/dbooks

This work is licensed under a Creative Commons Attribution-NonCommercial-ShareAlike 2.0 UK: England & Wales (CC BY-NC-SA 2.0) licence.